ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# בית רבי

## תולדות האדמו"ר האמצעי
## וחתנו האדמו"ר בעל
## הצ"צ ומשפחתם

## אידיש

**445**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

# בית רבי

## תולדות האדמו"ר האמצעי

והתנו

## האדמו"ר בעל הצ"צ ומשפחתם

דער מיטעלער רבי דוב בער נ"ע און זיין איידים רבי מנחם מענדיל
דער צמח צדק פון ליובאוויטש נ"ע.

פון זייער געבארען ביז זייער הסתלקות. אלעס וואס מיט זייא און זייערע קינדער. חברים און תלמידים האט געטראפען. געזאמעלט פון פערשיעדענע ספרים און אויך פון ריכטיגע קוועלען


דורך ר' חיים מאיר היילמאן, מליעפעל.
(מחבר בית רבי בלשון הקדש)


(דער 2-טער און 3-טער טהייל פון בית רבי תולדות הרב)


בהוצאת בית מסחר הספרים של שלמה שרעבערק בווילנא.

## ווילנא

בדפוס דוב ב"ר שאול ציונ'זאהן.

שנת תרס"ה לפ"ק.


---

БЕТЪ РАБЫ
т. е. біографія раввиновъ Б. З. и М. Шнеерсонъ.
Составилъ М. Гельманъ.


Изд. и собственность книгопродавца З. Ш. Среберка Вильна.

ВИЛЬНА.
Типографія Б. Ціонсона, Завальная ул. д. № 35.

1905.

Дозволено цензурою С. Петербургъ 4 Іюля 1904 г.

# תכן הענינים


פרק א דער מיטעלער רבי פון זיין געבורט אונ זיין חאראקטער. 5
פרק ב פון זיין דאוונען, לערנען נגלה, און פון זיין זאגען חסידות. 5
פרק ג דעם אלטען רב׳ם פערלאנג. 6
פרק ד פון זיין ווערען א רבי, זאגען חסידות, אונד פון זיין פירען די רבנות. 7
פרק ה וואס מיט איהם האט זיך פאסירט, דיא התחלקות ביי חסידים. 10
פרק ו זיין קראנקייט, זיין פאהרען אין קארלסבאד, זיין בעזוך ר׳ עקיבא איגר און ר׳ מרדכי באנעט. 12
פרק ז די מסירה קומענדיג אהיים, איהם געבראכט אין וויטעבסק. 14
פרק ח וואס מיט איהם האט פאסירט אין וויטעבסק, ווי ער איז פריי געווארען 17
פרק ט זיין פארען אין היידעץ, איין אנזאג אויף זיין הסתלקות. (פטירה) 19
פרק י זיין קומען אין נעזין. זיין מחלה זייז הסתלקות. 20
פרק יא זיינע זאהנע, טעכטער, איידעמס. 23
פרק יב אייניגע מעשיות (פון איהם) אונ קלוגע ענינים. 26
פרק יג דעם מיטעלען אדמו״ר׳ם בריעף צוא החסיד הנגיד ר׳ משה מייזעלס מווילנא. 32
פרק יד אצווייטער בריף פון מיטעלען רב צו ר׳ משה מייזעלס פון ווילנא. 36


## דריטער טהייל פון בית רבי


טו) פרק א וועגען האדמו״ר הרב הקדש ר׳ מנחם מענדיל נ״ע בעל צמח צדק, זיין געבורט, דעם אלטען רבי׳ס השגחה, זיינע תורה, עבודה, זיין שרייבען נגלה וחסידות. 38
טז) פרק ב וויא אזוי ער איז געווארען א רבי. 41
יז) פרק ג אייניגע ענינים פון זיין גדלות. 43
יח) פרק ד פון זיין פאהרען אין פעטעדבורג. 45
יט) פרק ה אייניגע ענינים וועגען וואס דיא פ״ט קאמיסיע האט זיך בעשעפטיגט 46
כ) פרק ו ד״א אונטערהאנדלונג וועגען לערנען קבלה אונ חסידות, זיין קומען פון פט״ב אהיים, דעם דרוקען דעם הייליגען ספר לקוטי תורה. 47
כא) פרק ז וואס מיט אדמו״ד האט פאסירט, פון יאהר תרט״ו ביז תרכ״ו, זיין הסתלקות. 49
כב) פרק ח דעם אדמו״רס. צ״צ 7 קינדער. 51
כג) פרק ט פון זיינע הייליגע קינדער זייער געבורט אונ פון זייער הסתלקות. 53
כד) פרק י דעם צ״צ זאהן האדמו״ר ר׳ יהודא ליב נ״ע וועל׳כער איז געווען אקורצע צייט ארבי אין קאפוסט. 54

# תכן הענינים


כה) פרק יא האדמו"ר הרב ר' חיים שניאור זלמן געווען ארבי אין ליובאווישט ביז תרכ"ט אונ נאכהער אין לאדי. 57

כו) פרק יב האדמו"ר הרב ר' ישראל נח נ"ע געווען ארבי אין נעזין. 59

כז) פרק יג האדמו"ר הרב ר' יוסף יצחק נ"ע, געווען ארבי אין אוורוטש. וואל' ג' 60

כח פרק יד האדמו"ר הרב ר' שמואל נ"ע, דער ליובאוויטשער רבי (נאך דען צ"צ הסתלקות). 61

כט) פרק טו האדמו"ר הרב ר' שלמה זלמן ז"ל (נכד הצ"צ) נאך זיין פאטערס (ר' יהודא ליב) הסתלקות איז ער געווארען אויף זיין ארט אין קאפוסט ארבי 62


## פערטע טהייל פון בית רבי


ל) עטליכע ווערטער צו דיא לעזער. 64

לא) א די שטעדט וואו די חסידים פארען יעטצט צו די רביים. 65

לב) ב האדמו"ר הרב ר' שמריה נח מבאברויסק. 65

לג) ג האדמו"ר הרב ר' יצחק דובער מלאדי. 66

לד) ד האדמו"ר הרב ר' לוי יצחק מסיראטשין. 67

לה) ה האדמו"ר הרב ר' שלום דובער מליובאוויטש. 67

לו) ו ספורים וואונדערליכע מעשיות פון האדמו"ר צ"צ. 68

לז) ז דעם אלטען רב'ס אהבה צום צ"צ. 71

לח) ח אמעשה נורא פון אדמו"ר בעל צ"צ. 71

לט) ט נאך אוואונדערליכע מעשה פון אדמו"ר בעל צ"צ. 73

מ) י נאך אמעשה פון צ"צ מיט דעם צאסניקער יודען. 75

מא) יא אמעשה פון צ"צ וואס האדמו"ר ר' נחום בן הרב האמצעי האט ערציילט. 76

מב) א דיא סבה פון דער מחלקה פון האדמו"ר הזקן מיט די רביים פון ארץ ישראל 76

מג) ב החיים והמות ביד הלשון. 77

מד) ג אביסעל געהאלפען. 78

מה) ד דיא שרפה. 79

מו) ה דיא גרויסע התפעלות. 80

מז) ו כיבוד אב. 81

מח) ז דער פלייסיגער פאטער. 81

מט) ח אוואונדערליכע מעשה וואס דער קאפוסטער רבי האט ערצעהלט. 82

נ) ט אמעשה פון אדמו"ר הרב ר' שלמה זלמן מקאפוסט. 84

נא) י אמעשה פון הארובניקעס. 86

נב) יא דעם אלטען רב'ס תלמידים אונ חסידים אין 52 פרקים. 87

# תולדות האדמו"ר האמצעי.

## פרק א.

דער מיטעלער רבי פון זיין געבארען ווערען, זיין עדעלער כאראקטער, זיין לערנען.

דער האדמו"ר האמצעי (מיטעלער רבי) הקדוש רבי דובער איז געבארען געווארען אין יאהר תקל"ד. אונגעפער א יאהר נאך דיא הסתלקות פון רבינו הגדול הרב הקדוש רבי דובער מעזעריטשער מגיד. דעם אלטען רב'ס ארבי (רבנו בעל התניא האט דיא וועלט גערופען אדמו"ר הזקן. זיין זאהן רבי דובער—דער מיטעלער רבי, אונ רבי מנחם מענדיל פון ליובאוויטש—דער צמח צדק) דער בעל התניא האט זיין זאהן אנאמען געגעבען "דובער" נאך זיין רבי'ן:

דער מיטעלער רבי איז געווען אזעלטענער ערשיינונג פאר דיא וועלט, ער האט זיך ערווייטערט פון אלע תענוגי עולם הזה, דיא גאנצע וועלט מיט אלע איהרע פערגניגען האט ביי איהם קיין ווערט געהאט, ער איז געזעסען יום ולילה על התורה ועל העבודה, ביי זיין פאטער זיעוכ"י האט געלערנט א תלמיד, ער איז געווען דער גרעסטער מתמיד אין לערנען אונ דאווענען מעהר וויא אלע תלמידים. מיט איהם צוזאמען האט האדמו"ר רבי דובער געלערנט נגלה אונ קבלה. דערצו פלעגט ער פארשרייבען די תורה וועלכע ער האט געהערט פון זיין היילינגען פאטער. ער האט קיין ווארט ניט פערגעסען. דער בעל "התניא" האט אמאל געזאגט אויף איהם דיא ווארטער: וכל מעשיך בספר נכתבים, ד. ה. אלע דיינע מעשים איז צו פארשרייבען אין א בוך:

נאכן פערשרייבען דעם פאטערס תורה, פלעגט ער טיעף אריינקוקען אין דיא היילינגע ווארטער, אונ שרייבען אויף זיי קינסטליכע באורים: אזוי וויא מען קאן זעהן אין זיינע היילינגע ספרים אויף חסידות:

ער איז געווען אזוי פארטיעפט אין חסידות אז זיין איידעם אדמו"ר בעל צמח צדק האט אמאל אויף איהם געזאגט בדרך צחות: ער מיט דיא חסידות איז איין זאך. ווען למשל מ'זאל איהם שניידען אין א פינגער וואלט קיין בלוט ניט געהען נור חסידות.—

## פרק ב.

פון זיין דאווענען. פון זיין לערנען נגלה. פון זיין זאגען חסידות.

זיין דאווענען איז געווען צו בעוואונדערן. טיעף אין זיין הערצען האט געברענט וויא א גרויסער פייער, ער פלעגט זיך אין דאווענען ניט ריר אונ

ניט

נִיט אַקְעהר גֶעגֶעבֶּען מִיט־קֵיין גְלִיד, אוּנ פוּן דֶעסְט וֶועגֶען פְלֶעגְט פוּן אִיהם רֵינֶען שְׁוֵויים וִויא וַואסֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע הִיטְץ וָואס אִין אִיהם הָאט גֶעבְּרֶענְט, מִיט זַיין תְּפִלָּה הָאט עֶר גֶעפּוֹעֶלְט וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט. פִיעל מֶענְשֶׁען זֶענֶען דוּרְךְ זַיין תְּפִלָּה גֶעהָאלְפֶען גֶעוָוארֶען, אִין גֶעזוּנְד, פַּרְנָסָה אוּנ אִין קִינְדֶער, וַוייל גָאר אוֹיבֶען לְמַעְלָה וּלְמַעְלָה פְלֶעגְט זַיין תְּפִלָּה אַרוֹיפְשְׁטַייגֶען, אוּנ אַזַא תְּפִלָּה מוּז בֶּעהוֹיפְטֶען וָואס זִיא וִויל:

אִין נִגְלֶה אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען אַגְרוֹיסֶער גָאוֹן, זַיין הַתְמָדָה אִיז גֶעוֶוען זֶעהֶער גְרוֹים, עֶר פְלֶעגְט פִיל לֶערְנֶען, נוּר עֶר הָאט זַיין גְרוֹיסְקַייט אִין נִגְלֶה נִיט אַלֶע מָאל אַרוֹיסְגֶעווִיזֶען, מֶעהר נִיט וִויא אִין דִיא אֶרְטֶער וואוּ עֶר הָאט בֶּעדַארְפְט אַרוֹיסְזַייזֶען הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעווִיזֶען אַזוֹי וִויא מִיר וֶועלֶען אי״ה שְׁפֶּעטֶער עֶרְצֶעהלֶען פוּן דֶעם עִנְיָן:

זַייעֶנְדִיג נָאךְ בַּייא זַיין פָאטֶער פְלֶעגְט עֶר הֶערֶען דֶעם פָאטֶערְס חֲסִידוּת אוּנ זָאגֶען אִין זַייא טִיעפֶע כַּוָּנוֹת וָואס דֶער פָאטֶער פְלֶעגְט דָאס נִיט מְגַלֶּה זַיין, דֶער פָאטֶער הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: עֶס שְׁטֶעהט גֶעשְׁרִיבֶּען דוֹר דוֹר וְדוֹרְשָׁיו, ד. ה. יֶעדֶער דוֹר הָאט זַיין דוֹרֵשׁ, עֶס קָאן זַיין דָאס עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִיא צַייט פוּן מַיין זָאהן עֶר אִיז שׁוֹין דֶער דוֹרֵשׁ פוּן דֶעם דוֹר, טְהוּט עֶר וִויא עֶר פַארְשְׁטֶעהְט אוּנ אִיךְ קָאן אִיהם נִיט וֶוערֶען:

וִויא גוּט עֶר פְלֶעגְט זָאגֶען חֲסִידוּת קָאן מֶען פַארְשְׁטֶעהֶען פוּן דֶעם סִפּוּר: עֶס אִיז גֶעוֶוען אַחֲתוּנָה בַּייא דֶעם רַב מִיט הָרַב הַקָּדוֹשׁ פוּן בֶּערְדִיטְשׁוֹב, הָאט דֶער בֶּערְדִיטְשׁוֹבֶער גֶעבֶּעטֶען דֶעם רַב עֶר זָאל בַּאפֶעלֶען אוֹיף זַיין זָאהן זָאגֶען חֲסִידוּת, אוּנ אַזוֹיא אִיז גֶעוֶוען, אדמו״ר רַבִּי דוֹבֶּער הָאט עֶטְלֶעכֶע שָׁעָה גֶעזָאגְט חֲסִידוּת, נָאכְדֶעם הָאט דֶער בֶּערְדִיטְשׁוֹבֶער רַב גֶענוּמֶען זַיין לַאנְגֶען טַלִּית קָטָן אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף זַיין קָאפְּף אוּנ גֶעזָאגְט: מַלְאָכִים שְׂרָפִים זָאלֶען דִיר קֵיין עַיִן הָרָע נִיט גֶעבֶּען...

## פרק ג.

דֶעם אַלְטֶען רֶבִּ׳ס פֶּערְלַאנְג.

אֵיינִיגֶע יָאהר פַאר דֶער פְּטִירָה פוּן זַיין פָאטֶער, אִיז גֶעוֶוען אַחֲתוּנָה בַּייא אדמו״ר ר׳ דוֹבֶּער מִיט הָרַב הַקָּדוֹשׁ ר׳ מָרְדְכַי מִטְשֶׁערְנָאבֶּעל נ״ע. הר״ר מָרְדְכַי הָאט גֶעהַאט אַזָאהן הָרַב הַצַּדִּיק ר׳ יַעֲקֹב יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַטָאכְטֶער פוּן אדמו״ר ר׳ דוֹבֶּער, אוֹיף דֶער חֲתוּנָה אִיז גֶעוֶוען דֶער אַלְטֶער רַבִּי, הָאט עֶר דָארְטֶען אַרַיינְגֶערוּפֶען אִין אַ חֶדֶר זַיין זָאהן מִיט הָרַב ר׳ פִּנְחָס שְׁקְלָאוֶוער אוּנ הָאט פִיל גֶערֶעדְט וֶועגֶען דֶעם אַז עֶר וֶועט נִפְטָר וֶוערֶען זָאל אוֹיף זַיין אָרְט בְּלַייבֶּען אַרַבִּי נוּר זַיין זָאהן אוּנ נִיט־קֵיין אַנְדֶערֶער. עֶר זָאל מְקַבֵּל זַיין פִּדְיוֹנוֹת אוּנ אַלֶע הַנְהָגוֹת זָאל זַיין גָאר דוּרְךְ אִיהם:

ר׳ פִּנְחָס שְׁרַייבְּט אִין אַבְּרִיעף דִיא גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, וִויא עֶס אִיז גֶעוָוארֶען שְׁטַארְק פִינְסְטֶער אִין דִיא אוֹיגֶען מְ׳הָאט שׁוֹין פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דֶער אַלְטֶער רַב וֶועט בַּאלְד

נפטר

נפטר ווערען, נור מ'האט זיך געשטארקט אונ געטרייסט דערמיט וואס זיין זאהן וועט בלייבען אממלא מקומו, אונ אדור יתום בלייבט ניט בעזרת השי"ת.

## פרק ד.

פון זיין ווערען ארבי, זיין זאגען חסידות, זיין פיהרען דיא רבנות.

אין דיא לעצטע יאהרען פון דעם אלטען רבי איז געוועזען דיא מלחמה „רוססלאנד מיט פראנקרייך". נפוליאן איז מיט זיין חיל געקומען אין רוססלאנד, דער אלטער רבי האט ניט געוואלט זיין אונטער דעם שוטץ פון נפוליאן, איז ער מיט זיין הויזגעזינד אוועקגעפאהרען אין טיעף רוססלאנד, אויף'ן וועג איז ער נסתלק געווארען, אין יענער צייט איז זיין זאהן אדמו"ר ר' דובער גיוועזען אוועקגיפאהרען אין קרעמענטשוג, זיין פאטער האט איהם געשיקט דארטען דינגען אוואהנונג פאר זייא איבער ווינטער אז רבי דובער האט דערהערט פון זיין פאטערס הסתלקות איז ער דרייא טאג געוועזען מבולבל, נאכדעם האט ער געזאגט: „דער פאטער זיטצט אין גן עדן אונ זאגט חסידות, דארטען זענען אויך פאראן וואס הארען, יעטצט דארף מען מאכען אפאסט פון דארטען אהער". אונ באמת איז אזויא געוועזען, זיין פאטער פלעגט צוא איהם קומען אונ מגלה זיין פיל סודות התורה, עס איז געווארען בייא זיי אפארבינדונג זויא עס וואלט געגאנגען אפאסט פון איינעם צום אנדערן.

האדמו"ר ר' דובער איז גיזעסען אין קרעמענטשוג ביז נאך פסח. נאכדעם האט מען פון אונזער מדינה געשיקט מענשען אין קרעמענטשוג בעטען איהם ער זאל קומען אהער ווערען דער ממלא מקומו פון זיין היילינגען פאטער. ער איז מיט דיא שלוחים געפאהרען, נור ער האט זיך ניט געוואלט בעזעטצען אין לאדי ווייל לאדי האט אין יענער צייט אפגעברענט אונ די בעלי בתים פון שטאדט האבען צוגענומען דיא פלעטצער וואס האבען געהערט צום רב *) דערפאר איז ער אויף זייא ברוגז געווארען אונ ער איז אריינגעפאהרען אין ליובאוויטש.

דער שר פון ליובאוויטש האט געשיקט שלוחים נעגען איהם בעטען ער זאל בלייבען וואהנען אין ליובאוויטש. דער שר האט איהם געגעבען פלאטצער צוא בויען הייזער, אונ דער אדמו"ר ר' דובער איז געבליבען וואהנען דארט. זיינע חסידים האבען אנגעפאנגען פאהרען צוא איהם הארען זיינע תורה אונ פרעגען עצות אין רוחניות אונ אין גשמיות.

זיין זאגען חסידות איז געוועזען איבערנאטירליך, יעדער שבת האט ער געזאגט עטלעכע מאל אונ יום טוב האט ער נאך מעהר געזאגט, דיא צוהארער פלעגען ווערען מיד שטעהענדיג אונ ער איז ניט מיד געווארען זאגענדיג. הנם ער איז געוועזען

אחלוש

---

*) נור דיא שטאדטלייט האבען קליינע נוטצען געהאט פון דיא פלעטצער, דען זייערע הייזער פלעגען שטענדיג ברענען. ביז איינער האט אפגעקויפט דיא פלעטצער אונ ער איז געפאהרען צום אדמו"ר בעל צמח צדק. געביטען איהם אברכה אז דיא הייזער זאלען ניט ברענען. דער אדמו"ר האט איהם געבענשט. האבען דיא הייזער אויפגעהערט צוא ברענען.

אַחְלוּשׁ, נוּר דָאס אִיז גֶעוֶועזֶען זַיין תַּעֲנוּג, מִיט חֲסִידוּת הָאט עֶר זִיךְ עֶרְקְוִויקְט. עֶס הָאט גֶעטְרָאפֶען אַמָאל חַג הַשָּׁבוּעוֹת הָאט עֶר גֶעזָאגְט עֶלְף מָאל. עֶר וָואלְט נָאךְ מֶעהר גֶעזָאגְט, נוּר זַיין פֶעטֶער הָרַב הַגָאוֹן ר׳ יְהוּדָא לֵיבּ פוּן יַאנָאוִויטְשׁ אִיז צוּא אִיהם אַריינְגֶעגַאנְגֶען אוּנ גֶעזָאגְט נִיט אַלֶע הָאבֶּען דַיין קָאפְּף. אַמָאל שִׂמְחַת תּוֹרָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט דֶעם גַאנְצֶען טָאג, מוֹצָאֵי יו״ט הָאט עֶר נָאךְ אוֹיךְ גֶעזָאגְט, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם עוֹלָם אַצוּנְד גֶעהְט, זֶעגְט מְקַיֵים שִׂמְחַת יוֹם טוֹב.

עֶר הָאט גֶעהַאט אַגְרוֹיסֶען רָצוֹן אַז דִיא חֲסִידוּת זָאל שְׁטַארְק פַארְבְּרֵייטֶעט וֶוערֶען, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַזוֹיא וַוייט אוּנ גְרוֹיס שְׁטֶעלֶען דִיא חֲסִידוּת אַז וֶוען צְוֵויי מֶענְשֶׁען וֶועלֶען זִיךְ בֶּעגֶעגֶענֶען אִין גַאס זָאל דֶער עִיקָר בַּייא זַייא זַיין צוּ רֵיידֶען פוּן חֲסִידוּת.

דִיא רַבָּנוּת הָאט עֶר גֶעפִיהְרְט בְּיָד רָמָה גְרוֹיסַארְטִיג. עֶר הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבֶּען אוֹיף יֶעדֶער זַאךְ וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נוֹגֵעַ צוּם כְּלַל אוּנ צוּם פְּרַט. עֶר הָאט זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט אִין יֶעדֶערְנֶס עֵסֶק. וֶוען עֶס הָאט גֶעטְרָאפֶען אַסִכְסוּךְ צְוִוישֶׁען מַאן אוּנ וַוייבּ פְלֶעגְט עֶר בַּאלְד מַאכֶען אַשָׁלוֹם בַּייא זַייא, עֶר הָאט אַלֶע מָאל גֶעוָואלְט הֶעלְפֶען דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִין רוּחְנִיוּת אוּנ אִין גַשְׁמִיוּת. זַיין מֵיינוּנְג אִיז גֶעוֶוען אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל דַארְפֶען זִיךְ גֶעהמֶען צוּא עֶרְד אַרְבֵּייט. כְּדֵי זַייא זָאלֶען הָאבֶּען מְנוּחָה אִין גַשְׁמִיוּת, מִמֵילָא וֶועלֶען זַייא נִיט גֶעשְׁטֶערְט וֶוערֶען אִין רוּחְנִיוּת, אוּנ זַייא וֶועלֶען קֶאנֶען עוֹסֵק זַיין בַּתּוֹרָה וּבַעֲבוֹדָה רוּהִיגֶערְהֵייט מִיט אַקְלָארֶע קָאפְּף. וֶועגֶען דֶעם עִנְיָן פוּן עֲבוֹדַת אֲדָמָה הָאט עֶר אַמָאל גֶעשְׁרִיבֶּען אַבְּרִיף וְזֶה לְשׁוֹנוֹ: הֱיוֹת וַוייא עֶס אִיז נִתְרַבֶּה גֶעוָוארֶען אָרֶעמֶע לַייט אִין אוּנְזֶערֶע שְׁטָאדְט, דֶער גוֹיט צְוִוינְגְט זַייא צוּ פָאהְרֶען אִין וַוייטֶע מְדִינוֹת זוּכֶען לֶעבֶּענְסְמִיטֶעל, יֶעדֶערֶער קָאן פַארְשְׁטֶעהֶען וָואס פוּן אַזֶעלְכֶע מֶענְשֶׁען קָאן וֶוערֶען, נוּר דִיא פְרַאגֶע פוּן וַואנֶען זָאלֶען זַייא דָא לֶעבֶּען? אִיז דִיא עֵצָה דֶערְצוּ דָאס עֶרְשְׁטֶע זָאלְעמֶען מַאכֶען חוּקִים קְבוּעִים (פֶעסְטֶע גֶעזֶעטְצֶע) פַאר מַאנְסְלַייט וַוייבֶּער אוּנ קִינְדֶער זַייא לֶערְנֶען פֶערְשִׁידֶענֶע מְלָאכוֹת לְמָשָׁל, וֶועבֶּען, שְׁפִּינֶען א. ד. ג. וָואס וֶוערֶען גֶעבְּרוֹיכְט אִין דִיא פַאבְּרִיקֶען, אוּנ יֶעדֶער קָהָל זָאל הֶעלְפֶען דִינְגֶען מַייסְטֶערְס וָואס זַייא זָאלֶען לֶערְנֶען דִיא אַרֶעמֶע אוּנ בַּעֲלֵי בַּתִּי׳שֶׁע קִינְדֶער. קָהָל זָאל דִיא מַייסְטֶערְס בֶּעצָאהלֶען, אוּנ דָאס זָאל זַיין מִיט אָרְדְנוּנְג. אוֹיךְ זָאלֶען פִיעל יוּדֶען זִיךְ עוֹסֵק זַיין אִין פֶעלְד אַרְבֵּייט, דִי רַייכֶע זָאלֶען בִּרְשְׁיוֹן הַמֶמְשָׁלָה יר״ה קוֹיפֶען גוּטֶע פֶעלְדֶער, אוּנ דִיא אָרֶעמֶע זָאלֶען אַרְבֵּייטֶען, וֶועט גֶעוִויס הַשִׁי״ת שִׁיקֶען דִיא בְּרָכָה אַז עֶס וֶועט זַיין פַּרְנָסָה פַאר דִיא בַּעֲלֵי בָּתִּים פוּן דִיא פֶעלְדֶער אוּנ פַאר דִיא אַרְבֵּייטֶער. נוּר אַזוֹיא וַוייא דָאס רוֹב יוּדֶען זֶענֶען פְרֶעמְד פוּן פֶעלְד אַרְבֵּייט, זָאלֶען זַייא אִין אָנְפַאנְג דִינְגֶען מֶענְשֶׁען, עֶס מֶעגֶען זַיין נִיט יוּדֶען וָואס זַייא זֶענֶען שְׁפִּיצֶעלִיסְטֶען אִין פֶעלְד אַרְבֵּייט, זַייא זָאלֶען דִיא עֶרְשְׁטֶע יָאהְרֶען גוּט בֶּעאַרְבֵּייטֶען דִיא עֶרְד, גֶעוֶועהְנְלִיךְ דֶער רַייכֶער יוּד קָאן קוֹיפֶען פִיל עֶרְד אוּנ בַּאשֶׁעפְטִיגֶען פִיל אַרְבֵּייטֶער.

מיט

מיט דיא פעלד ארבייטער בארף זיך קיין יוד ניט שעמען, דען מיט וואס האבען זיך אונזערע עלטערן באשעפטיגט אין פלשתינה, זייער פרנסה איז געוועזן פון פעלדער, און ווייַנגערטנער.

אויב מיר וועלען דיא ערד אפקויפען אדער דינגען אויף לאנגערע צייט וועלען מיר האבען אונזערע לעבענסמיטעל אזויא וויא איך האב געזעהען אין דיא שטעטעלעם וויא דיא מענער פרויען און קינדער ארבייטען אלע אויפ'ן פעלד, מיט חשק און זריזות, אגאנצע וואך. דיא קינדער ביז דרייצען יאהר לערנען זיי אין חדר, נאכדעם זעהט מען אויב דאס קינד איז ניט פייאיג צוא לערנען תורה, נעהמט איהם דער פאטער צוא פעלד ארבייט. זייא זענען זאט מיט ברויט און ערצו זענען זייא אלע מאהל לוסטיג פרעהליך. זייא טהוען קיינעם קיין אונרעכט ניט, אז זייא האבען צייט לערנען זייא, און זייערע עסקים פיהרען זייא באמונה, זייא האנדלען מיט תבואה, שאף, מילך א. ד. ג. מיט דיא איינוואהנער פון דיא גרויסע שטאדט וואס זענען ניט ווייט פון זייא, אויף זייער פנים איז קאנטיג אז זייא האבען מורא פאר גאט.

הנם פון די אלע עסקים האבען זייא קיין עשירות געזאמעלט, ניט געקויפט זיידענע קליידער, ווייט פון פעריל ציהרונג. אבער זייער לעבענסמיטל האט זייא ניט געפעהלט, מיר געפעלט זעהער אזא עהרליכער לעבען.

עס קאן זיין ווייל זייערע ערד איז פעטער, און אין אונזער געגענד איז די ערד ניט אזו פעט, נור דורך פראטעקציעס וועט מען דא אויך בעקומען פעטע, און גוטע פעלדער. איך האב שוין לאנג געשריבען צו מיינע חסידים וואס פאלגען מיר דאס זייא זאלין זיך מיה געבען דעם פלאן מיינעם אויסצופיהרען. איך האף אז מיר וועלין טהון אין דעם וועט גאט מצליח זיין, און ער וועט שיקען זיין ברכה אין דער ערד אז זיא זאל ארויס געבין תבואה און פירות פאר יעדערין וויפיל ער בארף, וויא דער פסוק זאגט יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך, דאס הייסט דוקא וואס דוא וועסט אויס הארעוען מיט דיינע הענד וועסט דוא עסין. וועט זיין "אשריך" גוט צוא דיר אויף דער וועלט, וטוב לך לעולם הבא! און דאס וועט אראפנעהמען פון אונז אלע שלעכטע צונגען. מיר וועלען געפינען חן און חסד אין דיא אויגען פון שרי המלוכה, זייא וועלען אויף אונז רחמנות האבען, און אנדערש קאן גאר ניט זיין, ווייל עס האט זיך אויסגענומען דיא תקוה. יודען זענען זעהער פארארעמט און ווער ווייסט וואס דער סוף פון אונז קאן זיין. וכו'. דאס שרייבט דער וואס איז דורש טוב לעמו ישראל און וויל זיין הצלחה. דובער.

הערת המעתיק: לעזער! איהר פארגעסט ניט ווען דער בריעף איז געשריבען געווארען. ער פאסט נאך היינטיגען טאג צוא אונזער לאגע. ער שרייבט דיא זעלבינע רייד וואס אלע "חובבי ציון" שרייבען און ריידען. אויך זעהט מען וואס פאר אגרויסער אוהב עמו ער איז געוועזן, ער האט געוואלט פארבעסערן דעם יודישען מעמד און מצב. —

הָאַדְמו"ר ר' דוֹבֶער הָאט פִיל גֶעטְהוּן פַאר יִשׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ פַארְבֶּעסֶערְן דִיא לַאגֶע פוּן דִיא דָארְטִיגֶע אַיינְוואוֹהנֶער. אִין יָאהְר תקפ"ג הָאט עֶר מְיַיסֵד גֶעוֶועזֶען דֶעם יִשׁוּב פוּן אַחֵינוּ ב"י אִין דֶער הֵיילִיגֶער שְׁטָאדְט חֶבְרוֹן, וָואס בִּיז יֶענֶער צַייט אִיז נָאךְ דָארְט דֶער יִשׁוּב וֶועניג גֶעוֶועזֶען, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אַנְרוּיסֶען בְּרִיעף וֶועגֶען דֶעם עִנְיָן וָואס יוּדֶען בֶּעזֶעטְצֶען זִיךְ אִין חֶבְרוֹן וָואס דִיא הֵיילִיגֶע אָבוֹת רוּהֶען דָארְטֶען, עֶר דֶערְמָאנְט אִין בְּרִיעף אִין דֶעם נָאמֶען פוּן "רדב"ז" וָואס זָאגְט: וֶוער עֶס הָאט אַנַחֲלָה אִין חֶבְרוֹן אִיז זִיכֶער אַז עֶר וֶועט הָאבֶּען עוה"ב. אוּנ עֶר אַלֵיין הָאט דָארְטִין אִין חֶבְרוֹן גֶעקוֹיפְט אַ בֵּית הַכְּנֶסֶת אוֹיף זַיין נָאמֶען.

עֶר וָואלְט זֶעהֶער פִיל פַארְבֶּעסֶערְט דִיא יוּדִישֶׁע לַאגֶע, נוּר דִיא צַייט הָאט אִיהְם נִיט גֶעלָאזֶען אוֹיסְפִיהְרֶען זַיינֶע גוּטֶע גֶעדַאנְקֶען, עֶר הָאט גֶעהַאט זֶעהֶער נִיט גוּטֶע צַייטֶען אַזוֹי וִויא מִיר וֶועלֶען וַוייטֶער אי"ה עֶרְצֶעהְלֶען.

# פרק ה

וָואס מִיט אִיהְם הָאט זִיךְ פַּאסִירְט, דִיא הִתְהַלְקוּת בַּייא חֲסִידִים.

אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגֶען אַלְץ וָואס הָאט גֶעטְרָאפֶען מִיט יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעטְרָאפֶען מִיט זַיין זָאהְן יוֹסֵף, אָט אַזוֹיא זֶעהֶען מִיר אַלְץ וָואס הָאט גֶעטְרָאפֶען מִיט דֶעם אַלְטֶען רַב הָאט גֶעטְרָאפֶען מִיט זַיין זָאהְן האדמו"ר ר' דוֹבֶער. פִיעל נִיט גוּטְקַייט הָאט דֶער אַלְטֶער רַב גֶעלִיטֶען פוּן זַיינֶע מִתְנַגְדִים, בִּיז מְ'הָאט אִיהְם גֶעמַסֶר'ת, עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען אִין טוּרְמֶע, בִּיז הַשי"ת הָאט אוֹיף אִיהְם בְּחֲמָנוּת גֶעהַאט, זַיין גֶערֶעכְטִיגְקַייט הָאט זִיךְ בַּאוִויזֶען אוּנ עֶר אִיז פְרַיי גֶעוָוארֶען אַזוֹיא אִיז גֶעוֶועזֶען מִיט זַיין זָאהְן האדמו"ר ר' דוֹבֶער, עֶר הָאט גֶעלִיטֶען דוּרְךְ מֶענְשֶׁען וָואס הָאבֶּען אִיהְם מְקַנֵא גֶעוֶועזֶען, אוּנ דִיא קִנְאָה הָאט גֶעבְּרַאכְט צוּא שִׂנְאָה. דִיא חֲסִידִים הָאבֶּען זִיךְ צוּטְהֵיילְט אוֹיף צְוֵויי טְהֵייל, דוּרְכְדֶעם הָאט מֶען אוֹיף אִיהְם גֶעמַסֶרְת, גֶעמַאכְט אוֹיף אִיהְם פַאלְשֶׁע בִּלְבּוּלִים, בִּיז עֶר אִיז אַרַיין אִין טוּרְמֶע, נוּר עֶס הָאט לַאנְג נִיט גֶעדוֹיעֶרְט, הָאט זִיךְ בֶּעוִויזֶען זַיין גֶערֶעכְטִיגְקַייט אוּנ עֶר אִיז פְרַייא גֶעוָוארֶען.

דֶער אַלְטֶער רַב אִיז נִתְפַּס גֶעוָוארֶען צוּ 52 יָאהְר אַלְט, אוּנ זַיין זָאהְן, דֶער מִיטֶעלֶער רַב אוֹיךְ אַזוֹיא. דֶער אַלְטֶער רַב אִיז צוּגֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען אִין חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן אוּנ בֶּעפְרַייט גֶעוָוארֶען אִין חֹדֶשׁ כִּסְלֵו, זַיין זָאהְן אוֹיךְ אַזוֹי. דֶער אַלְטֶער רַב פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת הָאט עֶר גֶעמוּזְט אַוֶועקְפָאהְרֶען פוּן זַיין הֵיים אוּנ עֶר אִיז נִפְטַר גֶעוָוארֶען אוּנְטֶער וֶועגֶענְס אוּנ מְנוּחַת קָדְשׁוֹ אִיז אִין מַאלֶע רוּסְיָא, אַזוֹיא אִיז גֶעוֶועזֶען מִיט זַיין זָאהְן, קוֹדֶם פְּטִירָתוֹ אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעפָאהְרֶען פוּן זַיין הֵיים אוּנ אוֹיף דֶעם וֶועג אִיז עֶר נִסְתַּלֵק גֶעוָוארֶען אִין מַאלֶע רוּסְיָא, אוּנ מְנוּחַת קָדְשׁוֹ אִיז נִיט גָאר וַוייט פוּן זַיין פָאטֶער, וִויא מִיר וֶועלֶען אי"ה וַוייטֶער עֶרְצֶעהְלֶען אוּנ

יעטצט

יֶעטְצְט וֶועלֶען מִיר עֶרְצֶעהלֶען ווִיא אַזויא דִיא חֲסִידִים הָאבֶּען זִיךְ צוּטְהֵיילְט אוֹיף צְוַויי פַּארְטֵיֶעם .

דֶער אַלְטֶער רַב פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת–ווִיא מִיר הָאבֶּען פְרִיהֶער עֶרְצֶעהלְט–הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין זָאהן ר׳ דוֹבֶּער זָאל זַיין מְמַלֵא מְקוֹמוֹ , דַוְקָא עֶר אוּנ נִיט אַנְאַנְדֶערֶער נָאךְ זַיין פְּטִירָה הָאבֶּען פִיל חֲסִידִים מְקַיֵים גֶעוֶועזֶען ווִיא עֶר הָאט גֶעזָאגְט , זַייא הָאבֶּען אִיהם גֶעבְּרַאכְט פוּן קְרֶעמֶענְטְשׁוּג , נוּר אַטְהֵייל פוּן אנ״ש הָאבֶּען זִיךְ אָפְּגֶעטְהֵיילְט אוּנ גֶענוּמֶען דֶעם הָרַב הַקָדוֹשׁ ר׳ אַהֲרֹן הַלֵוִי פַאר אַרֶבִּי , דֶער ר׳ אַהֲרֹן אִיז גֶעוֶועזֶען פוּן דִיא גְרֶעסְטֶע תַּלְמִידִים בַּייא דֶעם אַלְטֶען רַב אוּנ אַחֲבֵר מִיט האדמו״ר ר׳ דוֹבֶּער׳ זַייא זֶענֶען גֶעוֶועזֶען גוּטֶע פְרַיינְד ווִיא צְווַיי בְּרִידֶער , נָאר עֶטְלֶעכֶע יָאהר פַאר דֶער פְּטִירָה פוּן אַלְטֶען רַב אִיז גֶעוֶועזֶען בַּייא זַייא אַפֵּירוּד לְבָבוֹת , דוּרְךְ רְכִילוּת לָשׁוֹן הָרָע וָואס מֶענְשֶׁען הָאבֶּען עֶרְצֶעהלְט אוֹיף ר׳ אַהֲרֹן הַלֵוִי , אוּנ הֲגַם עֶר הָאט גֶעוָואהנְט אִין לַאדִי אִין זַיין אֵייגֶען הוֹיז , הָאט עֶר גֶעמוּזְט דָאס הוֹיז פַארְקוֹיפֶען אוּנ אַוֶועקְ־פָאהְרֶען פוּן לַאדִי ; עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין זַיין גֶעבּוּרְטְהסְשְׁטָאדְט אָשְׁוֶוע , פוּן יֶענֶער צַייט אָן אִיז דֶער פֵּירוּד לְבָבוֹת גֶעוָוארֶען נָאךְ גְרֶאסֶער . אֲפִילוּ אִין דֶעם דֶרֶךְ הָעֲבוֹדָה הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אוֹיךְ נִיט פַארְגְלִיכֶן , צוּ רַבִּי אַהֲרֹן הָאבִּין אַטְהֵייל חֲסִידִים אָנְגֶעפַאנְגִין צוּא פָאהְרֶען , אוּנ אַז האדמו״ר ר׳ דוֹבֶּער אִיז גֶעקוּמֶען פוּן קְרֶעמֶענְטְשׁוּג אַהֵיים הָאט עֶר צוּא זַיינֶע חֲסִידִים גֶעשְׁרִיבֶּען אַבְּרִיעף , עֶר הָאט זֵיי שְׁטַארְק גֶעבֶּעטֶען זַייא זָאלֶען נִיט מַאכֶען קֵיינֶע מַחֲלוֹקֶת , עֶס אִיז שׁוֹין בַּייא יוּדֶען פַארַאן גֶענוּג אַלְטֶע מַחֲלוֹקֶת . דֶערְצוּ אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעפָאהְרֶען בְּעַצְמוֹ וּבִכְבוֹדוֹ אוֹיף דֶער מְדִינָה , עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט זֶעהֶען מִיט רַבִּי אַהֲרֹן זַיין חָבֵר אִין אָשְׁוֶוע .

נַם ר׳ פִּנְחָס שְׁקְלָאוֶוער הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען צוּא דִיא חֲסִידִים , עֶר הָאט זַייא מוֹדִיעַ גֶעוֶועזֶען וָואס דֶער אַלְטֶער רַב הָאט גֶעבֶּעטֶען אַז זַיין זָאהן זָאל מְמַלֵא מְקוֹמוֹ זַיין , אוֹיךְ הָרַב ר׳ יְהוּדָא לֵיב מִיַאנָאווִיץ דֶעם אַלְטֶען רַבְּ׳ס אַבְּרוּדֶער הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אַשְׁטְרֶענְגֶען בְּרִיף צוּא רַבִּי אַהֲרֹן , אוֹיךְ הָאט מֶען גֶעפְּרוּבִּירְט אַלֶערְלֵייא מִיטְלֶען אַיינְצוּלֶעשֶׁען דִיא פַייעֶרְדִיגֶע מַחֲלוֹקֶה , אָבֶּער עֶס הָאט קֵיין זַאךְ נִיט גֶעהָאלְפֶען .

דִיא מַחֲלוֹקֶה אִיז אַנְאַלְטֶע קְרַאנְקְהֵייט בַּייא יוּדֶען . פוּן דֶער צַייט וָואס דִיא יוּדֶען זֶענֶען גֶעוָוארֶען צוּטְהֵיילְט אוֹיף צְוַוייא מְלוּכוֹת (אִין דִיא צַייטֶען פוּן רְחַבְעָם אוּנ יָרָבְעָם) אִיז כִּמְעַט ווִיא אַגְזֵירָה אַז בַּייא יוּדֶען מוּזֶען זַיין פַּארְטֵיֶעם *) בִּיז מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט קוּמֶען בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ , דֶענְסְטְמָאל וֶועט אוֹיפְהֶערֶען סֶעקְטֶעס , אַלְזָא אִיז דִיא צוּטְהֵיילוּנְג פוּן מִיטֶעלֶען רַב מִיט ר׳ אַהֲרֹן הַלֵוִי אוֹיךְ גֶעבְּלִיבֶּען .

רַבִּי אַהֲרֹן הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין אַקְלֵיין שְׁטֶעדְטֶעל שְׁטְרָאשֶׁעלֶע , אוּנ אַטְהֵייל פוּן אנ״ש זֶענֶען צוּא אִיהם גֶעפָאהְרֶען , עֶר הָאט זַייא גֶעגֶעבֶּען עֵצוֹת אִין רוּחְנִיּוֹת אוּנ בְּגַשְׁמִיּוֹת נָאךְ זַיין דֶרֶךְ . אוּנ דֶער רוֹב פוּן אנ״ש הָאבֶּען נִיט פַארְלָאזִין דֶעם מִיטֶעלֶען רֶבִּי , זַייא זֶענֶען צוּא אִיהם גֶעפָאהְרֶען אוּנ עֶר הָאט זֵיי מְגַלֶה גֶעוֶועזֶען
סודות

*) כיי משה רבנו אונ נאך פריהער זענען שוין אויך געווען פרטיעם

סודות התורה זעהער פיל, אונ געשריבען אונ געדרוקט ספרים זעהער פיל אונ טיפ־זיניג, אונ אלע זיינע מנגדים האבען געגען איהם ניט געקאנט באשטעהען, דער סוף איז געוועען אז פיל פון זיינע מנגדים האבען איהם געבעטען ער זאל זייא צוריק צוגעהמען צוזיך, נור ניט אלעמען האט ער צוגענומען, ער האט מקרב געוועען נור דיא חסידים וואס ער האט געוואוסט אז זייא מיינען דאס מיט אן אמת.

# פרק ו.

זיין שלאפקייט. זיין פאהרען אין קרלסבאד, זיין בעזוך רבי עקיבא איגר אונ רבי מרדכי באנעט.

דער אדמו"ר דובער איז געוועען אנגעבארענער חלוש (שוועכלינג) אונ די רבנות האט איהם נאך שלאפער געמאכט, ער האט זעהער פיל געארבייט, דערצו איז יעדער חסיד געקומען צוא איהם מיט אפעקעל צרות, דער אדמו"ר האט געהאט א איידעלע אונ אשוואכע הארץ, ער האט אזעלכע צרות ניט געקאנט הערען, אמאל איז צו איהם געקומען איונגער מאן מיט אגרויסען פעקעל צרות, דער אדמו"ר האט אויסגעהערט, נאכדעם האט ער אפגעדעקט דעם ארבעל פון זיין האנד אונ געזאגט, זעה וויא מיין האנד איז מאגער הויט אונ ביינער אונ דאס איז נור פון אזעלכע צרות וויא דיינע איז. יעדערער קאן זיך פארשטעלען, אמענש וואס קאן ניט פארליידען יענעמס צער ובפרט פיל צער פון דער וועלט, וויפיל דאס האט אויך דעם אדמו"ר געווירקט אויף זיין שוואכען גוף. ער איז דערפון ערענסט קראנק געווארען. ער האט געזעהען דאס ער מוז האבען אמענשען וואס זאל איהם העלפען ארבייטען. האט ער געבעטען זיין ברודער הרב הקדוש ר' חיים אברהם אונ זיין איידעם האדמו"ר בעל צ. צדק, זייא זאלען איהם פערגרינגערין, נאכדעם האט ער גישריבען בריעף צו זיינע חסידים, ער האט געמאכט אסדר ווען אונ וויא זייא זאלען פאהרען היינו: ווען איינער וועט האבען א ענין, זאל ער פריהער זיך מיישב זיין מיט דיא גבאים פון זיין שטאדט, פיללייכט וועלען זייא דעם ענין בריינגען אין ארדנונג, ער זאל ניט דארפען פאהרען צו דעם אדמו"ר. נור אז דיא גבאים וועלען מסכים זיין דאס ער מוז פאהרען צום אדמו"ר, זאלען זייא איהם געבען אבריף וועט ער קומען אין ליובאוויטש אונ וועט דעם בריעף אבגעבען צו רבי אברהם (דעם אדמו"רס ברודער) וועט ער איהם געבען אנ׳עצה, ווארום ר' אברהם איז אגעטליכער מאן און זעהער אקלוגער. דיא גאנצע צייט, אלע יאהרען וואס זיין פאטער, דער אלטער רב איז ג. ווען אין לאדי, פלעגט ער דורך איהם ענטפערין, דיא געסט וואס האבען בייא איהם געפרעגט עצות אין רוחניות אונ אין גשמיות, אונ ווען אזאך וועט זיין שווערהר פאר איהם צו ענטפערין, דענסטמאל וועט ער דיא זאך פרעגען בייא זיין ברודער האדמו"ר. אונ דיא ענינים וואס זיינען שייך צו אדין תורה זאל מען געהען צו זיין איידעם אדמו"ר בעל צמח צדק וואס ער איז ידוע פאר אגרויסען גאון אונ אחכם, דערצו האט ער מקבל געוועען זייער פיל פון זיין זיידען דעם אלטען רב אונ פון זיין שווער אדמו"ר ר' דובער, אויב דאס וועט אזויא געטהאן ווערען

מיט

מִיט אַסֵדֶר—הָאט האדמו"ר גֶעזָאגְט—דֶענְסְטְמָאל וֶועל אִיךְ זָאגֶען חֲסִידוּת נָאךְ מֶעהר וִויא פְּרִיֶער. וַוייל דֶער זָאגֶען שַׁאדְט מִיר נִיט צוּ מַיין גֶעזוּנְד. אַדְּרַבָּה דֶערְפוּן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס תַּעֲנוּג—. דֶער סֵדֶר אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארֶען אוּנ דוּרְכְדֶעם אִיז אִיהם פִיל גְרִינְגֶער גֶעוָוארֶען. נוּר דִיא גֶעזוּנְד וָואס הָאט פְרִיֶער גֶעפֶעלְט הָאט זִיךְ נִיט אַזוֹיא שְׁנֶעל אוּמְגֶעקֶעהְרְט צוּרִיק. עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁלַאף, דִיא דָקְטוֹרִים הָאבֶּען אִיהם אַנְ'עֵצָה גֶעגֶעבֶּען עֶר זָאל פָאהְרֶען אִין קַארְלְסְבַּאד, גֶעהֶמֶען וַואנֶעס, אוּנ טְרִינְקֶען וַואסֶער וֶועלְכֶע זִייא הָאבֶּען אִיהם גֶעזָאגְט. בִּשְׁנַת אִין יָאהר תקפ"ה אִיז עֶר גֶעפָארִין אִין קַארְלְסְבַּאד. עֶר הָאט דָארְטֶען פַארְבְּרַאכְט דֶעם גַאנְצֶען זוּמֶער, עֶס הָאט אוֹיף אִיהם פִיל גֶעוִוירְקְט, עֶר אִיז גֶעוָוארֶען קְרֶעפְטִיגֶער, שְׁטַארְקֶער אוּנ גֶעזִינְדֶטֶער.

פָארֶענְדִיג אִין קַארְלְסְבַּאד אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין פּוֹיזְנָא, עֶר הָאט בַּאלְד בֶּעזוּכְט דֶעם הַגָּאוֹן ר' עֲקִיבָא אֵיגֶר. אוּנ אַז עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען וִויא ר' עֲקִיבָא הָאט אִיהם פְרַיינְדְלִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען אוּנ גֶעזָאגְט פַאר אִיהם אַטִיפֶע תּוֹרָה אוֹיף דֶעם פָּסוּק אוֹר זָרוּעַ לַצַּדִּיק וגו' הָאט האדמו"ר גֶעזָאגְט פַאר אִיהם אַחֲסִידוּת אוֹיף דֶעם זֶעלְבִּיגֶען פָּסוּק וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין פָאטֶער דֶעם אַלְטֶען רב. נָאכְדֶעם הָאט עֶר פַאר אִיהם גֶעזָאגְט עֶטְלֶעכֶע מַאֲמָרִים אִין נִגְלֶה. ר' עֲקִיבָא אֵיגֶר אִיז אַזוֹיא נִתְפָּעֵל גֶעוָוארֶען אַז עֶר הָאט אַגֶעשְׁרַייא גֶעגֶעבֶּען: אָ! עֶר אִיז דָאךְ אַגָּאוֹן עוֹלָם! עֶר הָאט גֶעבֶּעטֶען האדמו"ר עֶר זָאל אִיהם מְצַיֵּיר זַיין דֶעם מַהוּת פוּן זַיין פָאטֶער. האדמו"ר הָאט אִיהם עֶרְצֶעהלְט אַלְץ קְלָאהר אוּנ רִיכְטִיג, אוֹיךְ הָאט עֶר אִיהם עֶרְצֶעהלְט פוּן דִי מַחֲלוֹקָה אוּנ שִׂנְאַת חִנָּם פוּן מתנגדים צוּא חֲסִידִים, נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעפְרֶאגְט אוֹיבּ עֶר אִיז פוּן דִיא מְנַגְּדִים, וַוייל עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז ר' עֲקִיבָא הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אִין אַבְּרִיף שְׁלֶעכְטֶע רֵייד אוֹיף חֲסִידִים.

הַגָּאוֹן רבּי עֲקִיבָא הָאט זַיינֶע הַאנְד אוֹיפְגֶעהֵייבֶּען וִויא עֶר וָואלְט שְׁוֶוערֶען אוּנ הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: חָלִילָה! כָּל יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים הֵם, עֶס אִיז נִיט אֱמֶת וֶועגֶען דֶעם בְּרִיעף, דֶער האדמו"ר הָאט אִיהם גֶעבֶּעטֶען דָאס עֶר זָאל שְׁרַייבֶּען אַבְּרִיף אִין אַמְשְׁטֶרְדַם, בֶּעמְטֶען דִיא דָארְטִיגֶע גְּבִירִים דָאס זִייא זָאלֶען הֶעלְפֶען דִיא אָרֶעמֶע חֲסִידִים וָואס זַיינֶען אִין חֶבְרוֹן, הָאט אִיהם דֶער גָאוֹן צוּגֶעזָאגְט. נָאכְדֶעם הָאט אדמו"ר אִיהם גֶעגֶעבֶּען אַמַתָּנָה דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיטִין תַּנְיָא פוּן אדמו"ר הַזָּקֵן, אוֹיךְ זַיינֶע סְפָרִים, הָאט דֶער גָאוֹן צוּגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס פֶערְגְנִיגֶען, האדמו"ר הָאט בַּיי דִיא תַּלְמִידֵי הַגָּאוֹן גֶעקוֹיפְט דִיא סְפָרִים פוּן זַייֶער רַבִּי רע"א. אוּנ אִיז פוּן דָארְט אַוֶועקְגֶעפָאהְרֶען בְּשָׁלוֹם אוּנ מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד. האדמו"ר הָאט נָאכְדֶעם גֶעשְׁרִיבֶּען אֶלְנַאי וָואלְטֶען אַלֶע רַבָּנִים פוּן וַואלִין אוּנ לִיטָא גֶעוֶוען וִויא ר' עֲקִיבָא אֵיגֶר וָואלְט דֶענְסְטְמָאל זַייֶער גוּט גֶעוֶוען. בְּעֵת האדמו"ר אִיז גֶעוֶוען אִין קַארְלְסְבַּאד אִיז דָארְטֶען גֶעקוּמֶען הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק רַבִּי מָרְדְּכַי בַּאנֶעט עֶר אִיז גֶעוֶוען אַתַּלְמִיד בַּייא דֶעם הַגָּאוֹן ר' שְׁמוּאֵל שְׁמֶעלְקֵי ז"ל פוּן נִקְלְסְבּוּרְג, אוּנ אַז זַיין רַבִּי ר' שְׁמֶעלְקֵי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארֶען אִיז הַגָּאוֹן ר' מָרְדְּכַי גֶעבְּלִיבֶּען מְמַלֵּא

מקומו אין נקלסבורג , דער גאון ר' מרדכי איז אויך געוועז שלאף , איז ער געקומען אין קרלסבאד , אונ געוועזן צוזאמען מיט אדמו"ר.

הגאון ר' מרדכי איז בטל געוועזן געגען האדמו"ר אט וויא איונגער חסיד , אזויא ווייט בטל געוועזן , אז ויהי היום , איינעם טאגעס , האט הגאון ר' מרדכי געדאווענד ביא דעם עמוד , ער האט געהאלטען פאר קדיש תתקבל , פלוצלונג איז אדמו"ר געקומען דאוונען , ער האט געהאט אחדר פאר זיך , האט איינער אזאג געטאהן להגאון ר' מרדכי אז אדמו"ר איז געקומען , איז ר' מרדכי פון גרוים התפעלות אוועקגעלאפען פון עמוד צוא אדמו"ר אין חדר עהדער ער האט געזאגט דעם קדיש.

הגאון ר' מרדכי האט זיך שטארק מפלפל געוועזן מיט אדמו"ר אין פיל זאכען אונ אדמו"ר האט איהם געגעבען זיינע ספרים האט ער זיי גילערנט זייער געשמאק מיט גרוים חשק אונ ער איז געוועזן זייער אין התפעלות אונ האט געזאגט , דיא חסידות זענען אמת ויציב ומקובל. אונ ער האט געבעטען ביא אדמו"ר דאס ער זאל איהם שיקען אלע זיינע ספרים אונ דעם פאטערס ספרים. אונ ער האט צוגיזאגט מטיב צו זיין מיט דיא חסידים אין ארץ ישראל , מען זאל זייא שיקען געלד פון זיין מדינה , דען הגאון ר' מרדכי איז געוועזן אין זיין מדינה דער גליל רב , זיינע רייד וואלטען פיל פועל זיין , נור עס איז ניט באסערט געוועזן. אין איניגע יאהרען צייט איז הגאון ר' מרדכי נפטר געווארען אין קארלסבאד. דער אדמו"ר האט אמאל געשריבען , ווען אלע רבנים אונ גאוני ארץ וואלטען מודה זיין וויא דער גאון ר' מרדכי , וואלט דיא וועלט אנאנדער פנים געהאט , קיין מחלוקת וואלט ניט געוועזן ביא יודען , נור שלום ושלוה. —

# פרק י

דיא מסירה , קומענדיג אהיים , איהם געבראכט אין וויטעבסק.

אויף סוכות אין יאהר תקפ"ו איז אדמו"ר געקומען אהיים גאר געזונד. חסידים האבען פון דאס נייא אנגעהייבען פאהרען צו איהם. ער האט פיל חסידות געזאגט אונ איז געוועזן פרעהליך. ער האט גערעכענט : דאס יעטצט וועט ער זיצען בשלום ושלוה.

עס איז אבער ידוע וואס אונזערע חכמים זאגען : יעקב אבינו האט געוואלט זיטצען בשלום האט השי"ת געזאגט : דיא צדיקים איז נאך ווייניג וואס אויף יענעם עולם איז פאר זייא אנגעגרייט פיל נוטעם זייא ווילען נאך אויף דעם עולם שלוה ?! ווארט יעקב , ניט פאר דיר פאסט זיך שלוה. א. ז. וו. מיט דעם אדמו"ר ר' דובער איז אויך אזויא געוועזן : קומענדיג אהיים האט ער זיך געפילט גאר גוט. דיא מחלוקה איז שטיל געווארען , ער האט גערעכענט דאס עס איז געקומען אגוטע צייט צו לערנען , דאוונען , זאגען חסידות , געבען

עצות

עצות, אריינטראכטען אין פרעמדע ענינים, עס וואלט טאקע געווען גאנץ גוט אזויא. אבער ביי השי"ת איז טייער די יסורים פון צדיק. ווייל דורכדעם נעהמט ער אראפ פיל שלעכטעס פון דער וועלט. אפשיטא שוין אזא צדיק וויא אדמו"ר. זיינע יסורים זיינען א טובה פאר דער גאנצער וועלט, נוא השי"ת איז א טוב ומטיב, ניכט ער באלד די יסורים, ברוך אומר ועושה, גאר באלד איז ער עונה ומרחם מיט זיינע רחמנות מאכט ער אענדע צו די צרות, אדמו"ר איז גיקומען אהיים אויף סוכות, באלד נאך סוכות איז ארויסגישפרונגען אנייע צרה, הנם גאר ניי איז דאס אפילו ניט געווען דאס האט שוין אמאל געטראפין ביי זיין פאטער דעם אלטען רב פון די פאלשע מסירות האט ער פיל געליטען, ביז השי"ת האט איבער איהם רחמנות געהאט, יעטצט האט זיך אויפגעוועקט די אייגענע זאך אויף דעם זאהן. איינער פון וויטעבסק א איש חשוב אנערליכער מאן אקרוב לאדמו"ר פון דער מוטערס צד, איז פארפירט געווארען דורך אסבה. ער איז אלע מאל געווען אמנגד פון חסידים און האט געהאט אשלעכטען מיינונג פון דעם אדמו"ר, נאכדעם האט פאסירט אזא זאך: הרב ר' פנחס פון שקלאוו איז געווען א גרויסער חסיד נור זיינער אפלימעניק האט זיך מתחבר געווען מיט דעם וויטעבסקער צו מסרן דעם אדמו"ר. די מסירה שטאמט דערפון: מיר האבען שוין געשריבען דאס בעת דער אלטער רב איז נסתלק גיווארין אין וועג, איז דענסטמאל דער אדמו"ר זיין זאהן, געווען אין קרעמענטשוג, זייער ארעם, ווייל די הייזער זייערע מיט די מעבעל זיינען פארברענט געווארען, די פלאטצער האבען די שטאדט לייט צוגענומען פאר זיך. די ביסיל מזומן איז אוועקגעגאנגען אויף הוצאות, עס וואלט נאך געפעלט, נור ר' יצחק זעלווער איז געווען אגביר און ער האט דעם אדמו"ר פיל שטיטצע גיגעבין. ממילא איז מובן אז דער אדמו"ר איז געווען זייהער ארעם, נור אחינו בני ישראל זיינען אלע מאל רחמנים, פשיטא אז אדמו"ר מיט זיין משפחה זיינען אזויא שטארק ארעם, על כן בעת דער אדמו"ר איז געפאהרען פון קרעמענטשוג אהיים, און אין יענער צייט זיינען קיין באהנען ניט געווען, איז ער גיפאהרען מיט אפוהר פון שטאדט צוא שטאדט האט מען איהם אין יעדער שטאדט פיל געהאלפען, ביז ער איז געקומען אהיים האט ער צונויפגעזאמעלט כמה אלפים רובל. אדמו"ר האט ניט געוואלט געהמען די גאנצע סומע געלד פאר זיך, ער האט געוואלט דאס געלד צוטהיילען די גאנצע משפחה וואס זענען געבליבען ארעם, האט ער געשריבען אבריעף צו ר' פנחס שקלאווער, ער זאל מצרף זיין צוא זיך זיין שוואגער ר' זלמן פון שקלאוו און ר' שלמה פריידעס וואס זייא אלע זענען געווען גאנץ קלאהר אין דער משפחה פון אדמו"ר און מאכען אחלוקה יעדערן נאך זיין נויטה, זיי האבען אזוי געטהון.— דער בריף איז געבליבען ליגען ביי הרב ר' פנחס נאכדעם איז ר' פנחס אוועק געשטארבען אין ליבאוויטש. ער האט קיינע קינדער ניט געהאט האט איהם

גירשת אַפּלימעניק, ער איז געווען אַ שלעכטער מאַן און אַפּאַלישער, ער האָט צוגענומען אַלם, מיט דיא כתבים, וויא ער האָט געפונען דעם בריף, האָט ער בייא זיך געקלערט אַט דאָ איז אַנ'אָרט צוא נעהמען געלד ער האָט כאַלד מודיע געווען דעם אדמו״ר דאָס ער זאָל איהם געבען געלד, ווען ניט וועט ער דעם בריף איבערגעבען אין „זייערע״ האַנד — אדמו״ר האָט געענטפערט ער וועט איהם קיין פּרוטה ניט געבען, אין בריף איז קיין פאַלשע זאַך ניטאָ, ער קאָן מהאן וואָס ער וויל. דער יורש איז שטאַרק אין כעס געוואָרען, האָט ער זיך מדבר געווען מיט דעם וויטעבסקער מנגד, זייא האָבען גענומען דעם בריף און געמאַכט אין איהם אַפּאַליש. אין בריף איז געשטאַנען דאָס דער אדמו״ר האָט צוזאַמענגעזאַמעלט ג' אָדער ד' אלפים רו״כ האָבען זייא צוגעשטעלט אַ אות „ק״ הייסט דאָס ער האָט געזאַמעלט ק״ד אלף, הונדערט מיט 4 טויזענד. דעם בריף האָבען זייא צוגעשטעלט צום „גענעראַל-גובערנאַטאָר״ טאָר האַוואַנסקי אין וויטעבסק וואָס צו איהם גיהערט אויך דיא גובערניע מאָהילאָוו. דערצו אַדאָנאָס: א) דער אדמו״ר איז אַ מורד במלכות, ער זאַמעלט צו זיך מענשען וואָס זיינען אויך מורדים במלכות. אראַי' דערצו קאָן מען זעהען פון דעם בריף אַז אין קרעמענטשוג ביז ליובאַוויטש האָט ער צוזאַמענגעזאַמעלט אַזאַ גרויסע סומע געלד. ב) דאָס געלד—וואָס ער זאָגט דאָס ער שיקט די אָרעמע יודען אין פלשתינא—שיקט ער באמת דעם שולטאַן פון תוגרמה. ג) דער זאָל פון זיין קלויז האַלט דיא איינגע לאַנג וויא דער בית המדרש.

וויא דער גענעראַלגובערנאַטאָר האָט בעקומען דעם דאָנאָס, האָט ער געשיקט זאַנדאַרין אין ליובאַוויטש זייא זאָלען מאַכען אַ אָביסק בייא דעם אדמו״ר און איהם ברענגען אין וויטעבסק. דיא זאַנדאַרין זיינען געקומען צו אדמו״ר אין הויז, האָבען זיך דיא הויזלייט ערשראָקען, דאָס הויפט האָבען זייא מורא געהאַט טאָמער וועט דער אדמו״ר זיך ערשרעקען פון ואַפּלויטצלינגע איבערפאַלונג קאָן איהם חלילה שאַדען אין געזונד. איז איינער צו איהם אין חדר אַריינגעגאַנגען און געזאָגט אַ שר פון וויטעבסק איז געקומען, ער וויל אייך זעהען! דער אדמו״ר האָט באַלד געענטפערט; איך ווייס אַז מען איז געקומען מיך נעהמען יעצט אין דעם זעלבען אַלטער וויא מיין פאָטער איז געווען. און מעשה אבות סימן לבנים, דיא זאַנדאַרין זיינען גלייך צו איהם אין חדר אַריינגעגאַנגען, זייא האָבען גיזוכט אָבער קיין זאַך ניט געפונען לבד דיא ביכער פון דיא ארץ ישראל געלד. דיא מוסרים האָבען זיך אָנגעהאַפּט, זייא האָבען געזאָגט אַז אין דיא ביכער שטעהט דער גאַנצער פּאַליש. דיא זאַנדאַרען האָבען צוגענומען דיא ביכער. זייא האָבען אויסגעמאַסטען דעם זאַל, ער איז ניט געווען אַזויא גרוים וויא די מוסרים האָבען געזאָגט. דעם אדמו״ר מיט זיין זאָהן ר' נחום האָבען זייא אַוועקגעפיהרט אין וויטעבסק. אויך האָבען זאַנדאַרין געבראַכט אין וויטעבסק דעם ר' זלמן פון שקלאָוו מיט ר' שלמה פריידעס, ווייל זייא האָבען דאָס געלד צוטהיילט, ר' פנחס האָבען זייא ניט געקאָנט ברענגען, ווייל

ער

ער איז געווען געשטארבען. אין טורמע האט מען זייא ניט געזעטצט. מען האט זיעדערן פארפירט אין אפריוואט הויז אונ געשטעלט שומרים אנשי חיל ארום שטוב.
דעם מסור האט זיך געוואלט דאס דעם אדמו"ר זאל מען אריינפיהרען צוא איהם אין שטוב, ער האט געזאגט דאס ער וויל איהם גוט היטען, עס זאל קיין פאלש געמאכט ווערען, נור דער דאקטאר הייבינטאל איז געגאנגען צום ג"נ אונ האט צו איהם געזאגט: דוא זאלסט וויסען אז דער אדמו"ר איז אשלאפער עדעלמאן, ווען דוא וועסט איהם באפעלען צו זיין בייא דעם מסור אין שטוב, וועט ער דאס ניט קאנען אריבערטראגען, עס קאן דורכדעם ווערען אענדע צוא זיין לעבען.
דער ג"נ האט בעפוילען דאס מען זאל איהם אריינפיהרען אין א נאנדער הויז.
דיא מוסרים האבען געמסרת אויך דעם הרב הקדוש ר' אהרן פון שטראשיעליע.
דיא סבה איז געווען אזויא. דער הרב הקדוש ר' אהרן האט געהאט אזאהן אין וויטעבסק ר' מיכאל דוד, ער איז געווען אפיינער מאן, אמאל האט ער געטראפען דעם מסור, האט ער צוא איהם געזאגט: מיט וועלכע רעכט טהוסט דוא אזא זאך? דער מסור האט איהם געענטפערט: ווארט נאך אקורצע צייט איך וועל דיין פאטער אויך ברענגען אהער. אונ דער מסור האט מקיים געווען זיינע רייד, ער האט גלייך דערלאנגט אמסירה אויף הרב הקדוש ר' אהרן, אונ ער איז געבראכט געווארען תפוס אין וויטעבסק, ער איז געזעסען אין אבעזונדערע הויז ניט צוזאמען מיט דעם האדמו"ר.

## פרק ח.

וואס מיט איהם האט פאסירט אין וויטעבסק, וויא ער איז פרייא געווארען.

דיא פאפירען וועלכע דיא זאנדארען האבען געפונען ביי דעם אדמו"ר צו הויז האבען זייא געבראכט אין וויטעבסק, כדי איבערצוזעטצען אויף רוסיש, וועט מען זעהען וואס דארטען איז געשריבען.

דיא מוסרים האבען געזאגט צו דעם ג"נ אז אויב ער וויל האבען אריכטיגע איבערזעטצונג זאל ער דאס געבען דעם מסור אין האנד. ער וועט דאס ריכטיג איבערזעטצען, אבער ווען ער וועט געבען אנאנדערן איבערזעטצען קאנען דיא חסידים מאכען אפאלשע איבערזעטצונג, דער ג"נ האט אזויא געטהאן. ער האט דיא כתבים איבערגעגעבען דעם מסור, נור אין דיא כתבים איז קיין אונרעכט ניט געווען, דער מסור אליין האט געמוזט מאכען די איבערזעטצונג צום בעסטע, מעהר איז ניט געבליבען וויא דער בריף וואס דיא מוסרים האבען מזייף געווען צוגעשטעלט א "קוף". אז דער ג"נ האט געפרעגט ביידעם האדמו"ר האט ער גאר ניט געלייקענט ער האט אלם דעם אמת געזאגט. זיינע חסידים האבען איהם געשטיצט אבער ניט וויפיל דיא מוסרים זאגען. זייא האבען צוגעשטעלט אקוף דער ג"נ האט פערשטאנען אז ער האט רעכט. האט ער בעפוילען דעם אדמו"ר מיט

דעם

דֶעם מָסוֹר זָאלֶען בֵּיידֶע קוּמֶען צוּא אִיהם זִיךְ אוֹיסְרֶעדֶען פָּנִים אֶל פָּנִים, האדמו"ר הָאט זִיךְ אָנְגֶעצוֹיגֶען זַיינֶע בִּגְדֵי שַׁבָּת אוּנ אִיז אַוֶועקְגֶעפָאהרֶען צוּ דֶעם ג"נ. דֶער ג"נ הָאט אִיהם אָנְגֶעקוּקְט וִוי שֶׁאן אוּנ גֶאטְטְלִיךְ עֶר אִיז, הָאט עֶר אִיהם אוֹיפְגֶענוּמֶען זֶעהֶער פְרַיינְדְלִיךְ, עֶר הָאט אִיהם גֶעבֶּעטֶען זִיצְֶען אַז דֶער מָסוֹר אִיז גֶעקוּמֶען הָאט האדמו"ר צוּא אִיהם גֶעזָאגְט רָשָׁע! וָואס הָאסְט דוּא צוּא מִיר? פַאר וָואס מַאכְסְט דוּא מִיר פַאלְשֶׁע בִּלְבּוּלִים? — דֶער מָסוֹר אִיז בָּטֵל גֶעוָוארֶען אוּנ עֶר הָאט גֶעזָאגְט „רַבִּי", עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעוָואלְט רֵיידֶען, נוּר האדמו"ר הָאט זִיךְ בַּאלְד גֶעוֶוענְדֶעט צוּא דֶעם ג"נ אוּנ הָאט גֶעזָאגְט: זָאג אַלֵיין, פְרִיעֶר הָאט עֶר אוֹיף מִיר גֶעזָאגְט דָאס אִיךְ בִּין אַמוֹרֵד בְּמַלְכוּת, אוּנ אַרַמַאי יֶעטְצְט רוּפְט עֶר מִיר „רַבִּי", נוּר דֶער אֱמֶת אִיז אַזוֹיא, אִיךְ בִּין אַרַבִּי, אוּנ יֶעדֶער זַאךְ שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דֶעם אֱמֶת, דֶערְפַאר הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיין אַזוֹי אוֹיסְגֶערֶעדְט. דֶער מָסוֹר אִיז נָאךְ מֶעהר מְבוּלְבָּל גֶעוָוארֶען, עֶר הָאט פִיל גֶערֶעט אוּן אַלֵיין נִיט גֶעוואוּסְט וָואס עֶר רֶעדְט, בִּיז דֶער ג"נ הָאט צוּ אִיהם גֶעזָאגְט גֶענוּג דִיר שׁוֹין צוּא בִּילֶען. דֶער מָסוֹר אִיז פוּן דָארְט אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען מִיט גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת, אָבֶּער דֶער אדמו"ר אִיז פוּן דָארְטֶען אַוֶועקְגֶעפָאהרֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד. דִיא זַאךְ הָאט גֶעדוֹיעֶרְט בִּיז חֹדֶשׁ כִּסְלֵו. אִין דֶעם גְלִיקְלִיכֶען חֹדֶשׁ כִּסְלֵו, אִיז אַמָאל דֶער אַלְטֶער רַב בֶּעפְרַייט גֶעוָוארֶען צְוַויא מָאל, אִיז גֶעקוּמֶען דֶער גְלִיק צוּא זַיין זָאהן אוּנ צוּא זַיין תַּלְמִיד ר' אַהֲרֹן, זַייא זֶענֶען אוֹיךְ אִין חֹדֶשׁ כִּסְלֵו בֶּעפְרַייט גֶעוָוארֶען. הַרַב ר' אַהֲרֹן אִיז בֶּעפְרַייט גֶעוָוארֶען רֹאשׁ חֹדֶשׁ כִּסְלֵו, עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען אַז דִיא מְסִירוֹת זֶענֶען פַאלְשׁ, דֶערְצוּ הָאט גֶעטְרָאפֶען אַז אֵיינֶער פוּן דִיא שָׂרִים הָאט גֶעהֶערְט וִויא ר' אַהֲרֹן הָאט גֶעמַאכְט קִידוּשׁ מִיט גְרוֹיסֶע דְבֵקוּת, הָאט דֶער שַׂר גֶעזָאגְט צוּא דֶער ג"נ אַז ר' אַהֲרֹן אִיז אַגָאטְטְלִיכֶער מַאן, אוּנ אַזַא מֶענְשׁ אִיז נִיט קֵיין מוֹרֵד בְּמַלְכוּת חָלִילָה, דוּרְךְ דִיא רֵייד פוּן שַׂר הָאט אִיהם פִיל פַארְגְרִינְגֶערְט, נָאכְדֶעם אִיז עֶר אִין גַאנְצֶען בֶּעפְרַייט גֶעוָוארֶען.

דֶער מִשְׁפָּט פוּן אדמו"ר הָאט גֶעדוֹיעֶרְט בִּיז דֶעם צֶעהְנְטֶען טָאג אִין כִּסְלֵו אִין יֶענֶעם טָאג אִיז עֶר פְרַייא גֶעוָוארֶען, דִיא מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹיא גֶעוֶועזֶען דֶער אדמו"ר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבֶּען אַפְרַאשֶׁעגִיעַ צוּם ג"נ, דֶעם נוּסַח הָאט זַיין פָאטֶער דֶער אַלְטֶער רַב גֶעשְׁרִיבֶּען צוּם קֵיסָר פַּאוֶויל נ"ע, דֶער אִינְהַאלְט אִיז גֶעוֶועזֶען אַזוֹיא: בַּייא אַ מֶלֶךְ שַׁיינְט דֶער אֱמֶת פוּן דִיא אוֹיבֶּערְשְׁטֶע מְלוּכָה, ע"כ פֶערְלַאנְגְט דֶער רַב דָאס דֶער קֵיסָר אַלֵיין זָאל אִיהם מִשְׁפְּטֶען, וֶועט עֶר גֶעוִויס עֶרְקֶענֶען דֶעם אֱמֶת וִויא עֶר אִיז גָאר רֵיין פוּן אַלֶע פַאלְשֶׁע זַאכֶען, דֶער קֵיסָר פַּאוֶויל הָאט אִיהם בֶּעפְרַייט, יֶעטְצְט הָאט דֶער אדמו"ר ר' דוֹבֶּער גֶעשְׁרִיבֶּען צוּם נ"נ דֶעם זֶעלְבִּיגֶען נוּסַח, עֶר הָאט מוֹסִיף גֶעוֶועזֶען אַז אִין דִיא שָׂרֵי הַמְּלוּכָה שַׁיינְט אוֹיךְ דֶער אֱמֶת פוּן מֶלֶךְ. אוּנ וָואס דֶער שַׂר אִיז גְרֶעסֶער לַייכְט אִין אִיהם דֶער אֱמֶת מֶעהר, ע"כ הָאט עֶר אִיהם אוֹיךְ גֶעבֶּעטֶען אַז זַיין מִשְׁפָּט זָאל עֶר נִיט

איבערנעבען

איבערגעבען, דיא קלענערע שרים, נור ער צליין זאל איהם משפטן וועט ער געווים דעם אמת ערקאנגען וועט ער זעהען אז דיא מסירות זענען פאלשע.

דיא פראשעניע האט דער אדמו"ר געשיקט צום ג"נ דורך זיינע טאכטער. דער ג"נ האט געלעזען מיט גרוים פערגניגען, דערצו האבען די טאכטער שטארק געוויינט, דער ג"נ האט צוא זייא געזאגט: וויינט ניט, אט באלד וועט אייער פאטער זיין פרייא, אונ אזוי איז געווען, דער ג"נ האט בעפוילען אז דער אדמו"ר איז פריי. אונ עהדער דיא טאכטער זענען געקומען צום אדמו"ר, זענען שוין פיל מענשען געווען בייא איהם צוא הויז, אונ באלד האט ער געזאגט חסידות. דיא בשורה צוא דעם אדמו"ר אז ער איז פרייא, איז אויך געווען בעת ער האט געזאגט תהלים דעם פסוק פדה בשלום נפשי. אונ דער חשבון איז ריכטיג. ווייל אדמו"ר פלעגט אפזאגען דעם תהלים איין מאל אין חדש. אונ דער פסוק פדה בשלום איז אין צעהנטען יום אונ דאס איז געווען צעהן טאג אין כסלו.

דער טאג (יוד כסלו) איז בייא חסידים געבליבען א יו"ט. זייא זאגען קיין תחנון זייא פארברייגגען דעם טאג יום טובדיג.

מיט דעם וויטעבסקער מסור האט השי"ת זיך גוט אפגערעכנט, ער איז פאר דער מסירה געווען אורייכער מאן, נאכדעם איז ער געווארען ארעם אונ אגרויסער שכור ער פלעגט זיך וועלגערן אויף דער גאס. יו"ד כסלו אז חסידים פלעגען זיך גוט פארברענגען, פרעהליך, פלעגט ער קומען צוא זייא אונ זאגען איינגענטליך איז דאס נאר מיין שמחה, דורך מיר זענט איהר יום טובדיג, נוא בעצאהלט מיך, דיא חסידים האבען איהם באלד בעצאהלט זייא האבען איהם אנגעטרונקען אז ער איז געבליבען ליגען אין מיטען גאס. דער סוף פון אנדערן מסור ווייסען מיר ניט, נוא מסתמא האט גאטט איהם אויך בעצאהלט ניט בעסער וויא יענעם.

# פרק ט.

זיין פאהרען אין הײדיץ. אנאנזאג אויף זיין פטירה.

האדמו"ר איז בעפרייט געווארען אבער ניט אין גאנצען, זיין דיעלע איז אפגעשיקט געווארען אין פ"ב אין סענאט, זייא זאלען באקלעהרען, דערפון איז אדמו"ר געווען אונרוהיג, ער האט אלץ מורא געהאט טאמער וועט ער גערופען ווערען אין פ"ב, דערצוא האט זיך געטראפען אין יענער צייט אבלבול אויף דיא שטאדט לייט פון ווילז, עס האט געהאלטען מיט זייא גאנץ ניט גוט. עס האט געדויערט אלאנגע צייט ביז דיא זאך איז גרינגער געווארען דיא מוסרים האבען דעם אדמו"ר צוגעצויגען צוא דעם בלבול. זייא האבען געזאגט אז דאס איז געווען זיין עצה, דער אדמו"ר איז געווען דערפון זעהער אונרוהיג. דורכדעם האט זיין אלטע מחלה צוריגעקערט, ער איז שלאף געווארען. נאכדעם זאמער

פון תקפ"ז האט ער געהערט אז געוויס וועט מען איהם נעהמען אין פעטערבורג, האט ער זיך בעשטימט צוא פאהרען אין האדיין אויף זיין פאטערס קבר און אזויא האט ער געטהאן. דיא גאנצע וועג האט ער קיין חסידות ניט געזאגט, ניט געשריבען, אז ער האט אמאל יא געוואלט שרייבען, איז דיא פעדער ארויסגעפאלען פון זיין האנד. ער האט קיינעם ניט צוגעלאזען צוא זיך ער איז געווארען בייא זיך אראפגעפאלען, ער האט געזאגט דאס ער האט זעהער מורא פאר דעם נייעם יאהר. ער האט גערעדט אזעלכע ווערטער אז עס איז געוועזען צוא פארשטיין דאס ער וועט אין גיכען נפטר ווערען. אמאל האט ער אזוי געזאגט: בעת מען האט מיין פאטער גענומען אצווייטען מאל אין פ"ב, איז ער אלט געוועזען פיר און פופציג יאהר, האט מען איהם געגעבען מן השמים אברירה, ער זאל זיך אויסקלייבען איינע פון דיא צווייא: יסורים אדער הסתלקות, האט ער זיך אויסגעקליבען יסורים, ווייזט אויס אז די אנדערע ברירה, הסתלקות, האט ער פאר מיך געלאזען אז איך וועל אלט ווערען 54 יאהר, און יעטצט בין איך 54 יאהר. דער אדמו"ר איז אויף ראש השנה תקפ"ח געקומען אין האדיין. ער איז פיל מאל געוועזען בייא זיין פאטערס קבר. פיל מענשען האבען זיך פערזאמעלט אין בית המדרש וואס פאר דעם קבר, און דער אדמו"ר האט חסידות געזאגט. אמאל איז ער געגאנגען צום קבר און האט דארטען געזאמט אלאנגע צייט, ער איז פון קבר אוועקגעגאנגען מיט גרויס שמחה, און האט געזאגט צוא זיינע מענשען, איך האב בייא דעם פאטער פועל געוועזען אז איך זאל פרייא ווערען פון רבנות. דיא מענשען האבען געמיינט אז ער וויל פאהרען אין ארץ ישראל, ווייל פיל מאל האבען זייא פון איהם געהערט אז ער קלערט וועגען דעם. האבען זיי צוא איהם געזאגט, ווארום רעט אונזער רבי אזעלכע רייד וואס קאן ניט זיין, דען וויא וועט איהר אונז לאזען וויא שאף אהן אפאסטוך, האט ער זיי געענטפערט מיט אייך פארבלייבט דאך מיין איידעם הרב הגדול ר' מנחם מענדל ער וועט אייך זיין ארועה נאמן, דיא מענשען האבען איהם געענטפערט: דאס וועט געוויס ניט זיין, מיר וועלען אייך ניט לאזען פאהרען. זייא האבען אבער גאר ניט פארשטאנען אז דאס וועט זיך גאר ניט אן זייא, אזוי ווי מיר וועלען באלד ערציילען.

## פרק י.

זיין קומען אין ניעזען. זיין מחלה. זיין הסתלקות.

דער גאנצען חדש תשרי האט אדמו"ר פארבראכט אין האדיין. נאכדעם איז ער פון דארטען אוועקגעפאהרען ער האט געוואלט קומען אהיים, ער איז דורכגעפאהרען פיל שטאדט. ביז ער איז געקומען אין ניעזען (שטערני' גובערניע) דארטען איז ער געווארען שטארק קראנק. ער האט ווייטער ניט געקאנט פאהרען. פיל גרויסע דקטורים האבען איהם קורירט. געלד האט מען ניט געזאלעוועט.

נור אַלֶע דָאקְטוֹרִים הָאבֶּען גֶעזָאגְט אַז זַייא קָאנֶען אִיהם גָאר נִיט הֶעלְפֶען, עֶר אִיז גֶעפֶערְלִיךְ, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען הָאבֶּען זַייא אִיהם גֶעגֶעבֶּען שְׁטַארְקֶע טְרָאפֶּענְס אוּנ זַייא הָאבֶּען אִיהם פַארְזָאגְט דָאס עֶר טָאר קֵיין חֲסִידוּת נִיט זָאגֶען, וַוייל דָאס קָאן אִיהם שַׁאדֶען צוּא זַיין גֶעזוּנְד. דֶעם אדמו"ר הָאט דָאס זֵייעֶר פַארְדְרָאסֶען, ווייל זָאגֶען חֲסִידוּת, אִיז גֶעוֶועז זַיין חִיוּת.

נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ דִיא מַחֲלָה בַּייא אִיהם גֶעשְׁטַארְקְט, עֶר פְלֶעגְט בְּלֵייבֶּען אִין חֲלָשׁוּת, נוּר דוּרְךְ שְׁטַארְקֶע טְרָאפֶּענְס פְלֶעגְט עֶר אוֹיפְוַואכֶען. אוּנ דָאס הָאט גֶעדוֹיעֶרְט בִּיז דֶעם חֹדֶשׁ כִּסְלֵו. אַכְט טָאג פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת זֶענֶען פִיל דָאקְטוֹרִים בַּייא אִיהם גֶעוֶועזֶען, זַייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט וִויא אַזוֹיא דִיא נְשָׁמָה הַאלְט זִיךְ אַיין אִין אִיהם. אַיין דָאקְטָאר הָאט גֶעזָאגְט צוּא יֶענֶע דָאקְטוֹרִים אִיךְ וֶועל אַייךְ וַוייזֶען אַוואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ אִיהר זֶעהְט דָאךְ וִויא עֶר לִיגְט גָאר אָהְן חִיוּת, לָאמֶיר אִיהם גֶעבֶּען רְשׁוּת צוּא זָאגֶען חֲסִידוּת, וֶועט אִיהר זֶעהֶען וִויא אִין אִיהם וֶועט זִיךְ גֶעפִינֶען אַגְרוֹיס חִיוּת. זַייא הָאבֶּען אַזוֹיא גֶעטְהוּן, בַּאלְד הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט מִיט אַפְלַאקֶערְדִיגֶען פָּנִים, עֶר הָאט גֶיבֶּעטֶען דָאס מֶענְשֶׁין זָאלֶען צוּא אִיהם קוּמֶען, דֶער זַאאל אִיז גֶעוָוארֶען פוּל מִיט מֶענְשֶׁען, דֶער אדמו"ר הָאט גֶעזָאגְט: יֶעצְט וֶועל אִיךְ אַייךְ זָאגֶען אַזֶעלְכֶע סוֹדוֹת נַייעֶ וָואס אִיהר הָאט דָאס קֵיין מָאל נִיט גֶעהֶערְט, עֶר וָואלְט גֶעווִים מְגַלֶּה גֶעוֶועזֶען הוֹיכֶע עִנְיָנִים, נוּר עֶס הָאט גֶעטְרָאפֶען אַסִבָּה, אַזוֹיא וִוי דֶער זַאאל אִיז גֶעוֶועזֶען פוּל מִיט חֲסִידִים, זֶענֶען אַנְדֶערֶע גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי טִישֶׁען אוּנ בֵּיינְק, אַחָסִיד הָאט זִיךְ אַייְנְגֶעבוֹיגִין נָאהֶנְט עֶר זָאל קָאנֶען הֶערֶען דִי חֲסִידוּת, אִיז אִיהם זַיין הִיטֶעל אַרָאפְּגֶעפַאלֶען אוֹיף דֶעם אדמו"ר, אוּנ הָאט אִיהם מְבַלְבֵּל גֶעוֶועזֶען, הָאט אדמו"ר גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַסִימָן דָאס אִין הִימֶעל וִויל מֶען נִיט אִיךְ זָאל מְגַלֶּה זַיין דִיא סוֹדוֹת אוּנ עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת. וֶועגֶען דֶעם נַייעֶם בַּאפֶעל פוּן קֵיזֶר אַז מֶען זָאל אָנְפַאנְגֶען נֶעהמֶען יוּדִישֶׁע סָאלְדַאטֶען, עֶר הָאט גֶעווִיזֶען דָאס אִיז אַגְלִיק פַאר יוּדֶען, אוֹיךְ פַאר דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט.

דֶעם אַכְטֶען טָאג אִין חֹדֶשׁ הָאט עֶר גֶעוָואלְט שְׁרֵייבֶּען חֲסִידוּת פוּן דֶעם עִנְיָן פוּן חֲנֻכָּה, נַאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט. דִיא וֶועלְט אִיז יֶעצְט אִין צַעַר, וִויא קָאן אִיךְ זִיךְ אַזוֹיא פִיל מַּעֲנֵג טְהָאן, אוּנ עֶר הָאט נִיט גֶעשְׁרִיבֶּען, נַאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּא דִיא חֲסִידִים, גֶעהט אַהֵיים, נֶעהמְט אַבִּיסֶעל מַשְׁקֶה אוּנ זֶענְט פְרֶעהלֶעךְ. דִי חֲסִידִים הָאבֶּען אִיהם גֶעעֶנְטְפֶערְט, רַבִּי! בַּאלְד וֶועט דָאךְ זַיין יוּד כִּסְלֵו אַייעֶר יוֹם טוֹב, וֶועלֶען מִיר דֶענְסְטְמָאל נֶעהמֶען מַשְׁקֶה אוּנ פְרֶעהלִיךְ זַיין, אָבֶּער יֶעצְט וָואס פַאר אַצַייט אִיז צוּ זַיין פְרֶעהלִיךְ? — דֶער אדמו"ר הָאט גֶעזָאגְט צוּ זַיי, טְהוּט וִוי אִיךְ זָאג אַייךְ, „שִׂמְחָה" אִיז אַגְרוֹיסֶע סְגוּלָה אִיבֶּער צוּקֶעהרֶען פוּן שְׁלֶעכְטֶעס אוֹיף גוּטֶעס, אוּנ אִיךְ וֶועל דֶער וַוייל לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת וֶועל אִיךְ אוֹיךְ הָאבֶּען פֶערְגְנִיגֶען. דִי חֲסִידִים הָאבֶּען אַזוֹיא גֶעטְהוּן.

דִי נַאכְט פוּן ט' כִּסְלֵו בְּעֵת מֶען הָאט אִיהם פַארִיכְט זַיין גֶעלֶעגֶער אִיז עֶר

אין

אִין חַלָשׁוֹת גֶעפַאלֶען, זַייא הָאבֶּען אִיהם אוֹיפְגֶעוֶועקְט דוּרְךְ דִי שְׁטַארְקֶע טְרָאפֶּען, יֶענֶע נַאכְט אִיז עֶר פִיל מָאל גֶעפַאלֶען אִין חַלָשׁוֹת, נוּר אֵיין מָאל הָאבֶּען זַייא נִיט גֶעקָאנְט אִיהם אוֹיפְוֶועקֶען, הָאבֶּען זֵיי גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז נִפְטַר גֶעוָוארֶען, אִיז אִין שְׁטוּבּ גֶעוָוארֶען אַגְרוֹיס גֶעשְׁרֵיי, בִּיז עֶס הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אִין שְׁטָאדְט, דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאדְט אַיינְווָאהנֶער, חֲסִידִים אוּנ נִיט חֲסִידִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען בַּיי אִיהם צוּ הויז, גַאנְץ חֶבְרָה קַדִישָׁא זֶענֶען גֶעקוּמֶען, זֵיי הָאבֶּען אוֹיף אִיהם גֶעקוּקְט אוּנ גֶעזָאגְט: עֶס אִיז מֶעהר נִיטָא וָואס צוּא טְהָאן, עֶר אִיז שׁוֹין נִפְטַר גֶעוָוארֶען. נוּר דִי חֲסִידִים אוּנ זַיין הויזְגֶעזִינְד הָאבֶּען נִיט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם וָואס דִי ח״ק זָאגְט, אוּנ זַייא זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַרוּם זַיין בֶּעט אוּנ הָאבֶּען אַלַאנְגֶע צַייט אוֹיף אִיהם גֶעקוּקְט בִּיז זֵיי הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעעֶפֶענְט דִיא אוֹיגֶען אוּנ דֶער פָּנִים אִיז גֶעוֶועזֶען פְרֶעהלִיךְ, הָאבֶּען זַייא צוּ אִיהם גֶעזָאגְט: פַאר וָואס שְׁרֶעקְט אִיהר אוּנְז אַזוֹיא שְׁטַארְק, הָאט אִיהר דֶען נִיט גֶעהֶערְט דֶעם גֶעשְׁרֵייא וָואס דָא אִיז גֶעוֶועזֶען? הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַקוֹל הָאט גֶעזָאגְט: וָואס טְהוּט אַזַא נְשָׁמָה אִין דֶעם עוֹלָם?

נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִיהם אִיבֶּער בַּייטֶען דִי בְּגָדִים וָואס עֶר טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְהָאן אִין וַוייסֶע בִּגְדֵי לָבָן פוּן שַׁבָּת אוּנ יו״ט אוּנ דֶער גֶעשְׁטַאלְט אִיז גֶעוֶועזֶען גָאר גֶאטְלִיךְ, דֶער פָּנִים אִיז רוֹיטְה גֶעוָוארֶען אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט מִיט שִׂמְחָה אוּנ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען מַמְלִיץ טוֹב זַיין אוֹיף אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. וואוּ זַייא זֶענֶען הִיטֶען זֵיי דִי תּוֹרָה אוּנ זֶענֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוֹת, הֲגַם עֶס זֶענֶען פַארַאן אַקְלֵיינֶע צָאהל וָואס בַּיי זֵיי אִיז פַארַאן שִׂנְאַת חִנָּם, וָואס דַארִיבֶּער הָאבּ אִיךְ אַלֶע מָאל גֶעהַאט פַארְדְרוּס, אָבֶּער אִין מִצְוֹת זֶענֶען זֵיי זֶעהְר גֶעהִיט אוּנ זֶענֶען מְקַיֵּים מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק, אוּנ בִּפְרַט דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה אִין דִי צַייטֶען וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעדְרִיקְט, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען גִיבְּט יֶעדֶער יוּד מֶעהר וִויפִיל עֶר קָאן.

נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט, דִי נַאכְט זָאלֶען אַלֶע זַיין אִין שִׂמְחָה, אוּנ מֶען זָאל רוּפֶען דִי חֲסִידִים דִי בַּעֲלֵי דֵעָה עֶר וֶועט זָאגֶען חֲסִידוּת. דִי חֲסִידִים הָאבֶּען זִיךְ צוּזַאמֶענְגֶעקְלִיבֶּען, אִין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוֶועזֶען לִיכְטִיג אוּנ פְרֶעהלִיךְ, עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען פְרֶעהלִיךְ מִיט דִי חֲסִידִים אוּנ זֵיי מִיט אִיהם. אַלֶע הָאבֶּען גֶעגְלוֹיבְּט אַז עֶר וֶוערְט גֶעזוּנְד אוּנ שְׁטַארְק. עֶר הָאט זִיךְ מֵכִין גֶעוֶועזֶען צוּ זָאגֶען חֲסִידוּת, צוּ אֵיין חָסִיד הָאט עֶר גֶעזָאגְט, בְּעֵת אִיךְ וֶועל זָאגֶען חֲסִידוּת, זָאלְסְט דוּ גוּט אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אוֹיף מִיר. עֶס קָאן זַיין דָאס אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבֶּען צוּדְרֶעמְלֶען זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּרִיהְרֶען אָן מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ בַּאלְד אוֹיף וֶועקֶען.

דְרַיי מָאל הָאט עֶר גֶעזָאגְט חֲסִידוּת, צְווייא מָאל אוֹיף דֶעם פָּסוּק אַחֲרֵי ה׳ תֵּלֵכוּ אוּנ דֶעם דְרִיטֶען מָאל אוֹיף דֶעם פָּסוּק כִּי עִמְּךָ מְקוֹר חַיִּים (תהלים ל״ו י׳) עֶר הָאט גֶעזָאגְט, הֲגַם דָאס אִיז שׁוֹין אֲפִילוּ גֶעדְרוּקְט אִין סִידוּר, נוּר אִיךְ וֶועל זַיין דֶער מְלַמֵד דֶערְפוּן, אִיךְ וֶועל אִיהם אַייךְ זָאגֶען מִיט גְרוֹיס פֶערְשְׁטַאנְד.

ער

ער האט געזאגט מיט גרויס התלהבות, ער האט עטליכע מאל געפרעגט אויב עס איז שוין טאג, פארטאג האט ער געענדיגט די חסידות מיט די ווערטער כי עמך מקור חיים, מחיי החיים (כצ"ל) און באלד איז ער שטיל געווארען, און די היילינע נשמה האט זיך באהעפט צו השי"ת —.

זיין איידעם האדמו"ר בעל צמח צדק האט געזאגט דאס אזא געהייבענע פטירה געפינען מיר נור ביי דעם היילינען תנא רבי שמעון בן יוחאי. אין זהר הקדוש שטעהט אז ער האט געזאגט דעם פסוק כי שם צוה ה' את הברכה חיים און באלד איז ער נסתלק געווארען.

די פטירה פון אדמו"ר איז געווען ט' כסלו אין דעם איינענעם טאג וואס ער איז געבארען געווארען, אונזערע היילינע חכמים זאגען אז השי"ת ערפילט די יאהרע פון דיא צדיקים פון טאג צו טאג, ביי משה רבינו געפינען מיר אזוי און נאך ביי פיל געהויבענע צדיקים.

אין דעם איינענעם טאג ער איז צו קבורה געקומען. דער ארון הקודש איז בעהאלטען געווארען ביז דער צייט וואס השי"ת האט בעשטימט עס זאל זיין תחית המתים.

דער יו"ט פון יו"ד כסלו איז געווארען פארקעהרט צו טרויעריגקייט ביי אלע יודען. אין פיל ערטער האט מען געמאכט הספדים, דער הגאון אב—בית—דין אין חערסאן האט אגרויסען הספד געמאכט, ער איז געדרוקט אין ספר בית אברהם, אגרויסען טרייסטונג האבען מיר געהאט דערפון וואס זיין איידם אדמו"ר בעל צמח צדק איז געבליבען אויף זיין ארט נאהנט פון 40 יאהר האט ער געלייכט אויף דער וועלט, גאט לאזט ניט זיין וועלט אדור יתום.

האדמו"ר ר' דובער איז אזוי גוט ווי ניט געשטארבען, ווייל ער האט איבערגעלאזען פיל היילינע ספרים, געדרוקט און געשריבענע וואס זיי לייכטען אויף אונז און דורך זיין נשמה וואס איז באהעפט צום גאט ניט ער אונז ברכה אין רוחניות און אין גשמיות, השי"ת זאל אונז מזכה זיין איהם צו זעהען בעת משיח צדקנו וועט קומען במהרה בימינו.

אויף זיין קבר האט מען אויסגעבויט אשאנעם בנין און דערביי אמנין צו דאווענען. אזוי וויא ביי זיין היילינען פאטער דער אלטער רב ז"ל, עס קומען דארטען פיל מענשען מתפלל זיין צו השי"ת

## פרק יא.

זיינע זאהנע, טאכטער איידעמס און תלמידים.

דער אדמו"ר האט געהאט צוויי זאהנע רבי נחום און ר' ברוך שמואל, דער ערשטער איז געווען גרויס אין נגלה און נסתר, א צדיק, א עניו, אז אדמו"ר איז איז נסתלק געווארען אין ניעזען, איז ער דארטען געבליבען, אערך פופציג יאהר

יָאהר הָאט עֶר דָארְטֶען גֶעוָואהנְט, אוּנ אִיז דָארְטֶען נִסְתַּלֵק גֶעוָוארֶען.

דֶער צְווייטֶער זָאהן אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַבִּיסֶעל נִיט אַזוֹי ווִי זַיין בְּרוּדֶער. זַיין פֶעטֶער הָרַב ר׳ חַיִים אַבְרָהָם ז״ל דֶער אַנְדֶערֶער זָאהן פוּן אַלְטֶען רַב הָאט אִיהם צוּגֶענוּמֶען פַאר אַנְ׳אֵיידֶעם. עֶר הָאט גֶעהַאט אַזָאהן הָרַב ר׳ זַלְמָן רַב אִין בַּאחְמוּט.

זֶעכְּס טֶעכְטֶער הָאט עֶר חַתוּנָה גֶעמַאכְט.

א) דֶער עֶרְשְׁטֶער אֵיידֶעם אִיז גֶעוֶוען אדמו״ר הָרַב ר׳ מְנַחֵם מֶענְדֶעל בַּעַל צֶמַח צֶדֶק ז״ל. אַפְּלִימֶעניִק (אַשְׁוָועסְטֶערְס אַ זָאהן) פוּן אדמו״ר ר׳ דוֹבֶּער. עֶר אִיז גִיבְּלִיבֶּען אַמְמַלֵא מְקוֹמוֹ. (וֶועגִין אִיהם וֶועלִין מִיר אִי״ה רֵיידֶען אִין אַנַאנְדֶער חֵלֶק.)

ב) הָרַב הַצַדִיק ר׳ יַעֲקֹב יִשְׂרָאֵל אַ זָאהן פוּן הָרַב הַצַדִיק ר׳ מָרְדְכַי פוּן טְשֶׁערְנָאבֶּעל ז״ל. אַמְחוּתָן מִיט זַיין שְׁוָואגֶער אדמו״ר בַּעַל צ״צ. (אדמו״ר הָרַב הַצַדִיק ר׳ יוֹסֵף יִצְחָק דֶער זָאהן פוּן אדמו״ר אִיז בַּיי אִיהם גֶעוֶוען אַנְ׳אֵיידֶעם. אוּנ הָרַב הַצַדִיק ר׳ מָרְדְכַי בֶּער דֶער הָארְנָסְטַאיפָּאלְיער אִיז גֶעוֶוען זַיינֶער אַאֵיינִיקֶעל.)

ג) הָרַב הֶחָסִיד ר׳ יְקוּתִיאֵל זַלְמָן ז״ל דֶער אֵיינִיקֶעל פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ מִבַּרְדִיטְשׁוֹב ז״ל, עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַמְחוּתָן מִיט אדמו״ר הנ״ל זַיין זָאהן ר׳ לֵוִי יִצְחָק ז״ל דֶער רַב פוּן ווִילִיז אִיז גֶעוֶוען אַנְ׳אֵיידֶעם בַּייא אדמו״ר בַּעַל צ״צ.

ד) הָרַב הֶחָסִיד ר׳ אַהֲרן ז״ל, דֶער זָאהן פוּן ר׳ משֶׁה ר׳ הִירְשֶׁעס פוּן שְׁקְלָאוו. עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַמְחוּתָן מִיט אדמו״ר הנ״ל, וַוייל אדמו״ר הָרַב ר׳ שְׁמוּאֵל ז״ל דֶער זָאהן פוּן בַּעַל צ״צ אִיז גֶעוֶוען זַיינֶער אַנְ׳אֵיידֶעם.

ה) הָרַב הֶחָסִיד ר׳ יַעֲקֹב כו׳, אַזָאהן פוּן הָרַב הֶחָסִיד ר׳ זַלְמָן רוֹיזֶעס פוּן שְׁקְלָאוו, עֶר מִיט זַיין גַאנְצֶע הוֹיזְגֶעזִינְד זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָאהְרֶען אִין א״י תִּבָּנֶה בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

ו) הָרַב הֶחָסִיד ר׳ יוֹנָה עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן זִיטָאמִיר. זַיין מְקוֹם דִירָה אִיז גֶעוֶוען אִין לְיוּבַּאווִיטְשׁ.

תַּלְמִידִים הָאט עֶר גֶעהַאט זֶעהְר פִיל. דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן זַיין פָאטֶער זֶענֶען נָאכְדֶעם זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעוָוארֶען, אוּנ דֶערְצוּ נָאךְ תַּלְמִידִים וָואס זַייא הָאבֶּען נִיט אוֹיסְגֶעפִייעֶט צוּ זַיין בַּיי זַיין פָאטֶער. אֵיינִיגֶע פוּן זֵיי וֶועלֶען מִיר דֶערְמָאנֶען.

א) הָרַב הַצַדִיק ר׳ הִלֵל פַארִיטְשֶׁער דֶער זָאהן פוּן הָרַב הֶחָסִיד ר׳ מֵאִיר פוּן בְּרָאהִין פוּן דִי חֲסִידִים פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ ר׳ נָחוּם ז״ל פוּן טְשֶׁערְנָאבֶּעל הָרַב ר׳ הִלֵל אִיז פְרִיהֶר גֶעוֶוען אַחָסִיד בַּיי הָרַב הַקָדוֹשׁ ר׳ מָרְדְכַי פוּן טְשֶׁערְנָאבֶּעל ז״ל. נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען דָאס עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען דֶעם „תַּנְיָא" פוּן אַלְטֶען רַב הָאט זִיךְ אִיהם זֶעהְר גֶעלוּסְט לֶערְנֶען חֲסִידוּת חב״ד עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ עִילוּי, אוּנ הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אַחַבֵר, אַגַאנְצֶע וָואךְ הָאבֶּען זַייא גֶעלֶערְנְט נִגְלָה. נוּר שַׁבָּת פְלֶעגֶען זֵיי זִיךְ אָנְטְהָאן טַלִיתִים אוּנ לֶערְנֶען קַבָּלָה, ר׳ הִלֵל הָאט גֶעזָאגְט מִיר הָאבֶּען גֶעמֵיינְט אַז מִיר זֶענֶען צַדִיקִים, אָבֶּער ווִיא מִיר הָאבֶּען דֶערְזֶעהֶען דֶעם תַּנְיָא פַארְשְׁטֶעהֶען מִיר אַז אֲפִילוּ בֵּינוֹנִים זֶענֶען מִיר אוֹיךְ נִיט הָאבֶּען מִיר אוֹיסְגֶעטְהָאן דִיא טַלִיתִים אוּנ גֶעפֶּענְט דִי טְהִיר.

בעת ער האט בעקומען דעם לוסט צוא חסידות חב"ד האט שוין דער אלטער רבי ניט געלעבט, איז ער געפאהרען צו דעם מיטעלען רב, ער האט זיין רבי ר' מרדכי געזאגט דאס ער וויל פאהרען אין ליובאוויטש, ר' מרדכי האט איהם געוואלט האבען ביי זיך, האט ער איהם ניט געהייסען פאהרען אבער ר' הלל האט געוואלט פאהרען, האט ר' מרדכי געזאגט צוא איהם אויב דוא וועסט פאהרען וועסט דו ליגען מיט דעם פנים ארויף, ר' הלל האט געענטפערט: עס מעג זיין וואס עס וויל איך מוז פאהרען, ער האט זיך געזעגענט אונ געוואלט אוועקפאהרען, זיין פאטער האט געהערט וואס ר' מרדכי האט איהם געזאגט, האט ער געבעטען אלע בעלי עגלות אז קיינער פון זיי זאל איהם ניט מיטנעהמען. איז ר' הלל אוועקגעגאנגען צו פוס. געהענדיג אויף דעם וועג האט ער געטראפען פוהרען פאהרען מיט פעסער, האט ער געבעטען זיי זאלען איהם מיטנעהמען. פאהרענדיג האט ער זיך אראפגעקוליעט פון דיא פעסער אונ געלעגען מיט זיין פנים ארויף.—נוא—האט ער געזאגט מיטן פנים ארויף בין איך שוין געלעגען היינט קאן איך געוויס פאהרען. ער איז געקומען אין ליובאוויטש, אונ ער האט געהערט חסידות פון אדמו"ר. ער איז נבהל געווארען, אנייע ליכטיגע וועלט האט זיך פאר איהם בעוויזען, פון דענסטמאל אן איז ער געווארען באהעפט צום אדמו"ר ער האט פיל פון זיין תורה געלערנט, אונ אדמו"ר האט איהם זעהר טהייער געהאלטען, נאך דעם אדמו"ר'ס הסתלקות איז ער געפאהרען צום אדמו"ר בעל צ"צ, די גאנצע יאהרען. ער האט פיל חסידות געשריבען אונ איינגע ספרים פון איהם זיינען געדרוקט געווארען, ער איז געוועזען אגרויסער עסקן אין צדקות אונ געשטיצט פיל עניים ואביונים, די קאלאניסטען פון חערסאנער גובערניע האט ער פיל געהאלפען, ער פלעגט זאמלען געלד פאר זייא אונ אלע יאהר פלעגט ער פאהרען צו זיי, לערנען מיט זייא תורה אונ יראת שמים. זיינע רביים פלעגען שיקען יונגע לייט צו איהם ער זאל לערנען מיט זייא, פריהר האט ער געוואהנט אין פאריטש, דער נאך איז ער געווארען רב אין באברויסק, זיין נאמען איז געוועזען זעהער גרויס, אין דעם יאהר תרכ"ד איז ער געפאהרען צו די קאלאניסטען ער איז געקומען אין חרסאן איז ער נסתלק געווארען י"א אב. אויף זיין קבר האט מען געבויט א אהל מיט אבהמ"ד. פיל מענשען געהען דארטען מתפלל זיין צוא השי"ת, זיין זכות זאל אונז אלעמען מגין זיין אמן.

ב) הרב הצדיק ר' אלי' יוסף ז"ל פון דריבין זיין פאטער איז געוועזען הרב החסיד ר' ליב פון אולע ז"ל ר' אלי' יוסף איז פריהער געוועזען אתלמיד ביי הרב הקדוש ר' אהרן ז"ל פון שטראשעלע, נאכדעם האט ער זיך צוגעבונדען צו אדמו"ר אונ נאכדעם צו זיין איידעם אדמו"ר בעל צ. צ.. ער איז געוועזען אגאון אין נגלה אונ אין חסידות ער איז געוועזען אמענש מיט רוחניות, זיינע רביים האבען איהם זייער ליב געהאט אונ צו איהם פלעגען זיי אויך צושיקען יונגע לייט לערנען, פריהר איז ער געוועזען אין דריבין, אונ נאכדעם איז ער געוועזען אקליינע צייט

ארב

אַרב אִין פָּאלְצְק, נָאכְדֶעם הָאט עֶר בֶּעקוּמֶען לוּסְט צוּ פָּאהְרֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּנ עֶר אִיז אַהִין אַוֶועקְגֶעפָּאהְרֶען. אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט אוֹיךְ מִיט אִיהם גֶעשְׁטוּרְמְט, אִין יָאהר תרט״ו אִיז עֶר גֶעפָּאהְרֶען פוּן א״י אִין אוּנְזֶער מְדִינָה זִיךְ זֶעהֶען מִיט אדמו״ר בַּעַל צֶמַח צֶדֶק אוּנ הֶערֶען פוּן אִיהם חֲסִידוּת, נָאכְדֶעם אִיז עֶר צוּרִיק גֶעפָּאהְרֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ עֶר אִיז דָארְטֶען נִסְתַּלֵק גֶעוָוארֶען. פוּן אִיהם זֶענֶען פִיל כְּתָבִים גֶעבְּלִיבֶּען אִין נִגְלֶה אוּנ חֲסִידוּת, נָאךְ זַיין פְּטִירָה הָאבֶּען זַיינֶע קִינְדֶער גֶעדְרוּקְט זַיינֶעם אַסֵפֶר, אוֹיף נִגְלֶה, „אוֹהֶל יוֹסֵף״, אַטְהַייעֶרֶער סֵפֶר. זַיין זְכוּת אוּנ דֶער זְכוּת פוּן זַיין תּוֹרָה זָאל אוּנְז אַלֶעמֶען מֵגִין זַיין, אָמֵן.

נָאךְ פִיל אַזֶעלְכֶע חֲסִידִים הָאט אדמו״ר גֶעהַאט, נוּר מִיר הָאבֶּען וֶועגֶען זֵייא קֵיינֶע סִפּוּרִים נִיט צוּ עֶרְצֶעהלֶען, וֶועלֶען מִיר מְקַצֵר זַיין. אִין טְהַייעֶרְן סֵפֶר „בֵּית רַבִּי״ וָואס אוֹיף לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ אִיז, וֶוערְד גֶערֶעדְט וֶוענִין יֶעדֶער בֶּעזוּנְדֶער, דֶער וָואס ווִיל קָאן דָארְטֶען זֶעהֶען.

אוֹיךְ קָאן מֶען זֶעהֶען דָארְטֶען דִי נָאמֶען פוּן אַלֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארֶען פוּן אדמו״ר, זֶעהֶער פִיל סְפָרִים אוּנ זֶעהֶער טְהַייעֶרֶע אוּנ נָאךְ פִיל טְהַייעֶרֶע עִנְיָנִים זֶענֶען דָארְטֶען (אִין סֵפֶר „בֵּית רַבִּי״) גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארֶען אוֹיף לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ.

אִין נִגְלֶה אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶועזֶען זֶעהֶער אַגְרוֹיסֶער גָאוֹן, נוּר עֶר הָאט דָאס נִיט אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען, אדמו״ר בַּעַל צֶמַח צֶדֶק הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: וֶוען עֶר וָואלְט גֶעוֶועזֶען אִין דֶער צַייט פוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע גְאוֹנִים וָואס מִיט טוֹיזֶענְד יָאהר צוּרִיק וָואס אוֹיף זֵייא לִיגְט דֶער אֱמֶת׳ר נָאמֶען גָאוֹן (אָהן צֶערֶעמָאנִיעס) וָואלְט עֶר אוֹיךְ גֶעוֶועזֶען וִויא אֵיינֶער פוּן זֵייא.—

אִין זַיינֶע כְּתָבִים אִיז פַאראַן אַסֵפֶר אִין נִגְלֶה אוֹיף שו״ע אבן העזר, (אוֹיךְ אוֹיף הִלְכוֹת נִדָּה) מֶען הָאט פִיל מָאל גֶעקְלֶעהְרְט צוּ דְרוּקֶען, נוּר עֶס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען מְנִיעוֹת כו׳ דִיא כְּתָבִים זֶענֶען קוּרְץ אוּנ זֶעהֶער טִיפְזִינִיג.

## פרק יב.

אֵיינִיגֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אִיהם, קְלוּגֶע עִנְיָנִים.

דֶער אדמו״ר אִיז אַמָאל גֶעוֶועזֶען אִין קְרִיסְלַאוֶוע. פִיל חֲסִידִים זֶענֶען צוּזַאמֶענְגֶעקוּמֶען אִיהם זֶעהֶען, אוֹיךְ דֶער גְרוֹיסֶער חָסִיד ר׳ יַעֲקֹב פוּן קִידַאן אִיז דָארְט גֶעקוּמֶען. עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען שְׁטַארְק צוּגֶעבּוּנְדֶען צוּם אדמו״ר. אַמָאל אִיז ר׳ יַעֲקֹב גֶעקוּמֶען בַּיי נַאכְט צוּם אדמ״ר, הָאט צוּ אִיהם גֶעזָאגְט ר׳ לֵיב מְשָׁרֵת קוּם מִיט מִיר אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזֶען אַוואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ, רֵיידֶענְדִיג הָאט עֶר גֶעעֶפֶענְט דִיא טְהִיר פוּן אדמו״ר׳ס חֶדֶר הָאט ר׳ יַעֲקֹב גֶעזֶעהֶען, וִויא אדמו״ר שְׁטֶעהט אִין מִיטֶן חֶדֶר אָהן אַשׁוּם תְּנוּעָה, פָּשׁוּט וִוי אַאֶבֶן דוֹמֵם, ר׳ יַעֲקֹב הָאט

מורא

מוֹרָא גֶעהַאט דָארְטֶען צוּ שְׁטֶעהֶען, טָאמֶער וֶועט אדמו"ר מַקְפִּיד זַיין, הָאט ר' לֵיב אַנְגֶעשְׁרַייא גֶעטְהָאן, הָאבּ קֵיין מוֹרָא נִיט, עֶר זֶעהט גָאר נִיט עֶר אִיז נִיט אוֹיף דֶעם עוֹלָם, ר' יַעֲקֹב אִיז אַלַאנְגֶע צַייט גֶעשְׁטַאנֶען בִּיז עֶר אִיז מִיר גֶעוָוארֶען שְׁטֶעהֶענְדִיג, אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען. אוֹיף מָארְגֶען הָאט ר' לֵיב מְשָׁרֵת צוּא אִיהם גֶעזָאגְט אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילֶען דֶעם סוֹף מַעֲשֶׂה, דֶער אדמו"ר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בִּיז דְרַיי אַזֵייגֶער נָאךְ הַאלְבֶּע נַאכְט אִיךְ הָאבּ צוּ אִיהם גֶעזָאגְט: רַבִּי! עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁפֶּעט, אִיהר דַארְפְט עֶסֶען אוּנ רוּהֶען, עֶר הָאט מִיר גָאר נִיט גֶעעֶנְטְפֶערְט. אִיךְ הָאבּ גֶעוַוארְט נָאךְ אַהִיפְּשֶׁע צַייט, הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען אַקֶעגְדֶעל וַואסֶער אוּנ הָאבּ אִיהם צוּגֶעטְרָאגֶען צוּם הַאנְד, אִיז עֶר פוּן דָארְטֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּנ הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דֶעם פֶּענְסְטֶער, אוּנ אִיז דָארְטֶען אוֹיךְ גֶעשְׁטַאנֶען אַלַאנְגֶע צַייט, נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיין אוּמְגֶעקֶעהְרְט צוּא מִיר זֵייעֶר פְרֵאהלִיךְ אוּנ הָאט גֶעזָאגְט, יֶעטְצְט גִיבּ עֶסֶען. אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעגֶעבֶּען עֶסֶען אוּנ גֶעזֶעהֶען אַז עֶר אִיז פְרֶעהלִיכֶער וִויא אַלֶע מָאל, הָאבּ אִיךְ צוּא אִיהם גֶעזָאגְט רַבִּי, זָאגְט מִיר וָואס הָאט זִיךְ מִיט אַייךְ דִיא נַאכְט גֶעטְהָאן? אוּנ וָואס בֶּעדַייט אַייעֶר פְרֶעהלִיכְקַייט? דֶער אדמו"ר הָאט מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַזַא פְרֶעהלִיכֶע נַאכְט הָאבּ אִיךְ קֵיין מָאל נִיט גֶעהַאט, בַּייא מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען טְהַייעֶרֶע גֶעסְט מַיין הֵיילִיגֶער פָאטֶער, דֶער הֵיילִיגֶער בעש"ט אוּנ דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד פוּן מֶעזֶערִיטְשׁ. זַייא הָאבֶּען מִיר גֶעבֶּעטֶען אִיךְ זָאל זָאגֶען פַאר זַייא חֲסִידוּת הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר פִיל גֶעזָאגְט זַייא הָאבֶּען צוּם סוֹף גֶעזָאגְט: דַיין זָאגֶען חֲסִידוּת גֶעפֶעלְט אוּנְז אוּנ מִיר בֶּעטֶען דִיךְ אַז דוּא זָאלְסְט אַלֶע מָאל זָאגֶען חֲסִידוּת אוֹיף דֶעם אוֹפֶן, זַייא הָאבֶּען מִיר גֶעבֶּענְשְׁט, נָאכְדֶעם זֶענֶען זֵיי אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, נוּר מַיין פָאטֶער אִיז גֶעבְּלִיבֶּען, עֶר הָאט מִיר מְגַלֶּה גֶעוֶוען פִיל סוֹדוֹת אִין דִיא חֲסִידוּת וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ פוּן זַייא נִיט גֶעוואוּסְט, אַצוּנְד פַארְשְׁטַייסְט דוּא וָואס אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען אוּנ וָואס יֶעטְצְט בִּין אִיךְ אַזוֹי פְרֵאהלִיךְ.

אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ הָאט אַמָאל גֶעטְרָאפֶען אַזַא מַעֲשֶׂה: דֶער אדמו"ר אִיז דְרַיי טָאג גֶעוֶוען אָבְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן אַלֶע מֶענְשֶׁען, עֶר הָאט מִיט קֵיינֶעם נִיט גֶערֶעדְט אוֹיךְ נִיט גֶעגֶעסֶען, דִיא הוֹיזְגֶעזִינְדֶען זֶענֶען גֶעוֶוען דַארִיבֶּער אוּנְרוּהִיג.

דָארְטֶען אִיז גֶעוֶוען ר' אֶפְרַיִם פוּן קָאפּוּסְט, אַחָשׁוּב בַּייא דֶעם אדמו"ר, הָאבֶּען דִיא הוֹיזְגֶעזִינְד אִיהם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל אַרַיינְגֶעהֶען צוּם אדמו"ר פְרֶעגֶען דִיא סִבָּה דֶערְפוּן, ר' אֶפְרַיִם הָאט מוֹרָא גֶעהַאט דָאס צוּא טְהָאן, הָאט עֶר גֶעאֶפֶענְט דִיא טְהִיר פוּן אדמו"ר'ס חֶדֶר אוּנ עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶערוּקְט צוּרִיק, אַזוֹיא הָאט עֶר גֶעטְהָאן עֶטְלֶעכֶע מָאל, בִּיז דֶער אדמו"ר הָאט אִיהם גֶעפְרֶעגְט וָואס בֶּעדַייט דָאס אֶפְרַיִם אַז דוּא גֶעהְסְט אוּנ קֶעהְרְסְט זִיךְ צוּרִיק?— אֶפְרַיִם הָאט אִיהם גֶעעֶנְטְפֶערְט, אִיךְ בִּין נַייגִירִיג צוּא וִויסֶען פַאר וָואס דֶער רַבִּי אִיז שׁוֹן דְרַייא טָאג אָבְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן אַלֶעמֶען, דִיא הוֹיזְגֶעזִינְד זֶענֶען צוּטְרָאגֶען דֶערְפוּן. אדמו"ר הָאט אִיהם גֶעעֶנְטְפֶערְט: שׁוֹין דְרַיי טָאג בִּין אִיךְ אִין צַעַר, מִיט דְרַייא טָאג צוּרִיק

צוריק

צוּרִיק אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר מַיין פָאטֶער אוּנ הָאט מִיר גֶעזָאגְט דָאס דֶער בעש״ט מִיט זַיין תַּלְמִיד דֶער מַגִיד וֶועלִין הֶערֶען מַיינֶע חַסִידוּת הָאבּ אִיךְ אִיהם גֶעעֶנְטְפֶערְט אִיךְ וֶועל זָאגֶען פַאר זֵיי נוּר בִּתְנַאי אַז דוּא זָאלְסְט נִיט זַיין דֶערְבַּיי, דֶער פָאטֶער אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, נָאכְדֶעם זַיינֶען זֵייא אַריינְגֶעקוּמֶען, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט, אִין מִיטֶן זָאגֶען הָאבּ אִיךְ דֶערְזֶעהֶן אַז מַיין פָאטֶער אִיז אוֹיךְ דָא, הָאבּ אִיךְ נִיט גֶעוָואלְט אוֹיפְהֶערֶען בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט, זֵיי אִיז מַיין זָאגֶען גֶעפֶעלֶען גֶעוֶועזֶען הָאבֶּען זֵייא מִיךְ גֶעבֶּענְשְׁט אוּנ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען. נָאכְדֶעם הָאט מִיךְ פַארְדְרָאסֶען פַאר וָואס הָאבּ אִיךְ זֵיי נִיט גֶעבֶּעטֶען אַז זֵייא זָאלֶען זָאגֶען חַסִידוּת, דֶערְפוּן בִּין אִיךְ אִין צַעַר דִיא גַאנְצֶע דְרַיי טֶאג, ר׳ אֶפְרַיִם הָאט אִיהם גֶעטְרַייסְט, בִּיז דֶער אדמו״ר אִיז פְרֶעהלִיךְ גֶעוָוארֶען וִויא אַלֶע מָאל.

מִיט דֶעם אדמו״ר אִין קְרִיסְלַאוֶוע הָאט גֶעטְרָאפֶען אַזַא מַעֲשֶׂה: אַמָאל בַּייא נַאכְט הָאט עֶר זִיךְ גֶעוואַשֶען עֶסֶען, ר׳ לֵיבּ מְשָׁרֵת הָאט אִיהם דֶערְלַאנְגְט יוֹךְ מִיט אַשְׁטִיקֶעל עוֹף. אדמו״ר הָאט גֶענוּמֶען דִי לֶעפֶעל אִין הַאנְד, אוּנ הָאט זֵיא בַּאלְד אַוֶועקְגֶעלֶעגְט, נִיט פַארְזוּכְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּא זַיין מְשָׁרֵת, אִיךְ וֶועל דָאס נִיט עֶסֶען, אוּנ דוּא זָאלְסְט דָאס אוֹיךְ הַלַּיְלָה נִיט עֶסֶען, דֶער מְשָׁרֵת הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעוואוּנְדֶערְט, נוּר עֶר הָאט גֶעשְׁוִויגֶען, אוֹיף מָארְגֶען אִין דֶער פְרִיה הָאט צוּ אִיהם גֶעזָאגְט דֶער בַּעַל הַבַּיִת: בַּיי אוּנְז הָאט אַנְאוּנְגְלִיק גֶעטְרָאפֶען דוּרְךְ אוּנְזֶער טָעוּת הָאט דֶער אדמו״ר גֶענֶעסֶען טְרֵף פְלֵיישׁ, דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי, בַּייא זֵייא הָאט גֶעוָואהְנְט אַכְּרִיסְט וָואס פַאר אִיהם הָאט דִי וִוירְטְהִין גֶעקָאכְט טְרֵפוֹת, נָאכְדֶעם הָאט זִי גֶעזֶעהֶען דָאס זֵיא הָאט דִיא כָּשֵׁר עֶסֶען גֶעגֶעבֶּען דֶעם כְּרִיסְט אוּנ דִיא טְרֵפוֹת – דֶעם אדמו״ר, דֶער מְשָׁרֵת הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט עֶס אִיז קֵיין אוּנְגְלִיק גֶעשֶׁעהֶען וַוייל אדמו״ר הָאט דָאס נִיט גֶעגֶעסֶען, אִין שְׁטָאדְט אִיז גֶעוָוארֶען אַרַעַשׁ פוּן דֶעם מוֹפֵת. ר׳ לֵיבּ מְשָׁרֵת הָאט צוּם אדמו״ר גֶעזָאגְט, אִיהר זָאגְט אַלֶע מָאל דָאס אִיהר וַוייסְט נִיט פוּן מוֹפְתִים נוּא דֶער נִיט עֶסֶען טְרֵפָה אִיז דָאךְ אוֹיךְ אַמוֹפֵת, דֶען פוּן וַואנֶעט הָאט אִיהר גֶעוואוּסְט אַז דִי שְׁפַּייז אִיז טְרֵפָה? דֶער אדמו״ר הָאט אִיהם גֶעעֶנְטְפֶערְט, דָאס אִיז טַאקֶע קֵיין מוֹפֵת נִיט, דִיא מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי גֶעוֶועזֶען, אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעוואַשֶען צוּם עֶסֶען, אִיז מִיר הֶערַיין אַמַחֲשָׁבָה פוּן הִלְכוֹת טְרֵפוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶערֶעכֶענְט אַז דָאס אִיז נִיט אוּמְזָאנְסְט, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ נִיט גֶעגֶעסֶען אִיךְ וַוייס גֶעוִויס אַז מִן הַשָּׁמַיִם הָאט מִיךְ אָפְּגֶעהִיט פוּן טְרֵפוֹת.

הָרַב הֶחָסִיד ר׳ נָחוּם פוּן טְשֶׁערְנִיגָאוו הָאט דֶערְצֶעהלְט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן אדמו״ר וָואס עֶר הָאט דָאס מִיט זַיינֶע אוֹיגֶען גֶעזֶעהֶען, דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי גֶעוֶועזֶען: בְּעֵת אדמו״ר הָאט גֶעבְּרוֹיכְט פָאהרֶען אִין הַאדִיץ פַאר זַיין פְּטִירָה, אִיז גֶעקוּמֶען אַ יוּדֶענֶע אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ בֶּעטֶען בַּיי דֶעם אדמו״ר אוֹיף קִינְדֶער, נוּר דִיא גַבָּאִים הָאבֶּען אִיהר נִיט צוּגֶעלָאזֶען צוּם אדמו״ר, דֶער אדמו״ר אִיז אַוֶועקְגֶעפָאהרֶען, אוּנ דִי יוּדֶענֶע אִיז אִיהם נָאכְגֶעפָאהרֶען, אוֹיף וֶועלְכֶע אַכְסַנְיָא

דער

דער אדמו"ר איז געקומען פלעגט די יודענע בעטען יענע קאבין, זיא זאל איהר ערלויבען קאבען פאר דעם אדמו"ר, זי האט געקאנט גוט קאכען זיא איז איהם נאכגעפאהרען ביז סטערגינאוו, דער אדמו"ר איז אריינגעפאהרען צו הרב ר' נחום. צו מיטאג האט אדמו"ר אפרעג געטהאן, וואס איז דאס פאר אמעשה, אז פון דער צייט וואס איך בין פון דער היים, האבען דיא שפייז איין טעם ווי איין מענש וואלט דאס קאכען, ר' נחום האט געוואוסט דעם טעם, האט ער איהם ערצעהלט אקורא, דער אדמו"ר האט פערלאנגט דאס דיא יודענע זאל קומען, ער האט צו איהר געזאגט: אזוי ווי דו האסט זיך מוסר נפש געוועזן פון מיינעטוועגען שיינק איך דיר צוויי אינגלעך וואס איך האב נאך מיין איינגענס.

דיא ברכה פון אדמו"ר איז מקוים געווארען.

דיא התמדה זיינע אין נגלה איז געוועזן גרויס. החסיד ר' יעקב פון קיידאן האט געשריבען וואס ער אליין האט געזעהן, דער אדמו"ר איז אמאל ווינטער געפאהרען עטליכע טאג אויפ'ן וועג, אז ער איז געקומען אהיים האט ער זיך זיין טליפ ניט אויסגעטהאן און ער האט באלד גענומען אגמרא און שטעהענדיג האט ער אפגעלערנט עטליכע בלאט גמרא.

נאך אמעשה: בעת אדמו"ר איז געוועזן א יונגער מאן, האט ער געלערנט בתורת חבר מיט הרב החסיד ר' נחמן מאושאץ, ער איז געוועזן אקרוב לאדמו"ר, נאכדעם איז ר' נחמן געווארען אסוחר. אמאל איז ער געקומען אין לאדי צום אלטען רב. ער האט בעזוכט זיין אלטען חבר וואס האט דענסטמאל געלערנט גמרא. אויף מארגען האט ער געזעהען אז ער האט זעהער פיל אבגעלערנט, ר' נחמן האט גערעכענט אז ער לערנט אהן עמקות דערפאר לערנט ער אפ אזויא פיל. האט ער פאר זיך אשמייכיל געגעבען, דער אדמו"ר האט דאס בעמערקט, נאכדעם איז ר' נחמן אוועקגעפאהרען. דער געשעפט איז געווארען שלעכט, ער איז בדלות געווארען. ער איז געפאהרען אין לאדי בעטין דעם אלטען רב אברכה אויף הצלחה, ער האט איהם ערצעהלט וויא דער געשעפט איז געווארען שלעכט. דער אלטער רב האט צוא איהם געזאגט אפשר האסט דוא אנגעריהרט דעם כבוד פון מיין זאהן ר' דובער, זיינע אקפדה שאדעט זעהער, ר' נחמן האט זיך באלד דערמאנט אן זיין געלעכטער און ער האט ערצעהלט דעם אלטען רב, דער רב האט איהם געענטפערט, געה צוא מיין זאהן בעט איהם מחילה, וועט דיין געשעפט גוט ווערען. ר' נחמן האט אזוי געטהאן, אדמו"ר האט איהם געענטפערט: שטארק מקפיד האב איך ניט איך האב מעהר ניט אקלעהר געגעבען פאר וואס וואנדערסט דוא זיך אזויא, דוא האסט זיך ערוויטערט פון לערנען, געהסט דוא צוריק, אבער איך האב די גאנצע צייט געלערנט, במילא קומט צו מעהר און מעהר, און בפרט אז איך בין געבארען פון אהייליגען פאטער. נאכדעם האט איהם אדמו"ר געבענשט דאס דעם צווייטען יאהר זאל איהם השי"ת ממלא זיין דעם חסרון אבגעגעבען אין צווייען, און אזוי איז געוועזן בעזרת השי"ת.

אדמו"ר איז אמאל געפאהרען אויף דער מדינה, ער איז געקומען אין פאלצק - האט ער דארטען געזאגט חסידות אין אגרויסען מתנגדים'שען בית המדרש - ווייל דער „עולם" איז געווען גרוים, אונ מתנגדים זענען אויך געגאנגען הארען אונ דער בית המדרש איז געווען אגרויסער. האט ער געזאגט אדרוש אויף דעם פסוק ותאמר ציון עזבני ה' וה' שכחני אז דאס איז דיא צוויי שמות ה' וואס פאר דיא י"ג מדות הרחמים, נוא אין פסוק שטעהט אבער ואד' שכחני גיט וה', איז געווארען ביי די מתנגדים אגרויסער שטורם אז ער רעדט פאלש, ער זאגט אפסוק ניט וויא עס שטעהט אונ כויט דארויף בגנים, זייא האבען פיל געלאכט. ביז די זאך איז אנגעקומען צום אדמו"ר, האט ער געזאגט זאלען זיי זעהען אין מסכת ר"ה דף י"ז עמוד ב' אין תוספות וואס ברענגט די פסיקתא אז עס דארף שטעהען וה', זייא זענען פארשעמט געווארען. אזעלכע מעשיות האט פיל מאל געטראפען אין שקלאוו אונ אין אנדערע שטעדט, מען האט אנגעהייבען לאכען אבער באלד האט זיך פארמאכט דאס מויל.

נאך אמערקווירדיגע מעשה האבען מיר געהערט פון א איש אמת: אין דער צייט פון אדמו"ר הזקן האבען חסידים וואס וואהנען אין אגרויסע שטאדט בעדארפט נעהמען אמורה הוראה, האבען זיי געפרעגט בייא דעם רב וועמען זיי זאלען נעהמען, האט ער זיי געענטפערט זייא זאלען געהמען דעם מורה הוראה פלוני ער איז אפילו אמתנגד – האט זיי דער רב געזאגט אבער ער איז אלמדן אונ אירא שמים, דיא חסידים האבען אזוי געטהאן.

דער מורה הוראה פלעגט אלע יאהר פאהרען צום אלטען רב, ער פלעגט קומען צו איהם מיט אגאנצען פעקעל קשיות אונ ספיקות וואס ער האט דעם גאנצען יאהר צוזאמענגעקליבען, דער רב פלעגט איהם באלד אויף אלץ ענטפערן ריכטיגע תירוצים.

נאך דעם אלטען רב'ס הסתלקות האט דער מורה הוראה געוויינט געקלאגט מעהר וויא אלע חסידים, ווייל איהם איז זעהער שלעכט געווען, ער האט זיך קיין עצה ניט געקאנט געבען וויא ער זאל זיך נוהג זיין. פאהרען צום מיטעלען רב מוז ער, ווייל ער איז דאך אמורה הוראה בייא חסידים, פרעגען איהם זיינע ספיקות האט ער מורא געהאט, טאמער וועט אדמו"ר ניט וויסען צוא ענטפערן, וועט ער דאך איהם מבייש זיין, ניט פרעגען איז דאך אויך א העדר הכבוד.

בין כך ובין כך איז דער אדמו"ר ארויסגעפאהרען אויף דער מדינה אונ ער איז געקומען אין יענער שטאט וואו דער מורה הוראה איז געווען, ביי דעם מורה הוראה איז געבליבען דער פלאן דאס ער זאל באלד געהען צוא איהם געבען שלום אונ דערלאנגען אלע ספיקות שריפטליך אונ זאגען צו איהם רבי, איהר זענט דאך מיד פון וועג, וועט איהר זיך צוא ערשט אויסרוהען אונ נאכדעם וועט איהר מיר ענטפערן, נו דער אדמו"ר וועט דאך מיר מעהר ניט צעפען

ווייל

ווייל ער ווייסט ניט וואס צו ענטפערן און איך וועל זיך אויך ניט מאכען ווייסענדיג, וועט דאס אוועקגעהען גלאט און גוט.

דיא המצאה איז איהם געפאלען געווען ער איז באלד אוועקגעגאנגען צום אדמו"ר און ער האט איהם דערלאנגט די ספקות. ער האט נאך אבער ניט אוספייעט זאגען איהם אז ער קאן דאס אפלייגען ביז ער וועט זיך אויסרוהען. גלייך האט דער אדמו"ר גענומען איהם ענטפערן אויף אלע זיינע ספקות מיט גרויס חריפות און בקיאות. דער מורה הוראה איז ווי צוטומעלט געווארען, ער האט ניט פארשטאנען וואס אדמו"ר רעדט מיט איהם, וויא עס ווייזט אויס—האט אדמו"ר געזאגט זענט איהר ניט קיין אויסגערוהטער, רוהט זיך אויס וועלען מיר נאכדעם ריידען. אדמו"ר האט איהם געוויזען אז ער האט געהאט אטעות און אין טעות דארף אמענש ניט זיין בפרט אמורה הוראה.

נאך אקליין מעשה האט פאסירט. עס איז ידוע אז אדמו"ר איז געווען אחלוש. בעת ער איז געפאהרען אויף דער מדינה איז ער געקומען אין אשטאדט וואס דארטען איז געווען איונגער מאן אגאון בן גאון בן בנו של גאון. דעם יונגען מאן האט זיך געוואלט פרובירען דעם אדמו"ר אויב ער קאן לערנען, ער האט גענומען אגמרא און איז אוועקגעגאנגען צו איהם. וויא ער איז דארטען געקומען האט ער געזאגט צום אדמו"ר, איך בין דער און דער, איך בין אחלוש, זאלט איהר מיר ערלויבען זיך זעטצען. דער אדמו"ר האט איהם ערלויבט און געפרעגט: וואס פערלאנגט איהר? *) דער יונגער מאן האט געענטפערט איך וויל אייך בעטען איהר זאלט מיר זאגען דעם פשט פון א מהרש"א וואס איך פארשטייא איהם ניט, אדמו"ר האט איהם געענטפערט: אחלוש זענט איהר, מהרש"א ווייסט איהר ניט, קאנט איהר דאך ווערען אגוטער יו"ד... דער יונגער מאן איז אוועקגעגאנגען פארשעמט.

בעת אדמו"ר איז געפאהרען פון קארלסבאד צו הויז, איז ער געקומען אין בערלין. האט זיין משרת צוא איהם געזאגט: רבי, מיר האבען קיין געלד ניט צו פאהרען ווייטער, אדמו"ר האט איהם געענטפערט עס וועט זיין. ביידענדיג איז געקומען אבייכע אידענע בעטען ארפואה צוא איהר קראנקהייט. דער אדמו"ר האט איהר געענטפערט, דוא בינסט קראנק ווייל דוא געהסט ניט אין מקוה. דיא גבירה האט זיך פארענטפערט דאס זיא איז ניט שולדיג ווייל איהר מאן איז זעהער פרייא ער לאזט איהר ניט, דער אדמו"ר האט צוא איהר געזאגט, איך ווייס אפילו אז דיין מאן האט אצונד קיין צייט ניט, ווייל ער האט אעסק מיט זיין קאראב וואס האט זיך געשטעלט אויף אזאמד און וויל ניט אראפגיין. נור פאר מיר איז דאס קיין תירוץ ניט געה זאג איהם אז ער זאל

*) אכלל גדול בייא דיא רביים אז זייערען אחסיד דוטצען זייא, ריידען מיט איהם בלשון „אתה" נור ניט מיט זייערן אחסיד ריידען זייא בלשון איהר,

זָאל בַּאלְד קוּמֶען צוּא מִיר וֶוען נִיט וֶועט זַיין נִיט גוּט מִיט אִיהם.

דִיא גְבִירָה אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּנ זִיא הָאט אִיהם גֶעזָאגְט אַזוֹיא וִויא דֶער אדמו"ר הָאט אִיהר בֶּעפוֹילֶען.

דֶער גְבִיר הָאט גֶעפָּאלְגְט זַיין וַוייבּ, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם אדמו"ר. דֶער אדמו"ר הָאט צוּא אִיהם גֶעזָאגְט. אוֹיבּ דוּא וֶועסְט מִיר צוּזָאגֶען אַז דוּא זָאלְסְט בֶּעפֶעלֶען אוֹיף דַיין וַוייבּ דָאס זִיא זָאל הִיטֶען טְבִילָה. וֶועט זִיא בַּאלְד גֶעזוּנְד וֶוערֶען אוּנ דַיין קַארַאבּ מִיט דִי סְחוֹרָה וֶועט בַּאלְד אַרָאפְּגֵיין פוּן זַאמְד, דֶער גְבִיר מִיט זַיין וַוייבּ הָאבֶּען אִיהם צוּגֶעזָאגְט צוּא פָאלְגֶען, אִיז זִיא בַּאלְד גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען אוּנ דֶער קַארַאבּ אִיז בַּאלְד אַרָאפּ פוּן זַאמְד, אוּנ אַז דֶער גְבִיר הָאט זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְט אַז דֶעם אדמו"ר'ס רֵייד אִיז רִיכְטִיג, הָאט עֶר אִיהם גֶעבְּרַאכְט אַגְרוֹיסֶען פִּדְיוֹן, אַזוֹי פִיל גֶעלְד אַז אדמו"ר הָאט גֶעהַאט הוֹצָאוֹת בִּיז זַיין הֵיים.

## פרק י"ג.

דֶעם מִיטֶעלֶען אדמו"ר'ס בְּרִיף צוּא הֶחָסִיד הַגְבִיר ר' מֹשֶׁה מַיְיזֶעלְ'ש פוּן ווִילְנָא.

מַיין לִייבּ פְרֵיינְד. אִיךְ קָאן נִיט פַארְדֶעקֶען פוּן דִיר וָואס מִיט אוּנְז הָאט פַּאסִירְט דֶעם פָארִיגֶען יָאהר אִין דֶער צַייט פוּן דֶער רוּסִישֶׁע-פְרַאנְצוֹיזִישֶׁע מִלְחָמָה אוּנ פוּן דִיא נִסִים וְנִפְלָאוֹת וָואס מִיר הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען פוּן דִיא יוּדִישֶׁע לִיכְט דָאס אִיז אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער פָאטֶער, וָואס פוּן זַיין הֵיילִיגֶע מוֹיל אִיז אַרוֹיסְגֶערֶעדְט גֶעוָוארֶען אִיז נָאכְדֶעם מְקוּיָם גֶעוָוארֶען, אַלֶע יוּדֶען וָואס הָאבֶּען דָאס גֶעזֶעהֶען אוּנ גֶעהֶערְט זַיינֶען גֶעוֶוען פְרֶעהלִיךְ, אוּנ לִיכְטִיג אִין זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹיא גֶעוֶוען: וִויא דֶער רוֹצֵחַ נַאפַּאלְיָאן אִיז גֶעקוּמֶען מִיט זַיין חַיִל אִין קָאוְונָא אוּנ אִין ווִילְנָא, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער פָאטֶער מִיט אוּנְז עֵצוֹת גֶעהַאלְטֶען וִויא צוּא אַנְטְלוֹיפֶען אִין טִיף רוּסְלַאנְד. עֶר הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט: אוֹיבּ עֶר וֶועט נִיט גֶעהֶען וַוייט אִין רוּסְלַאנְד קָאן זַיין אַז עֶר וֶועט בְּלַייבֶּען אִין פּוֹלִין, דָאס ווֶעט אָבֶּער זַיין אַצָּרָה פַאר יוּדֶען. וַוייל דִיא יוּדֶען וֶועלֶען נִיט קָאנֶען הַאלְטֶען יוּדִישְׁקַייט. אִיךְ הָאבּ אִיהם זַייעֶר פַיינְד, עֶר אִיז אַשְׁטַארְקֶע קְלִפָּה אוּנ אַשְׁלֶעכְטֶער מֶענְשׁ עֶר גְלוֹיבְּט נִיט אוּנ הָאפְט נִיט אוֹיף הַשִׁי"ת, נוּר אוֹיף זַיין גְבוּרָה אוּנ הַצְלָחָה, בַּייא אִיהם שְׁפִּילְט דִיא הוֹיפְּט רָאלֶע דֶער נִצָּחוֹן. דֶער הֵיפֶּךְ פוּן אִיהם אִיז אוּנְזֶער קֵיסָר אַלֶכְּסַנְדֶר (נ"ע) עֶר גְלוֹיבְּט שְׁטַארְק אִין הַשִׁי"ת אוּנ עֶר הָאפְט צוּא אִיהם, עֶר פַארְשְׁטֶעהט גוּט אַז נִיט מִיט אֵיינֶעם כֹּחַ קָאן אַמֶענְשׁ זִיךְ שְׁטַארְקֶען. נוּר מִיט דִיא הִילְף פוּן הַשִׁי"ת דַארִיבֶּער דַארְף עֶר גֶעווִיס מַצְלִיחַ זַיין. נוּר מֶען דַארְף הָאבֶּען רַחֲמִים רַבִּים.

עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטְהוּן, דֶעם גַאנְצֶען טָאג גֶעזָאגְט תְּהִלִּים אוּנ

מתפלל געווען פאר אונזער מלוכה אז השי"ת זאל רחמנות האבען.

דער שונא איז אבער געגאנגען ווייטער, ער איז געקומען אין באריסאוו (מינסקער גוב') דער פאטער האט געזאגט: עס איז קיין עצה ניטא, איך פארשטייא ריכטיג אז ער וועט געהען ווייט אין רוסלאנד, איז בייא מיר געבליבען צוא אנטלויפען, ווייל בעסער דעם טויט עהדער צו לעבען אונטער דער ממשלה פון שונא.

הגם דער פאטער איז געווען אלט און שלאף דאך האט ער שנעל זיך געאיילט צוא אנטלויפען מען האט צוזאמענגעקליבען דיא גאנצע הויזגעזינד מיר האבען זיך געזעטצט אויף צווייא פוהרען (וואגען) דיא גרינגע חפצים האבען מיר מיטגענומען און דיא שווערע חפצים האבען מיר איבערגעלאזען צוא הויז. דער געגעראל אלינאב וואס איז געשטאנען דאמאלסט אין לאדי האט דאס אלץ געזעהען, אויך דער געגעראל נאבראווסקי וואס איבער איהם האט געזעהען דיא באגלויבקייט צו אונזער מלוכה פון זיין טיעפען הערצען.

דיא געגעראלען האבען אונז געגעבען גוטע פאספארטען און מיר אלע זענען ערב שבת פאר ראש חדש אלול געקומען אין קראסנא, האלבען טאג צייט זענען אנגעקומען פיל חיל פון דעם שונא און אונזער חיל זענען געווען ווענינ, דיא גאנצע הויזגעזינד האבען אנגעפאנגען שטארק צוא וויינען, מיר האבען געהעכענט צוא אנטלויפען אין וואלד, נור דער פאטער האט געזאגט, מיר זאלען ניט וויינען און ניט לויפען אין וואלד מען דארף אנטלויפען ווייטער, דער געגעראל איז אויך געקומען און געזאגט, אנטלויפט שנעל אין סמאלענסק, ווייל דער שונא האט פיל חיל און פיל געווער.

באלד זענען מיר אוועקגעפאהרען, פארענדינ האבען מיר געהערט דעם שטורם פון דער מלחמה. מיר זענען שטארק געלאפען ביז דרייצען ווארסט פאר סמאלענסק, דארטען זענען מיר אנטלאפען אין א וואלד. מיר האבען דארטען פרייטאג בייא נאכט געזעסען. עס איז אונז געשעהען פיל נסים וואס מען קאן דאס גאר ניט אויסשרייבען, שבת פריה זענען מיר געקומען אין סמאלענסק, דארטען האבען זייא גאר ניט געוואוסט אז דער שונא איז ניט ווייט פון זיי, מיר האבען אידיעה געגעבען דעם קנאיז, האט ער באלד פערזאמעלט פיל חיל מיט געווער און מיר האבען באדארפט אנטלויפען ווייטער. דער פאטער האט אונז געזאגט דאס מיר זאלען פאהרען אום שבת, און דאס וואס מען מאג איז דאס אמצנה. עס איז זעהער שווערהר געווען ארויסצופאהרען פון שטאדט. נור פאר נאכט זענען מיר ארויסגעפאהרען דורך דער גאס וואס געהט צו מסקווא און דראגאבוז.

זאנטאג זענען מיר אנטלאפען מיט דעם גובערנאטער אין וויאזמע. מיטוואך זענען מיר אנטלאפען אין מאזאייסק, פון דארטען זענען מיר געפאהרען מיט אזייט וועג צוא דער שטאדט מסקווא.

דער

דֶער פָּאטֶער אִיז גֶעוֶוען גֶענִיט אִין לַאנְדְקַארְטֶע. הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אוֹיף וֶועלְכֶע וֶועג דֶער שׂוֹנֵא וֶועט גֶעהֶען, הָאט עֶר אוּנְז גֶעהֵייסֶען פָאהְרֶען אוֹיף זֵייטִיגֶע וֶועגֶען בִּיז מָאסְקְוַוא.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען מִיר גֶעקוּמֶען אִין טְרִיצֶע זֶערֶקֶע אוּנ דֶער שׂוֹנֵא אִיז גֶעקוּמֶען אִין מָזַאיְיסְק. דָארְטֶען אִיז גֶעוֶוען אַשְׁטַארֶקֶע מִלְחָמָה.

דֶער פָּאטֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט. נִיט גוּט מַיין זָאהְן מִיט מָאזַאיְיסְק, דֶער שׂוֹנֵא שְׁטַארְקְט זִיךְ, אִיךְ רֶעכֶען אַז עֶר וֶועט קוּמֶען אִין מָסְקְוַוא אוֹיךְ, עֶר הָאט שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט אוּנ אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעוֵויינְט.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּייא טָאג הָאט דֶער פָּאטֶער מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה צוּא אוּנְז גֶעזָאגְט, הַיינְט אִין דַאוְונֶען הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהֶען אִין הִימֶעל אִיז גֶעוָוארֶען אַ שִׁנּוּי אוֹיף גוּט, אוּנְזֶער קֵיסֶער וֶועט מְנַצֵּחַ זַיין. הֲגַם דֶער שׂוֹנֵא וֶועט גֶעהְמֶען מָאסְקְוַוא, אָבֶער עֶר וֶועט דָארְטֶען קֵיין תְּקוּמָה נִיט הָאבֶּען, אַזוֹיא הָאט מֶען הַיינְט אִין הִימֶעל אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען, מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען עֶסֶען אוּנ טְרִינְקֶען מִיט זֶעהֶער אַפְרֵייליךְ הַארְץ.

נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען מִיר גֶעפָאהְרֶען אִין יוֹרֶע דָאס אִיז זִיבְּצִיג וֶוארְסְט פוּן גוּבֶּערְנְיֶע וְולַאדִימֶער.

שַׁבָּת „שׁוּבָה" פַאר מוּסַף הָאט דֶער פָּאטֶער מִיךְ אוּנ מַיין אֵיידֶעם ר׳ מֶענְדֶעל צוּגֶערוּפֶען, עֶר הָאט שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט אוּנ הָאט גֶעשְׁרִיעֶן אָה וֶועה! דֶער שׂוֹנֵא וֶועט גֶעהֶען צוּרִיק וֶועט עֶר חָרוּב מַאכֶען גַאנְץ בֵּיעלֶע רוּסְיָא. דָאס אִיז דֶער סוֹף פוּן דֶער גְזֵרָה פוּן חְמֶעלְנִיצְקֶען וָואס זִיא אִיז גֶעוֶוען נוּר אִין וָואלִין אוּנ אִין אוּקְרַיינָא. יֶעטְצְט וֶועט זַיין אִין רֵייסֶען.

לִיבֶּער פָּאטֶער:— הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט— דֶער שׂוֹנֵא אִיז דָאךְ נָאךְ אִין מָסְקְוַוא נִיט גֶעקוּמֶען, אוּנ אֲפִילוּ וֶוען עֶר וֶועט גֶעהְמֶען מָסְקְוַוא קָאן דָאךְ זַיין אַז עֶר וֶועט גֶעהֶען דוּרְךְ אַנַאנְדֶער זֵייט, נִיט דוּרְךְ בֵּיעלֶע רוּסְיָא.

— מָאסְקְוַוא וֶועט עֶר גֶעוִויס גֶעהְמֶען— הָאט דֶער פָּאטֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט— זַיין שְׁטַארְקֶער נִצָּחוֹן וֶועט אִיהם אַהִין פִיהְרֶען. נוּר בַּאלְד וֶועט עֶר הָאבֶּען זֶעהֶער אַגְרוֹיסֶע מַפָּלָה, אוּנ צוּרִיק וֶועט עֶר גֶעהֶען דוּרְךְ בֵּיעלֶע רוּסְיָא.

אַזוֹיא אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען. דֶעם מָאנְטָאג וָואס פַאר יוֹם כִּפּוּר הָאט דֶער שׂוֹנֵא גֶענוּמֶען מָאסְקְוַוא. מִיר זֶענֶען עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר גֶעקוּמֶען אִין וְולַאדִימִיר. אִין יֶענֶעם טָאג זֶענֶען דוּרְךְ וְולַאדִימִיר אַנְטְלָאפֶען גַאנְץ סֶענַאט פוּן מָסְקְוַוא. אִיךְ הָאבּ דֶערְזֶעהֶען דִיא קַארֶעטֶען מִיט דִיא סִינַאט וִויא זִייא לוֹיפֶען בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעלָאפֶען צוּם פָּאטֶער מִיט אַגֶעוֵויין, אוּנ אִיךְ הָאבּ אִיהם גֶעוִויזֶען דוּרְךְ דֶעם פֶענְסְטֶער וִויא דִיא סִינַאט לוֹיפֶען. אוּנ אִיךְ הָאבּ צוּא אִיהם גֶעזָאגְט לִיבֶּער פָּאטֶער דוּא הָאסְט דָאךְ גֶעזָאגְט דָאס אִין מָאסְקְוַוא וֶועט עֶר בַּאלְד הָאבֶּען אַמַפָּלָה. זִיהֶע וִויא דִיא סֶענַאט אַנְטְלוֹיפֶען, הַיינְט וואו אִיז דַיין הַבְטָחָה?

דֶער פָּאטֶער הָאט דֶענְסְטְמָאל גֶעטְרָאגֶען תְּפִילִין. עֶר הָאט מִיךְ אַרוּמְגֶענוּמֶען

און

און גֶעזָאגְט דוּא זֶעהסְט דָאךְ אַז אִיךְ טְרָאג יֶעטְצְט תְּפִילִין, שְׁוָועדֶער אִיךְ דִיר בַּייא דִיא תְּפִילִין אוֹיבּ דֶער שׂוֹנֵא וָועט גֶעהֶען וַוייטֶער וִויא מָאסְקְוַוא, עֶר וָועט בַּאלְד לוֹיפֶען צוּרִיק אוּנ דַוְקָא דוּרְךְ בֶּיעלֶע רוּסְיָא, זוּכֶען שְׁפַּייז. נוּר עֶר וָועט נִיט גֶעפִינֶען, אוּנ זַיין מַפָּלָה וָועט בַּאלְד זַיין, יֶעטְצְט וֶועסְט דוּא מִיר שׁוֹין גְלוֹיבֶּען.

בַּאמָאלְסְט אִיז אוּנְזֶער הָאפְנוּנְג גֶעוָוארֶען שְׁטַארְק, יֶענֶעם יוכ"פ הָאבֶּען מִיר מִתְפַּלֵל גִיוֶוען מִיט גְרוֹיס גֶעוַויין, מִיר זַיינֶען כִּמְעַט גֶעבְּלִיבֶּען אָהן כחות וַויינֶענְדִיג.

נָאךְ יוֹם כִּפּוּר זֶענֶען מִיר גֶעפָאהְרֶען אִין דֶער שְׁטָאדְט אַסִי, דָארְטֶען זַענֶען מִיר גֶעוֶוען זִיבֶּער, נַאכְדֶעם זֶענֶען מִיר גֶעפָאהְרֶען אִין רַאזַאן, טָאמְבָּאוו, אַרְאל, בִּיז קוּרְסְק, אַעֶרְךְ צְוֶועלְף הוּנְדֶערְט וֶוארְסְט, דָאס הָאט גֶעדוֹיעֶרְט בִּיז חֲצִי כִּסְלֵו. פָאהְרֶענְדִיג הָאבֶּען מִיר פִיל גְעלִיטֶען פוּן קֶעלְט אוּנ הוּנְגֶער, אוֹיךְ פוּן רוֹיךְ אִין דִיא הַייזֶער וואוּ מִיר פְּלֶעגֶען נֶעכְטִיגֶען, נוּר גֶעלוֹיבְּט אִיז הַשי"ת עֶר הָאט אוּנְז גֶעהִיט קַיין מֶענְשׁ הָאט אוּנְז קַיין שְׁלֶעכְטֶעס גֶעטְהוּן.

דֶער קוּרְסְקֶער גוּבֶּערְנַאטֶער הָאט בֶּעקוּמֶען אִידִיעָה דוּרְךְ אַשְׁטֶעפֶּעט דָאס אוּנְזֶער חַיִל שְׁטַארְקְט זִיךְ, עֶס אִיז שׁוֹין פִיר טֶעג וִויא דֶער שׂוֹנֵא אַנְטְלוֹיפְט. מֶען הָאט אִיהם אָפְּגֶעטְרִיבֶּען פוּן קָאלוּגָע בִּיז וַויאזְמֶע.

מִיר הָאבֶּען זִיךְ גֶעפְרֵייט שְׁטַארְק אוּנ גֶעגֶעבֶּען אַ שֶׁבַח וְהוֹדָאָה צוּ הַשי"ת פַאר זַיין גְרוֹיסֶען חֶסֶד.

אִין קוּרְסְק הָאט מַיין פְרוֹיא גֶעבָּארֶען אַ זָאהְן, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט דֶעם בְּרִית פוּן הִירְז מִיט רֶעטְטֶעךְ מִיט בְּרַאנְפֶּען (מֶעהר אִיז נִיט גֶעוֶוען, פוּן קוּרְסְק זֶענֶען מִיר גֶעפָאהְרֶען אִין דָארְף פַּיֶענָא. י"ט כִּסְלֵו הָאבֶּען מִיר דָארְטֶען גֶעהֶערְט דָאס נִיט וַוייט פוּן קְרַאסְנָא הָאט דֶער שׂוֹנֵא גֶעהַאט אַגְרוֹיסֶער מַפָּלָה אוּנ עֶר אַנְטְלוֹיפְט וִויא אַפִּיעֶר פִיסִיגֶער, מִיר זֶענֶען גֶעוָוארֶען זֶעהֶער פְרֶעהלִיךְ. עֶס אִיז מְקוּיָם גֶעוָוארֶען אַלְץ וִויא דֶער הֵיילִיגֶער פָאטֶער הָאט גֶעזָאגְט.

אַךְ לְשָׁלוֹם מַר לִי מָר. אַז עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארֶען שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה אִיז מִיר עֶרְסְט בִּיטֶער גֶעוָוארֶען. מִיר הָאבֶּען קַיין צַייט גֶעהַאט זִיךְ אוֹיסְצוּרוּהֶען, אִיז בַּייא אוּנְז אַרָאפְּגֶעפַאלֶען דִיא קְרוֹין פוּן קָאפְּף. דָאס הֵייסְט: דֶער הֵיילִיגֶער פָאטֶער אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארֶען. דִיא סִבָּה אִיז גֶעוֶוען מַחְמַת דִיא גְרוֹיס פַארְבִּיטֶערְנֶעס וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר פַארְטִיפְט אִין דֶעם, אִיז זַיין גַאל קַאילֶע גֶעוָוארֶען. דֶערְצוּ הָאט עֶר זִיךְ שְׁטַארְק פַארְקִיהלְט, אוּנ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַלְט אוּנ שְׁלַאף הָאט עֶר גֶעבְּרָאכֶען מִיט גַאל. אִין פִינְף טָאג צַייט הָאט עֶר זַיינֶע כחות פַארְלָארֶען אוּנ עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארֶען מוֹצָאֵי שַׁבָּת קֹדֶשׁ פ׳ שְׁמוֹת כ"ד טֵבֵת בִּשְׁנַת תקע"ז.

אִיךְ בִּין דֶענְסְטְמָאל גֶעוֶוען אוֹיף אַוֶועג, עֶר הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט אִין קְרֶעמֶענְטְשׁוּק דִינְגֶען אַדִירָה, וָועה גֶעשְׁרַיֶען אוֹיף דֶעם וָואס מִיר הָאבֶּען אָנְגֶעוָוארֶען, זַיין זְכוּת זָאל אוּנְז בַּיישְׁטֶעהֶען אוֹיף עֶווִיג.

נאךְ

נאך זיין פטירה האט מען איהם געפירט אין איין אידישער שטאדט אכציג ווערסט אין נארד האדיין (פון פאלטאווער גוב׳). דער בית עולם איז אויף קאזאנגע ערד, מיר האבען וועגען דעם פיל געהאט צוא טאהן (ווי מען וועט ווייטער שרייבען אין דעם אנדערין בריף).

אויף זיין קבר האבען מיר אויפגעבויט א בנין. אונ אנגעגרייט ציגעל אויף מויערען א מויער פון זיין כבוד וועגען. וויא אויף דיא קברים פון דיא היילינגע אבות אונ אלע דיא גרויסע צדיקים וואס מען קומט אהין אונ מען זאגט צוא גדרים אונ מען טוט תפלה פאר השי״ת אין איין צייט פון צרות וארום צדיקים זיינען גרעסער אין זייער טויט מער וויא אין לעבען. ערב ראש השנה זיינען געוועזען זעכס מנינים פון ראמען אונ קרעמענצוק אונ פון אנדערע שטעדט, מען האט געשטעלט פיל לאמפען אונ אמענש, אשומר זיצט דארטען שטענדיג.

נוא ליבער פריינד, אזוי וויא דער היילינגער פאטער האט זיך מוסר נפש געוועזען פאר דיא הצלחה פון קיזר אונ זיין מלוכה, דארף יעדער יוד אזויא טהון מיט אנ׳אמת, דען אונזער קיזר האט ליב אידען וואס דינען נאט מיט זייער גאנצען הערצען, דער קיזר האט געזעהען דיא מסירת נפש פון אלע אידען בכלל אונ פון היילינגען פאטער בפרט, געוויס וועט ער זיין חסד נים אפטהון פון יודען, אונ השי״ת וועט העלפען.

בעת דיא מלחמה אין מאזאיסק האב איך געהערט פון היילינגען פאטער פיל וואונדערליכע ענינים וואס איך קאן דאס גאר גיט מגלה זיין, נור דאס קאן איך דיר שרייבען אז ער האט געזאגט דאס דער עיקר יסוד פון אידישקייט איז נור אין רוסלאנד, ווייל דער קיזער אליין גלויבט שטארק אין השי״ת אונ ער האט זעהער ליב דיא מענשען וואס דינען השי״ת באמת, אונ דערפאר דארפען מיר בעטען השי״ת פאר איהם מיט זיין גאנצע מלוכה זייא זאלען דערהויבען ווערען.

# פרק יד.

אצווייטער בריעף פון מיטעלן האדמו״ר צוא ר׳ משה מייזליש אין ווילנא.

מיט פיער־פינף יאהר פריהר (עהדער דער אלטער רב איז נסתלק געווארען) האבען דיא אידען פון האדיין געבעטען בייא פאליצייא, מען זאל זייא געבען אפלאץ אויף אבית עולם, דער גאלאוא אונ הער גראדניצע האבען בעפוילען דעם זעמליאמער ער זאל בעשטימען אפלאץ פאר אבית עולם, דער זימליאמער האט געהאט אטעות, ער האט געבראכט געבען נארארקאיע ערד, האט ער גענעבען קאזאניע ערד, אוואלד נאהנט בייא דעם טייך פסאל, דער פון האט זיך דערוואוסט דער בעאמטער פון קאזיאנגעם וואלד, האט ער מודיע געוועזן

איז

אין פאלטאווער גובערנסקע פאלאטא נור דיא אידען פון האדיין האבען בעקומען ארשיון פון דארטען אויך. נאכדעם איז אין פאלטאווא אנגעקומען אנאנדער גובערנאטאר, זיין נאמען איז געוועזן קורען ער האט מחמיר געוועזן אין דער זאך, נאכדעם איז געווארען אנאנדער גובערנאטאר לובאנאוו האט ער ווידער געגעבען א ראזרעשענע.

נאכדעם בין איך געוועזן אין פאלטאווע, האב איך זיך בארעבענט אז דיא באזרישענע איז גיט א עוויגע, ווייל מיט דער צייט קאן קומען אנייער גובערנאטער וואס וועט ווידער מחמיר זיין אין דעם, בין איך געגאנגען צוא דעם וויין־גובערנאטאר וואס ער איז געוועזן פון וויטעבסק אונ האט גוט געקאנט מיין היילינען פאטער, האט ער מיך א עצה געגעבען מען זאל קויפען אשטיק נאראדסקאיע ערד גיט ווייט פון בית עולם. צוויא מאל אזויא גרוים וויא דיא קאזאנע ערד פון בית עולם אונ מאכען אחילוף מיט קאזנא. איך האב אזויא געטהון, דער חילוף איז געפאלען געוועזן, אין קאזאננע פאלאטא האט מען בעשטעטיגט (אוטווערדיעט) אונ דער גובערנאטאר לובאנאוו האט געחתמ'ת, איך האב ארויסגענומען אקאפיע, איז שוין געוועזן גאר גוט.

נאכדעם איז דיא זאך ווידער קאילע געווארען, דורך אסבה וואס דיא אידען פון האדיין האבען געוואלט בעססער מאכען, האבען זייא ערגער געמאכט, זייא האבען געוואלט בעקומען ארשיון פון מיניסטער, האט דער מיניסטער פון דיא קאזאנגע וועלדער געפרעגט פאלטאווער קאזאנגע פאלאטע מיט וואס פאר אכח האבען זייא געמאכט דעם חילוף, דאס האט קיין מעגש ניט בכח צוא טהון נור דער קיזר אליין. ער קאן טהון אזא חסד, מאכען אחילוף.

מיר האבען דעם מיניסטער נאך גיט געענטפערט, אבער מען מוז דאך ענטפערן, אונ ווער קאן וויסען אויב דער מיניסטער וועט אננעהמען אונזער ענטפער, אונ אויב חלילה ער זאל בלייבען בייא זיין ווארט, ווער ווייסט וואס דער פון קאן זיין, ווען ער זאל אפילו ניט באפעלען אפליידיגען דעם ארט, נור מעהר זאל מען ניט לאזען מקבר זיין דארטען, איז דאס אויך אגרויסער בזיון.

קיין אנדער עצה איז גיטא מען מוז פון קיזר אליין בעקומען דיא ערלויבניש. דעמסטמאל וועלען מיר זיין רוהיג, מיר וועלען גיט ציטערן אלע ווילע, על כן בעט איך דיך וועגען דעם דוא זאלסט ריידען מיט דעם קיזר, השי"ת וועט זיין מיט דיר אז דיין בקשה זאל אנגענומען ווערען. דאס איז אויף דיר אחיוב צוא טהאן מיט אלע דיינע קראפטען, דען דער ענין איז זעהער אגרויסער אונ אוויכטיגער. עס איז נוגע אין גאנצען לעבען, דער צדיק עליון זאל אויף זיין ארט רוהען בשלום.

איך וואלט דיר מעהר שרייבען נור פון גרוים פארביטערקייט קאן איך יעטצט מעהר גיט שרייבען, איך חתמה מיין נאמען דובער.

# דריטער טהייל פון „בית רבי".

## פרק א.

וועגען האדמו"ר הרב הקדוש ר' מנחם מענדל נ"ע, דער מחבר פון „צמח צדק", פון זיין געבורטה דיא השגחה פון אלטען רב אויף איהם. דעם אופן פון זיין תורה און עבודה, זיין שרייבען נגלה און חסידות.

האדמו"ר הקדוש הרב ר' מנחם מענדעל נ"ע איז געווען א זאהן פון הרב החסיד ר' שלום שכנא בן הרב החסיד ר' נח ז"ל איינער פון די חסידים פון הרב הקדוש ר' מנחם מענדל האראדאקער נ"ע, זייא האבען געשטאמט פון הרב בעל „המצודות" אויף תנ"ך, זייער פאמיליענאמען איז פון דעם בעל מצודות.

דער נאמען פון אדמו"ר'ס מוטטער איז געווען „דבורה לאה", זיא איז געווען דעם אלטען רב'ס א טאכטער און א שוועסטער פון מיטעלן רב. און אדמו"ר רבי מנחם מענדל איז געווען אנ'איידים ביי זיין פעטער דער מיטעלער רב.

בשנת, אין יאהר תק"נ איז ער געבארען געווארען, דאס איז אכצעהן חדשים נאך די הסתלקות פון הרב ר' מנחם מענדל האראדאקער, און אויף זיין נאמען האט מען איהם גערופען „מנחם מענדעל".

אז זיין מוטטער איז געשטארבען איז ער אלט געווען א ערך צוויי יאהר, זיא האט געבעטען איהר פאטער דעם אלטען רב ער זאל אויף איהם השגחה געבען ווי אויף זיינעם אקינד, און אזוי איז געווען, ער האט אים גענומען צו זיך און ווי אויף א איינען קינד האט ער אויף איהם השגחה געגעבען אין רוחניות און גשמיות.

אז ער איז נאך א יונג קינד געווען האט מען פון איהם געזעהן אז ער וועט זיין א גרויסע זאך, ער פלעגט פרעגען א קליינע קשיא אבער א וויכטיגע, א שטארקע, אז אויף איהר האט מען בעדארפט ענטפערן א גרויסען תירוץ.

א מאל אז ער איז אלט געווען א ערך פינף–זעכס יאהר פאר פורים האט אים דער אלטער רב געפרעגט: פארשטייסט דוא די מגלה?

— ניין! — האט דאס קינד געענטפערט — איך פארשטייא ניט צו וואס האט המן בעדארפט האבען א בוים פון 50 איילען, איז דען מרדכי אזוי הויך געווען?

פורים האט דער רב געזאגט א לאנגען דרוש וואס ער האט זיך אנגעהייבען יעשו עץ גבוה חמשים אמה. און האט פארענטפערט דיא קשיא.

א זעלבע זאכען האבען גאנץ אפט געטראפען.

ביז דרייצעהן יאהר האט ער געלערענט נגלה. ער איז געווען א גרויסער עלוי, נאכדעם האט דער רב מיט איהם געלערנט קבלה חסידות אויך, ער האט איהם איבערגעגעבען אלע סודות פון דער חכמה און דרכי העבודה, קלאהר ביז דער פון זיין שפראך אונזער...

דֶער רַב הָאט אִיהְם חֲתוּנָה גֶעמַאכְט מִיט זַיין אֵייגֶיקעל חַיי' מוּסָא ע"ה, נָאךְ דֶער חֲתוּנָה הָאט אִיהְם זַיין שְׁוֶוער דֶער מִיטֶעלֶער אדמו"ר גֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אוֹיף קֶעסְט אוּנ עֶר הָאט מִיט פִיל חֵשֶׁק גֶעלֶערְנְט מִיט אִיהְם.

האדמו"ר רַבִּי מְנַחֵם מֶענְדֶעל זצ"ל הָאט גֶעלֶערְנְט בְּתוֹרַת חַבֵר מִיט הַגָאוֹן ר' נחמי' ז"ל פוּן דוּבְּרָאוְונַא וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַנ'אֵיידֶעם בַּיי הָרַב ר' חַיִים אַבְרָהָם ז"ל דֶער צְוֵוייטֶער זָאהְן פוּן אַלְטֶען רַב.

דִי צְוֵויי שְׁוָואגֶערְס זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען כָּל יְמֵיהֶם גוּטֶע פְרַיינְד, זֵיי הָאבֶּען גֶעשְׁרִיבֶּען שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אֵיינֶער צוּ דֶעם אַנְדֶערְן, אוּנ אַז האדמו"ר ר' מְנַחֵם מֶענְדִיל אִיז גֶעוָוארֶען רַב, פְלֶעגְט ר' נֶחֶמְיָה פָאהְרֶען צוּ אִיהְם אוּנ הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף אִיהְם דֶעם טִיטוּל „מוֹרֵינוּ".

האדמו"ר ר' מְנַחֵם מֶענְדִיל הָאט אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט בְּתוֹרַת חַבֵר מִיט הַגָאוֹן ר' יְהוּדָה לֵיבּ פוּן דְוִוינְסְק (דִינַאבּוּרְגֶער בַּטְלָן) זֵיי הָאבֶּען נָאכְדֶעם אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבֶּען שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן.

בְּעֵת דֶער אַלְטֶער רַב אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארֶען אִיז, האדמו"ר ר' מְנַחֵם מֶענְדִיל אַלְט גֶעוֶוען אַעֶרךְ דְרַיי אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהְר, דֶענְסְטְמָאל אִיז עֶר פוּל גֶעוֶוען אִין גַאנְצֶען תַּלְמוּד בַּבְלִי אוּנ יְרוּשַׁלְמִי מִיט אַלֶע מְפָרְשִׁים, אוֹיךְ אִין אַלֶע פּוֹסְקִים רִאשׁוֹנִים, אַחֲרוֹנִים, סִפְרֵי-קַבָּלָה, חֲסִידוּת, תְּכוּנָה אוּנ חֲקִירָה.

פִיל חִדוּשִׁים אִין נִגְלֶה אוּנ חֲסִידוּת הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבֶּען אַז דֶער אַלְטֶער רַב הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט עֶר הָאט זֵיי גֶעזֶעהְן אוּנ אִיהְם זֶענֶען זֵיי שְׁטַארְק גֶעפֶעלֶען גֶיוֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: אָט דָאס אִיז וִוי אִיךְ זָאג אוּנ מֵיין.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען:

דִי חֲסִידוּת הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבֶּען שְׁפֶּעט בִּיז נַאכְט אַז אַלֶע הָאבֶּען שׁוֹין גֶעשְׁלָאפֶען, דֶער מִיטֶעלֶער רַב, זַיין שְׁוֶוער, הָאט דֶערְפוּן אוֹיךְ נִיט גֶעוואוּסְט, אַמָאל שְׁפֶּעט בַּיי נַאכְט אִיז דֶער מִיטֶעלֶער רַב אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין חֶדֶר, הָאט עֶר גֶעזֶעהֶען דוּרְכְן טְהִיר וָואס אִיז גֶעוֶוען אָפֶען, וִוי זַיין אֵיידֶעם זִיצְט פַארְטִיפְט אוּנ שְׁרַייבְּט חֲסִידוּת, נָאכְדֶעם הָאט עֶר דִי כְּתָבִים בֶּעהַאלְטֶען בַּיי דִי פְרוֹי אִין קַאסְטֶען. אוֹיף מָארְגֶען הָאט דֶער מִיטֶעלֶער רַב גֶעזָאגְט צוּ זַיין טָאכְטֶער: אִיךְ בִּין אוֹיף דִיר גוֹזֵר בִּגְזֵרַת כִּבּוּד אָב אַז דוּ זָאלְסְט מִיר דִי כְּתָבִים גֶעבֶּען, זִי הָאט גֶעגֶען אִיהְר ווִילֶען גֶעפָאלְגְט דֶעם פָאטֶער.

בַּיי נַאכְט הָאט אדמו"ר רַבִּי מְנַחֵם מֶענְדִיל גֶעוָואלְט שְׁרַייבֶּען, הָאט עֶר דִי כְּתָבִים נִיט גֶעפוּנֶען, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט בַּיי אִיהְר: וואוּ זֶענֶען דִי כְּתָבִים? הָאט זִי אִיהְם עֶרְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה.

— דוּ זָאלְסְט וִויסֶען — הָאט האדמו"ר צוּ אִיהְר גֶעזָאגְט — אַז אִיךְ הָאבּ דֶערְפוּן בְּרוֹיסֶע הַארְץ וֶועהְטָאג, אִיךְ בִּיטֶע דִיר דוּ זָאלְסְט בַּאלְד אָפְּנֶעהְמֶען דִי כְּתָבִים אוּנ בְּרֶענְגֶען זֵיי צוּ מִיר.

זִי אִיז בַּאלְד גֶעגַאנְגֶען צוּם זֵיידֶען דֶעם אַלְטֶען רַב אוּנ זִי הָאט אִיהְם עֶרְצֶעהְלְט

דיא

דִיא גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאט דֶער אַלְטֶער רַב גֶעשִׁיקְט רוּפֶען זַיין זָאהן דֶעם מִיטֶעלְן רַב, גֶעבֶּעטֶען אִיהם עֶר זָאל דִיא כְּתָבִים בְּרֶענְגֶען צוּא אִיהם, עֶר ווִיל זֵייא זֶעהֶען. דֶער אַלְטֶער רַב הָאט דִיא כְּתָבִים דוּרְכְגֶעקוּקְט אוּנ גֶעזָאגְט: מַיין בְּרוּדֶער יְהוּדָה לֵיבּ שְׁרַייבְּט חֲסִידוּת אַזוֹי ווִיא אִיךְ זָאג. מַיין זָאהן דוֹבֶּער אַזוֹיא ווִיא אִיךְ מֵיין אוּנ מְנַחֵם מֶענְדֶעל—אַזוֹיא ווִיא אִיךְ זָאג אוּנ ווִיא אִיךְ מֵיין.

עֶטְלִיכֶע יָאהר פַאר דֶעם אַלְטֶען רַבְּ'ס הִסְתַּלְקוּת, הָאט האדמו"ר ר' מְנַחֵם מֶענְדֶעל אָנְגֶעהֵייבֶּען חַזֶרֶען חֲסִידוּת פַאר חֲסִידִים. אַז זֵייא הָאבֶּען גֶעהַאט אַסָפֵק אִין דֶעם אַלְטֶען רַבְּ'ס חֲסִידוּת זֵייא הָאבֶּען נִיט רִיכְטִיג פֶערְשְׁטַאנֶען זַיין כַּוָנָה, זֶענֶען זֵייא גֶעגַאנְגֶען צוּא אדמו"ר ר' מ"מ פְרֶעגֶען אוּנ עֶר הָאט זֵייא גְלַייךְ רִיכְטִיג עֶרְקְלֶעהְרְט דִיא כַּוָנָה.

נָאךְ דִיא הִסְתַּלְקוּת פוּן אַלְטֶען רַב, דִיא גַאנְצֶע צַייט פָאן דֶעם מִיטֶעלֶען רַב, הָאט דִיא אַלְטֶע רַבָּנִית גֶעוָואהְנְט אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ, זִיא פְלֶעגְט בֶּעקוּמֶען אַגְרוֹיסֶען חֵלֶק פוּן דִיא „מַעֲמָד גֶעלְד". אוּנ אַזוֹיא ווִיא זִיא הָאט פִיל גֶעשֶׁעטְצְט דֶעם האדמו"ר ר' מְנַחֵם מֶענְדֶל, פְלֶעגְט זִיא מִיט אִיהם וָואהְנֶען אִין אֵיין דִירָה כְּדֵי עֶר זָאל הָאבֶּען זַיין הוֹצָאָה בְּרֶוַח, אִין יֶענֶער צַייט הָאט עֶר נָאךְ מֶעהר גֶעלֶערְנְט, גֶעדַאווֶענְד אוּנ גֶעשְׁרִיבֶּען חִדוּשִׁים אִין נִגְלֶה אוּנ אִין חֲסִידוּת, אוּנ פִיל שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת, אַלֶע שַׁאֲלוֹת וָואס דֶער מִיטֶעלֶער רַב הָאט בֶּעקוּמֶען פְלֶעגְט עֶר אִיבֶּערְגֶעבֶּען זַיין אֵיידֶעם וָואס הָאט פֶערְטִיג גֶעמַאכְט אַתְּשׁוּבָה אוּנ נָאכְדֶעם אִיבֶּערְגֶעבֶּען דֶעם שְׁוֶוער, עֶר זָאל זָאגֶען זַיין מֵיינוּנְג אוֹיבּ עֶר הָאט רִיכְטִיג עֶרְקְלֶערְט.

פִיל שו"ת. הָאט מֶען צוּא אִיהם אַלֵיין אוֹיךְ צוּגֶעשִׁיקְט, דִיא גַאנְצֶע צַייט יָאהְרֶען לַאנְג אִיז עֶר פָּרוּשׁ וּמוּבְדַל גֶעוֶוען פוּן לַייטֶען אוּנ הָאט נוּר גֶעטְהוּן אִין לֶערְנֶען, עֶר אִיז גֶעוָוארֶען כְּמַעְיָן הַמִתְגַבֵּר. דָאס הֵייסְט, ווִיא אַקְוָואל וָואס וֶוערְט שְׁטַארְקֶער אוּנ שְׁטַארְקֶער.

אֵיין מָאל אִין חֹדֶשׁ פְלֶעגְט עֶר גֶעהֶען הֶערֶען חֲסִידוּת פוּן מִיטֶעלְן רַב אוּנ נָאכְדֶעם פְלֶעגְט עֶר דִיא חֲסִידוּת פֶערְשְׁרַייבֶּען לְזִכָּרוֹן.

אַמָאל מוֹצָאֵי יו"ט (סֻכּוֹת) הָאט מֶען בַּייא דֶעם מִיטֶעלְן רַב פֶערְבְּרַאכְט דִי גַאנְצֶע נַאכְט, מֶען הָאט פִיל מַשְׁקֶה גֶעטְרוּנְקֶען, דֶער מִיטֶעלֶער רַב הָאט פִיל חֲסִידוּת גֶעזָאגְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען פְרֶעהלִיךְ.

פַאר טָאג אִיז האדמו"ר ר' מ"מ גֶעגַאנְגֶען אַהֵיים, בַּאלְד נָאךְ זַיין אַוֶועקְגֶעהְן, הָאט דֶער מִיטֶעלֶער רַב גֶעשִׁיקְט זַיין מְשָׁרֵת צוּא אִיהם זָאגֶען, עֶר זָאל בַּאלְד פַארְשְׁרַייבֶּען דִיא חֲסִידוּת אוּנ גֶעבֶּען דֶעם מְשָׁרֵת.

דֶעם מְשָׁרֵת אִיז שְׁוֶועהְרְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּא אִיהם, עֶר הָאט אִיהם גֶעפוּנֶען לִיגֶענְדִיג אוֹיף דֶער עֶרְד, דֶער מְשָׁרֵת הָאט זִיךְ שְׁטַארְק עֶרְשְׁרָאקֶען, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט דָאס עֶר אִיז גֶעפַאלֶען, נוּר ווִיא עֶר הָאט אִיהם גֶעזָאגְט דֶעם רַבְּ'ס פֶערְלַאנְג, אִיז עֶר אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶער עֶרְד וָואס עֶר אִיז גֶעלֶעגֶען אִין

גרוים

גרויס דבקות, אונ ער האט פארשריבען דיא חסידות אונ אבגעגעבען דעם משרת.

דער מיטעלער רב איז דער פון נתפעל געווארען, ווייל דער חדוש איז געוועזען אגרויסער, אונ משקה האט ער תיל געטרונקען אונ דאך ריכטיג פארשריבען.

אין דיא לעצטע יאהרען, אז דער מיטעלער רב איז שלאף געווארען האט ער איהם איבערגעגעבען דעם ענין פון חסידות, אויך האט ער מודיע געוועזען דיא גרויסע חסידים אז נאך זיין הסתלקות וועט זיין איידעם ממלא מקומו זיין.

דיא מעשה איז אזויא געוועזען:

בעת דער מיטעלער רב איז געוועזען אין קארלסבאד, האט ער געשריבען אהיים אז ראש השנה זאל זיין איידעם האדמו"ר ר' מ"מ זאגען חסידות, ווייל דער מיטעלער רב איז געקומען אהיים אויף סכות.

אדמו"ר ר' מ"מ האט אנגעהייבען, זאגען אדרוש מיט אמשל וועגען דעם ענין פון תקיעת שופר. עהדער ער האט געזאגט דעם נמשל, איז געווארען אין בית המדרש אגרויס געוויין. אז דער מיטעלער רב איז אויף סכות געקומען אהיים האט מען איהם דאס דערציילט, האט ער געזאגט, איך זאג דעם משל מיט דעם נמשל אונ קיינער וויינט ניט. אונ אז ער האט געזאגט דעם משל אליין האבען אלע פון גרויס ביז קליין געוויינט, דערפון פארשטייא איך אז זיין צייט איז שון געקומען וואס ער דארף ווערען דער אדמו"ר. גלייך האט ער געשיקט רופען דיא גרויסע חסידים אונ זייא געבעטען אז זייא זאלען געהען צוא איהם רייִדען ער זאל אויף זיך מקבל זיין דיא רבנות. אויך האט ער געזאגט: מיין איידעם הרב ר' מנחם מענדל איז א אדם שלם, אהן חסרונות ער וועט קאנען ממלא מקומי זיין אונ פיהרען דיא חסידים אין אגוטען וועג אונ אויף איהם וועלען קיינע מנגדים ניט זיין, אונ אזויא איז געוועזען.

## פרק ב.

וויא אזויא ער איז געווארען ארבי.

זיין פאהרען אויף דער מדינה נאך דיא הסתלקות פון מיטעלן רב האבען חסידים געוואלט מקיים זיין דעם מיטעלען רב'ס רייד, אבער האדמו"ר ר' מ"מ האט ניט געוואלט ווערן ארבי, ער האט געזאגט: אז דיא רבנות געהערט צוא זיין פעטער הרב ר' חיים אברהם דער צווייטער זאהן פון אלטען רב אונ ער האט דיא חסידים געשיקט צוא איהם.

הרב ר' חיים אברהם האט זייא געענטפערט: געהט אונ זאגט איהם ער זאל זיך ניט פארגנבע'נען מען טאר קיין גנב ניט זיין, אלע ווייסען אז דיא רבנות פאסט נור פאר איהם, זיין כח איז גרויס אין נגלה, חסידות אונ אין חכמה, ער קאן זיין אפיהרער פון דור, אונ איך וועל אויך באלד קומען צוא איהם.

אונ

אוּנ אַזוֹ א איז גֶעוֶען ·

ווִיא ר׳ חַיִים אַבְרָהָם איז גֶעקוּמֶען צוּא אִיהם , הָאט אדמו״ר זיך גֶעשְׁטֶעלְט פַאר אִיהם ·

– זִיטְצְט אוֹיף אַייעֶר אָרְט–הָאט ר׳ חַיִים אַבְרָהָם גֶעזָאגְט צוּא אִיהם–אִיך בִּין אֲפִילוּ דֶער פֶּעטֶער , אָבֶּער אִיהר זֶענְט דֶער „רַבִּי״ ·

– ווִיא קָאן אִיך זַיין אַרֶבִּי–הָאט אדמו״ר ר׳ מ״מ גֶעעֶנְטְפֶערְט–אַרַבִּי דַארְף דָאךְ ווִיסֶען סוֹדוֹת הַתּוֹרָה ·

– אוּנֶזֶערֶע חֲכָמִים זָאגֶען–הָאבֶּען זֵייא אִיהם גֶעעֶנְטְפֶערְט–דֶער ווָאס לֶערְנְט תּוֹרָה ווִיא מֶען דַארְף , גִיבְּט מֶען אִיהם פוּן הִימֶעל נְשִׂיאוּת עֶר זָאל זַיין אַפִיהרֶער בַּייא יוּדֶען , אוּנ נָאכְדֶעם אִיז מֶען אִיהם מְגַלֶה סוֹדוֹת הַתּוֹרָה ·

– ווֶען אִיך וָואלְט דַארְפֶען זַיין רַבִּי–הָאט אדמו״ר ווִידֶער גֶעזָאגְט–ווִיא ווָאלְט אִיךְ נִיט הֶערֶען אַרֶמֶז אוֹיף דֶעם זֵיידֶען דֶעם אַלְטֶען רַב ?

– צְווייא רְמָזִים הָאט אִיהר גֶעהַאט פוּן זֵיידֶען אוֹיף דֶעם–הָאבֶּען אִיהם דִיא חֲסִידִים גֶעעֶנְטְפֶערְט–אֵיין מָאל פוּן דִיא פַאפִּירֶען ווָאס עֶר הָאט אַייךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען , אוּנ דָאס צְווייטֶע מָאל פוּן חָלוֹם פַאר דִיא הִסְתַּלְקוּת פוּן אַלְטֶען רַב ·

דִיא מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹיא גֶעוֶוען :

דֶעם לֶעצְטֶען פְרַייטָאג פַאר דִיא הִסְתַּלְקוּת פוּן אַלְטֶען רַב , הָאט עֶר לֵיידִיג גֶעמַאכְט דִיא קֶעסְטֶעגֶעס ווִיא דֶער דִין אִיז , עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען גֶעשְׁרִיבֶּענֶע פַּאפִּירֶען ווֶעגֶען דִיא עִנְיָנִים פוּן הַנְהָגָה פוּן רַבָּנוּת , אוּנ אִיהם גֶעגֶעבֶּען אוּנ גֶעזָאגְט : בֶּעהַאלְט דִיא פַּאפִּירֶען זֵייא ווֶעלֶען דִיר צוּנוּטְץ קוּמֶען , דָאס אִיז אֵיינְס · אוּנ דֶער צְווייטֶער , אִין דֶער ווָאךְ עֶהדֶער דֶער אַלְטֶער רַב אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָארֶען הָאט עֶר גֶעזֶעהֶען אִין חָלוֹם אַז אַסֵפֶר תּוֹרָה אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלֶען אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנ קֵיין מֶענְשׁ קָאן אִיהר נִיט אוֹיפְהֵייבֶּען , זֶענְט אִיהר צוּגֶעלָאפֶען אוּנ מִיט גְרוֹיס כֹּחַ אוֹיפְגֶעהֵייבֶּען , אוּנ אַגְרוֹיס גֶעשְׁרֵייא גֶעגֶעבֶּען , דֶער רַב הָאט אַייךְ גֶעפְרֶעגְט , פַאר ווָאס שְׁרַייט אִיהר ?– הָאט אִיהר אִיהם עֶרְצֵיילְט דֶעם חָלוֹם · הָאט דֶער רַב גֶעזָאגְט : מִיט גְרוֹיס הִתְפַּעֲלוּת : אַזוֹיא , דוּא הָאסְט טַאקֶע דִיא תּוֹרָה אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען ·–נוּר מִיר פַארְשְׁטֶעהֶען גוּט אוּנ רִיכְטִיג אוֹיף ווָאס דָאס בֶּעווַייזְט ·

עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען אַז קֵיין זַאךְ הֶעלְפְט נִיט , הָאט עֶר גֶעמוּזְט מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ דִיא רַבָּנוּת , מֶען הָאט אָנְגֶעהֵייבֶּען פָאהרֶען צוּ אִיהם אִין לְיוּבַּאווִיטְשׁ · עֶר הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען פִיל גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה , אוּנ גֶעגֶעבֶּען יֶעדֶערְן עֵצוֹת אִין רוּחְנִיוּת אוּנ אִין גַשְׁמִיוּת · אַלַאנְגֶע צַייט הָאט עֶר קֵיין פִּדְיוֹן גֶענוּמֶען , נָאכְדֶעם הָאט עֶר אָנְגֶעהֵייבֶּען גֶעהמֶען פִּדְיוֹנוֹת ·

דִיא גְרוֹיסֶע חֲסִידִים פוּן דֶעם מִיטֶעלֶען רַב הָאבֶּען זִיךְ אוֹיךְ בַּאלְד צוּא אִיהם אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען · אוּנ זַיינֶע תּוֹרָה גֶעהֶערְט מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק · אוֹיךְ דִיא חֲסִידִים פוּן אַלְטֶען רַב הָאבֶּען זִיךְ צוּא אִיהם אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען · אוֹיךְ זַיין פֶעטֶער

ר׳

ר' חיים אברהם איז געגאנגען הערען זיינע חסידות, אויך זיין פעטער הרב ר' יוסף פון ליובאוויטש וואס ער איז געווען אנאזעליכער מאן, האט ער זיך אויך איבערגעגעבען אונ בטל געווען פאר איהם ווי א יונגער חסיד.

אין אקליינע צייט ארום איז הרב הקדוש ר' אהרן פון שטראשיעלע נסתלק געווארען, האבען פיל פון זיינע חסידים זיך איבערגעגעבען צו אדמו"ר ר' מ"מ, ער איז געווארען רב אין גאנץ רייסען.

אין איינע יאהרען שפעטער, האבען איהם חסידים געבעטען ער זאל פאהרען אויף דער מדינה. ער מיט זיין הערומפאהרען האט פיל נייעס געטהון. פיל מתנגדים זענען געווארען חסידים, אונ אפילו די וואס זענען ניט געווארען חסידים אבער בטל פאר איהם זענען זיי געווארען, ווייל זיי האבען געזעהען ווי גרויס אונ וויכטיג ער איז.

ער איז געקומען אין ווילנא האט איהם דער גאון ר' אבלי בעזוכט, אין מינסק איז געקומען הגאון ר' טעביל הערען זיינע חסידות, ער האט מיט איהם פארבראכט אין נגלה. זיי האבען גערעדט אין פילערליי ענינים. דער אדמו"ר האט זיי געוויזען זיין כח אין פיל חכמה, אונ דאס הויפט אין סודות התורה.

אז ער איז געקומען אהיים האבען די גאונים געשריבען צו איהם שאלות אונ ער האט זיי געענטפערט אויף יעדער שאלה מיט גרויס גאונות אונ מיט געטליכקייט.

מעהר ווי אין אלין האט ער געוויזען גדלות אין די ענינים פון עגונות אונ גרויסע מופתים ווי דאס איז בעוואוסט אויף דער וועלט.

## פרק ג.

### איינינע ענינים פון זיינע גדלות.

קיין מענש האט ניט כח צו דערציילען אין גאנצען פון זיין גרויסקייט, נור אין קורצען וועלען מיר שרייבען איניגע זאכען וואס זיינען מפורסם ביי אלע חסידים.

דער האדמו"ר האט געהאט אלע מעלות וואס געהערען צו קדושה ווי אונזערע חכמים*) רעכנען, ער איז געווען אחכם אגבור א. ז. וו.

דער האדמו"ר ר' מ"מ האט פיל גערעדט אין דער תורה. זיין נשמה איז געווען פון „עולם הדבור", זיין קול איז געווען זעהער שטארק, אז ער פלעגט דאווענען מיט אהויכען קול, מיט אפלאם פייער פון הארצען, איז געווען שאן אונ זיס צו זעהען אונ צו הערען.

די גרויסקייט פון זיין קאפף איז געווען גאר אהן אשעור. ביי איהם האט

*) אין השכינה שורה אלא על חכם גבור ועשיר ועניו וכו' (שבת צ"ב, נדרים ל"ח.)

הָאט זִיךְ פַארְאֵיינִיגְט דִיא טִיפְקַייט פוּן הַארְצֶען מִיט דִיא טִיפְקַייט פוּן קָאפְּף אוּנ זַיין קָאפּ אִיז אַלֶע מָאל גֶעוֶועזֶען פִיל שְׁטַארְקֶער פוּן זַיין הַארְץ. אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אִין הַארְצֶען דִיא גְרֶעסְטֶע הִתְפַּעֲלוּת, הָאט עֶר דָאס גֶעקָאנְט בֶּעהַאלְטֶען אַז קֵיינֶער זָאל דָאס נִיט זֶעהֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רמב״ם זָאגְט אַז פַאר אַפְּרָאסְטֶען מֶענְשֶׁען טְרִינְקֶען פִיל מַשְׁקֶה אִיז דָאס זֶעהֶער נִיט גוּט, אָבֶּער אַתַּלְמִיד חָכָם וֶוערְט פוּן דִיא מַשְׁקֶה זַיין קָאפְּף גֶעהֵייבֶּענֶער אוּנ שְׁטַארְקֶער, עֶס וֶוערְט בַּייא אִיהם נִתְגַלֶה פִיל חָכְמוֹת אוּנ עֶר גִיבְּט דָאס אִיבֶּער דֶעם אַנְדֶערְן. בַּייא דֶעם אדמו״ר הָאט מֶען דָאס דֵייטְלִיךְ גֶעזֶעהֶען. אַז עֶר הָאט פַארְבְּרַאכְט מִיט חֲסִידִים הָאט עֶר זֶעהֶער פִיל גֶעטְרוּנְקֶען, אוּנ גֶעזָאגְט חֲסִידוּת גָאר אָהן אַשִׁיעוּר. עֶס הָאט גֶעטְרָאפֶען צַייטֶען וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַחֲתוּנָה, אַבְּרִית, אָדֶער אַ יוֹם טוֹב, פְלֶעגְט עֶר פַארְבְּרֵיינְגֶען דִיא גַאנְצֶע נַאכְט, נָאכְדֶעם הָאט מֶען גֶעזֶעהֶען וִויא עֶר לֶערְנְט גְמָרָא מִיט פּוֹסְקִים זֶעהֶער פַארְטִיפְט.

זַיין שִׁפְלוּת אוּנ עֲנָוָה אִיז גֶעוֶוען זֶעהֶער גְרוֹיס, עֶר הָאט כָּל יָמָיו גֶעהָארֶעוֶועט אוֹיף דִיא מִדָה שִׁפְלוּת, עֶר פְלֶעגְט זָאגֶען: אוֹיף אַמֶענְשֶׁען וָואס עֶר הַאלְט זִיךְ שָׁפָל, זֶענֶען קֵיינֶע מְקַטְרְגִים פַארַאן. וַוייל עֶר הַאלְט זִיךְ פַאר גָאר גִישְׁט, אוּנ וֶוענֶען גָאר גִישְׁט רֶעדְט מֶען נִיט. אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אַז שִׁפְלוּת אִיז אַסְגוּלָה צוּא אֲרִיכוּת יָמִים. מִיר זֶעהֶען דָאס פוּן דֶער עֶרְד זִיא אִיז נִידְרִיגֶער פוּן אַלֶעמֶען אוּנ אַלֶע טְרֶעטֶען אוֹיף אִיהר, אוּנ זִיא הָאט אַקִיוּם אוֹיף עֶוִויג וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט והארץ לעולם עומדת.

עֶס אִיז יָדוּעַ אַז דֶער אַלְטֶער רַב נָאךְ זַיין הִסְתַּלְקוּת פְלֶעגְט בַּייא נַאכְט קוּמֶען צוּא אדמו״ר ר׳ מ״מ. אוּנ עֶר פְלֶעגְט אִיהם מְגַלֶה זַיין גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה, אִין זַיינֶע כְּתָבִים גֶעפִינְט זִיךְ פִיל אַזֶעלְכֶע סוֹדוֹת.

דִיא רַבָּנִית (זַיין ווייב) הָאט עֶרְצֵיילְט: אַמָאל בַּייא נַאכְט אַז זִיא אִיז גֶעוֶוען אִין אִיהר חֶדֶר, הָאט זִיא גֶעהֶערְט אַקְלַאפּ פוּן זַיין חֶדֶר וִויא אֵיינֶער וָואלְט פַאלֶען, זִיא הָאט זִיךְ עֶרְשְׁרָאקֶען אוּנ אִיז אַרַיינְגֶעלָאפֶען אִין זַיין חֶדֶר. הָאט זִיא אִיהם גֶעפוּנֶען עֶר לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד.

– וָואס אִיז דָאס? – הָאט זִיא בַּייא אִיהם גֶעפְרֶעגְט.

– דֶער זֵיידֶע אִיז דָא גֶעוֶוען – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט.

– נוּא וָואס דַארְפֶען מַאכֶען אַזַא רַעַשׁ? – הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט מִיט אַגְלַייךְ וָוארְט.

– פַארְשְׁטֶעהְסְט דוּא – הָאט עֶר אִיהר גֶעעֶנְטְפֶערְט – אַנְשָׁמָה אוֹיף דֶעם עוֹלָם, אַז דַארְף צוּזַאמֶענְקוּמֶען מִיט אַנְשָׁמָה פוּן יֶענֶעם עוֹלָם, מוּז זִיךְ אֵיינֶע אָנְטְהוּן אַלְבוּשׁ אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע אוֹיסְטְהוּן אַ לְבוּשׁ.

דֶער אַנְטְוָוארְט אִיז גוּט אוּנ רִיכְטִיג. אָבֶּער פַארְשְׁטֶעהן דָאס, קָאן נוּר דֶער מֶענְשׁ וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּא אַזַא מַדְרֵגָה אוּנ צוּא אַזַא מַעֲשֶׂה בְּפוֹעַל מַמָשׁ.

אמאל

אַמָאל י"ט כסלו הָאט עֶר פַארְבְּרַאכְט מִיט חֲסִידִים. הָאט עֶר גֶעזָאגְט אִין יְרוּשַׁלְמִי שְׁטֶעהט: אַז וֶוען אֵיינֶער זָאגְט אַדְבַר תּוֹרָה פוּן אַגֶעשְׁטָארְבֶּענֶעם צַדִיק, דַארְף עֶר בַּייא זִיךְ רֶעכֶענֶען גְלַייךְ וִויא דֶער צַדִיק שְׁטֶעהְט פַאר אִיהם. פוּן דֶעם לָשׁוֹן הַגְמָרָא וַוייזְט אוֹיס אַז עֶר דַארְף נוּר רֶעכֶענֶען. אָבֶּער בֶּאֱמֶת שְׁטֶעהְט דֶער צַדִיק נִיט, אָבֶּער וֶוען מֶען זִינְגְט דֶעם צַדִיק'ס נִגוּן, שְׁטֶעהט עֶר גֶעוִויס דָארְטֶען, אוּנ בַּאלְד הָאט עֶר אָנְגֶעהֵייבֶּען צוּא זִינְגֶען דֶעם נִגוּן פוּן אַלְטֶען רַב.

זַיין הַתְמָדָה צוּא שְׁרַייבֶּען חֲסִידוּת אִיז גֶעוֶוען ווֹאוּנְדֶערְלִיךְ, פִיל מָאל הָאבֶּען חֲסִידִים גֶעזֶעהֶען וִויא עֶר שְׁרַייבְּט אִין מִיטֶען דַאוְונֶען וַוייל אִין זַיין מוֹחַ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעקְוָואלֶען נַייעֶס, אוּנ יֶעדֶען נַייעֶס הָאט עֶר בַּאלְד פַארְשְׁרִיבֶּען.

זַיין אֵיינִיקֶעל הָאט דֶערְצֵיילְט אַז פִיל מָאל הָאט עֶר גֶעזָאגְט אִין דַאוְונֶען אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער וָואס שְׁטֶעהֶען נִיט אִין דַאוְונֶען. לְמָשָׁל. על זאת שבחו אהובים מיכאל מימין מהלל וגבריאל משמאל ממלל.

הֲגַם עַל פִּי דִין טָאר מֶען דָאס נִיט, וַוייל דָאס אִיז אַהֶפְסֶק, נוּר אַז עֶס זָאגְט זִיךְ אַלֵיין, אִיז אַנְדֶערְשׁ.

# פרק ד.

פוּן זַיין פָאהרֶען אִין פֶּעטֶערְבּוּרְג.

בִּשְׁנַת, אִין דֶעם יָאהְר תר"ג אִיז גֶעקוּמֶען אַבֶּעפֶעל פוּן פֶּעטֶערְבּוּרְג אַז אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל זָאלֶען אוֹיסְקְלַייבֶּען אֵיינִיגֶע מֶענְשֶׁען פוּן זַיירֶע גְדוֹלִים, שִׁיקֶען זַייא אִין פֶּעטֶערְבּוּרְג. עֶס וֶועט זַיין אַ-קָאמִיסְיֶע, דֶער מִינִיסְטֶער וֶועט אוֹיךְ אַנְטְהֵייל נֶעמֶען אוּנ מֶען וֶועט בַּאקְלֶעהרֶען דֶעם דַת יִשְׂרָאֵל, כְּדֵי צוּא וִויסֶען וֶועלְכֶע כַּתָּה אִיז דִיא גֶערֶעכְטֶע. מִתְנַגְדִים חֲסִידִים פוּן רֵייסֶען, פוּן פּוֹילֶען, אָדֶער מַשְׂכִּילִים.

יֶעדֶער כַּתָּה הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען אֵיינֶעם פוּן זַייא, מִתְנַגְדִים—דֶעם הַגָאוֹן ר' יִצְחָק פוּן וַואלָאזְ'ען ז"ל, חֲסִידִים פוּן רֵייסֶען—דֶעם האדמו"ר ר' מְנַחֵם מֶענְדֶל פוּן לְיוּבַּאוִויטְשׁ ז"ל, חֲסִידִים פוּן פּוֹלִין— הָרַב הֶחָסִיד הַגְבִיר ר' יִשְׂרָאֵל אַלְפֶּרְן פוּן בֶּערְדִיטְשׁוּב ז"ל, דִיא מַשְׂכִּילִים— ה' בְּצַלְאֵל שְׁטֶערְן דִירֶעקְטָאר פוּן אַדֶעסְסֶע.

דֶער מִינִיסְטֶער הָאט פְּרִיגְלַאסֶעט פוּן אוֹיסְלַאנְד הַשַׂר הַצַדִיק ר' מֹשֶׁה מַאנְטִיפִיוֹר. הַשַׂר הַצַדִיק אַדָאלְף כַּרְמִיָה אוּנ רָאטְהְשִׁילְד. נָאר זַייא זֶענֶען נִיט גֶעקוּמֶען, דֶער דָאקְטָאר לִילְיֶענְטָהַאל אוּנ נָאךְ אַנְדֶערֶע מַשְׂכִּילִים זֶענֶען אוֹיךְ גֶעקוּמֶען. נוּר דֶער עִיקָר קָאמִיסְיֶע זֶענֶען גֶעוֶוען נוּר פִינְף מֶענְשֶׁען, דִי פִיעַר וָואס מִיר הָאבֶּען דֶערְמָאנְט אוּנ דֶער פִינְפְטֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער מִינִיסְטֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּרִיטְסֶעדַאטֶעל פוּן דֶער קָאמִיסְיֶע, יֶעדֶער פוּן דִיא פִינְף

האט

הָאט גֶעהַאט בַּייא זִיךְ מֶענְשֶׁען וָואס עֶר זָאל מִיט זַייא זִיךְ קֶענֶען פְּרֵיהר מְיַישֵּׁב זַיין, בְּעקְלֶעהרֶען יֶעדֶער זַאךְ וָואס צוּא רֵיידֶען.

אדמו״ר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען זַיין זָאהן אדמו״ר ר׳ יְהוּדָה לֵיבּ ז״ל אוּנ דֶעם הָרַב הַחָסִיד ר׳ שמרי׳ פַּיטֶילְכָאהן פוּן לייפלי׳ פַאר אַטְאַלְמַאטְשׁ.

עֶהדֶער האדמו״ר אִיז גֶעפָאהרֶען הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אַפִּדְיוֹן אִין לָאזְנִי אוֹיף זַיין מוּטֶערְס קֶבֶר. זִיא זָאל מוֹדִיעַ זַיין אִיהר הֵיילִיגֶען פָאטֶער, דֶעם אַלְטֶען רֶבּ, אַז אִיהר זָאהן וָוערְט גֶערוּפֶען אִין פֶּטֶערְבּוּרְג. כְּדֵי דֶער אַלְטֶער רֶבּ זָאל תְּפִלָּה טְהוּן עֶס זָאל אַלֶץ גוּט זַיין.

דִיא אוֹיסֶערְוָואהלְטֶע מֶענְשֶׁען זַיינֶען גֶעקוּמֶען אִין פֶּטֶערְבּוּרְג. זַייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעזַאוֶועט צוּם מִינִיסְטֶער אוּנ בַּאלְד הָאט זִיךְ גֶעזֶעטְצְט דִיא קָאמִיסְיֶע.

דֶער מִינִיסְטֶער, גְרַאף אוּבָארוּב, הָאט זַייא מוֹדִיעַ גֶעוֶועזֶען פְרִיהר: אַז דֶער קֵיסָר יר״ה וִויל חָלִילָה נִיט אָראפְּפִיהרֶען אִידֶען פוּן זַייעֶר דָת אוּנ אַלְס וָואס דִיא אִידִישֶׁע חֲכָמִים שְׁרַייבֶּען, בְּלַייבֶּען הֵיילִיג, פוּן זַייעֶרֶע דִינִים וֶועט נִיט אָנְגֶערִיהרְט וֶוערֶען קֵיין זַאךְ חָלִילָה, עֶר ווִיל נוּר עֶרְקְלֶעהרֶען יֶעדֶער זַאךְ אוּנ מַאכֶען אָרְדֶענוּנְג אִין פֶערְשִׁידֶענֶע אִידִישֶׁע מִנְהָגִים.

פִיל שְׁאֵלוֹת זֶענֶען גֶעפְרֶאגְט גֶעוָוארֶען. אוּנ אוֹיף אַלֶץ הָאט דִיא קָאמִיסְיֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט.

דֶער אדמו״ר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין קָאמִיסְיֶע הָאבֶער פַאר אַלֶע גְדוֹלִים, דֶער מִינִיסְטֶער הָאט אִיהם זֶעהֶער שֶׁאן אוֹיפְגֶענוּמֶען, ווייל עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען זַיין גְרוֹיסֶע חָכְמָה אוּנ גְאוֹנִית.

האדמו״ר הָאט אוֹיפְגֶעוִויזֶען יֶעדֶער זַאךְ פוּן חז״ל, עֶר אִיז בַּייא זִיךְ גֶעוֶועזֶען זַייעֶר שְׁטַארְק, עֶס זָאל נִיט אָנְגֶערִיהרְט וֶוערֶען קֵיין דִין אוּנ קֵיין אִידִישֶׁען מִנְהָג.

מֶעהר וִויא אַלֶץ הָאט עֶר גֶעהַאט צוּא טְהוּן אִין דֶעם עִנְיָן פוּן לֶערְנֶען קַבָּלָה אוּנ חֲסִידוֹת, ווייל אִין דֶעם עִנְיָן הָאט עֶר גֶעהַאט מְנַגְדִים אוֹיף זִיךְ, נוּר עֶר אִיז בַּייא זִיךְ זֶעהֶער שְׁטַארְק גֶעוֶועזֶען, אוּנ השי״ת בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ הָאט אִיהם מַצְלִיחַ גֶעוֶועזֶען עֶס אִיז אַלֶץ גוּט אוּנ גוּט זִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזֶען.

# פרק ה.

אֵיינִיגֶע עִנְיָנִים וָואס דִיא פֶּטֶערְבּוּרְגֶער קָאמִיסְיֶע הָאט זִיךְ בַּאשֶׁעפְטִיגְט.

קֵיינֶער פוּן דִיא קָאמִיסְיֶע הָאט נִיט דֶערְצֵיילְט וָואס דָארְטֶען אִיז גֶערֶעדְט גֶעוָוארֶען, נוּר אֵיינִיגֶע עִנְיָנִים וַוייסֶען מִיר פוּן אַתְּשׁוּבָה וָואס אדמו״ר הָאט דָארְטֶען גֶעעֶנְטְפֶערְט, אוּנ פוּן אַבְּרִיעף וָואס אדמו״ר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אִין יָאהר תר״ח צוּם ד״ר מַאנְדֶעלְשְׁטַאם אַנְ׳עֶנְטְפֶער אוֹיף דִיא עִנְיָנִים וָואס דֶער דָקְטָאר הָאט אִיהם גֶעפְרֶעגְט.

שאלה

שַׁאֲלָה: פַאר וָואס הָאבֶּען מִתְנַגְדִים אוּנ חֲסִידִים בֶּעזוּנְדֶערֶע שׁוּלֶען, זַיי זֶענֶען דָאךְ עוֹבֵר אוֹיף לא תתגודדו, ד. ה. אִידֶען טָארֶען זִיךְ נִיט טְהֵיילֶען אוֹיף בֶּעזוּנְדֶערֶע אֲגוּדוֹת אוּנ חֲבָרוֹת.

תְּשׁוּבָה: דִיא גְמָרָא זָאגְט: אַז לא תתגודדו אִיז נוּר בַּייא אֵיין בֵּית דִין, אָבֶּער אַז אִין אַ שְׁטָאדְט זֶענֶען פַארַאן צְוַוייא בָּתֵּי דִינִים, אֵיינֶער פַּסְקֶנְט אַנְדֶערְשׁ וִויא דֶער צְוַוייטֶער א.ג בֵּידֶע זָאגֶען רִיכְטִיגֶע סְבָרוֹת, בַּייא דֶעם אִיז נִיטָא לא תתגודדו, (יבמות דף יג אונ יד). דִיא זֶעלְבִּיגֶע אִיז מִיט דִיא שׁוּלֶען. אִין אֵיין שׁוּל טָאר נִיט זַיין צְוַוייא נוּסְחָאוֹת. אָבֶּער צְוַוייא שׁוּלֶען אִיז דָאס וִויא צְוַויי בָּתֵּי דִינִים אִין אֵיין שְׁטָאדְט.

שַׁאֲלָה: פַאר וָואס מִתְנַגְדִים פָאהְרֶען נִיט צוּא זַייעֶרֶע גְדוֹלִים, זַייא הַאלְטֶען מַגִידִים אִין יֶעדֶער שְׁטָאדְט. אוּנ חֲסִידִים הַאלְטֶען נִיט קֵיינֶע מַגִידִים נוּר זַייא פָאהְרֶען צוּא זַייעֶרֶע גְדוֹלִים.

תְּשׁוּבָה: מִתְנַגְדִים הַאלְטֶען מַגִידִים אִין יֶעדֶער שְׁטָאדְט כְּדֵי מֶען זָאל נִיט בְּרוֹיכֶען פָאהְרֶען, וָואס אוֹיף דֶעם גֶעהְט אַוֶועק פִיל הוֹצָאָה. צַייט, אוּנ טִרְחָה, אוֹיךְ כְּדֵי מֶען זָאל דִיא מוּסַר הֶערֶען אָפְטֶערְס. אוּנ חֲסִידִים זָאגֶען: אַז דֶער מוֹכִיחַ אַלֵיין דַארְף זַיין אַגְרוֹיסֶער צַדִיק, קָאן עֶר מִיט זַיינֶע רֵייד פּוֹעֵל זַיין אוֹיף אַלַאנְגֶע צַייט נוּר כְּדֵי דִיא חֲסִידִים זָאלֶען אָפְטֶערְס פָאהְרֶען, נִיבְּט דֶער רַבִּי עֵצוֹת אוֹיךְ אִין גַשְׁמִיוּת, אִין גֶעשֶׁעפְט זַאכֶען, אוּנ אַז דֶער חָסִיד קוּמְט פְרֶעגֶען אַנ׳עֵצָה אִין גַשְׁמִיוּת, הֶערְט עֶר דֶערְוַוייל דְבַר מוּסָר וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקַר כַּוָנָה.

פוּן דֶעם בְּרִיעף צוּא דֶעם ד"ר מַאנְדֶעלְשְׁטַאם זֶעהֶען מִיר אַז דִיא קָאמִיסִיֶע הָאט גֶעקְלֶעהְרְט וֶועגֶען חִנוּךְ נְעָרִים וִויא צוּ לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער, אוּנ עֶס אִיז בֶּעשְׁטִימְט גֶעוָוארֶען צוּא גְרִינְדֶען שׁוּלֶען וִויא צוּא לֶערְנֶען אַיינְגֶעטְהֵיילְט אִין רַאזְרַאדֶען וִויא דָאס אִיז יָדוּעַ לַכֹּל.

## פרק ו

דִיא אוּנְטֶערְהַאנְדְלוּנְגֶען וֶועגֶען לֶערְנֶען קַבָּלָה אוּנ חֲסִידוּת, זַיין קוּמֶען פוּן פֶּעטֶערְבּוּרְג אַהֵיים, דֶעם דְרוּקֶען דֶעם הֵיילִיגֶען סֵפֶר "לִקוּטֵי תּוֹרָה".

לְסוֹף הָאט דִיא קָאמִיסִיֶע אָנְגֶעפַאנְגֶען רֵיידֶען פוּן קַבָּלָה אוּנ חֲסִידוּת, דִיא פְרַאגֶע אִיז גֶעוֶוען: צוּא וֶועלְכֶען צְוֶועק דַארְף מֶען דָאס לֶערְנֶען, וָואס פַאר נוּצְטֶען קָאן מֶען דֶערְפוּן הָאבֶּען?.

ה׳ שְׁטֶעְרְן הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז גָאר אִיבְּרִיג, מֶען קָאן דֶערְפוּן קֵיין נוּטְצֶען הָאבֶּען, הַגָאוֹן ר׳ יִצְחָק פוּן וואלָאזִין הָאט גֶעשְׁוִויגֶען, עֶר הָאט נִיט גֶעזָאגְט יָא אוּנ נִיט נֵיין. נוּר האדמו"ר אוּנ הָרַב הֶחָסִיד ר׳ יִשְׂרָאֵל אַלְפֶּערְן הָאבֶּען גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז זֶעהֶער גֶעטְהִיג צוּא לֶערְנֶען. יֶעדֶערֶער קָאן הָאבֶּען דֶער פוּן נוּטְצֶען.

אמאל ערב שבת נאך האלבען טאג האט דער מיניסטער געזאגט: אין דעם ענין פון קבלה אונ חסידות וועלען מיר טהון וויא אין דער תורה איז געשריבען „אחרי רבים להטות". שניאורזאהן אונ אלפערן זאגען אז מען דארף יא שטערן אונ איך זאגען ניין. „יצחק שווייגט איז אסימן אז ער זאגט אויך ניין" זענען מיר דיא רבים דארף מען מבטל זיין דעם לימוד פון קבלה אונ חסידות.

האדמו"ר איז פארציטערט געווארען, מיט אביטער געשרייא האט ער געזאגט: עס קאן זיין וואס עס וועט זיין, אונ קבלה אונ חסידות קאן מען ניט מבטל זיין.

דער מיניסטער איז שטארק אין כעס געווארען. ער האט זיינע דינער בעפוילען זייא זאלען האדמו"ר גלייך ארעסטירען. דיא דינער האבען איהם גלייך אריינגעפיהרט אין אנאנדער חדר. ער איז דארטען געזעסען איינער אליין.

דער מיניסטער איז ארומגעגאנגען אין זאאל הין אונ הער, זיין פנים האט געפלאמט פון גרוים כעס, אונ דיא גאנצע קאמיסיע זענען געווען זעהער ערשראקען.

האדמו"ר האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה, האט געזאגט „הודו" אונ „פתח אליהו" מיט גרוים דבקות, אונ מיט דעם ניגון פון אלטען רב, דיא ווארטער זענען ארוים פון טיפען הארצען מיט גרוים פלאהם. דעם קול האט מען געהערט אין די זאלען, ער איז געווען אזויא זיס אז דער מיניסטער איז שטארק נתפעל געווארען, ער האט געפרעגט דיא קאמיסיע: וואס זאגט ער? האבען איהם דיא רבנים געענטפערט: ער דאווענט מנחה אונ זאגט "פתח אליהו" דאס איז דיא טיעפסטע קבלה ארום וועלכע מיר האבען גערעדט.

דער מיניסטער האט זיך געזעצט אויסגעהערט מיט גרוים התפעלות דעם גאנצען דאווענען, נאכדעם האט ער געעפענט דיא טהיר אונ געזאגט: שניאורסאהן קומט ארוים? איהר זענט שוין פרייא!.

אדמו"ר איז אריינגעגאנגען צוא דער קאמיסיע, אונ דער מיניסטער האט געזאגט: אפשר קאן מען גאר אנדערש הערבען: וויא באלד יצחק שווייגט, איז אסימן אז ער איז מסכים צו לערנען קבלה אונ חסידות זענט איהר דאך דער רבים אויף יא.

דער וויל איז געווארען שפעט, ערב שבת, איז געבליבען אז נאך שבת וועט זיין דיא לעצטע זיטצונג פון דער קאמיסיע.

דער אדמו"ר איז נאך דער אסיפה געווען עטליכע טאג שלאף פון שרעק אונ עגמת נפש, נאכדעם אז ער איז שטארקער געווארען האט דער מיניסטער בעשטימט אטאג פאר דיא לעצטע פערזאמלונג.

אין דעם בעשטימטען טאג פון דער אסיפה, זענען אלע פון קאמיסיע

צוזאמענקומען

צוזאַמֶענגעקוּמֶען, נור האדמו"ר הָאט נָאךְ גֶעפֶעלְט, ה' שְׁטְעַרְן איז דֶער ווייל אַרוּיסגֶעגאַנְגֶען שְׁפַּאצִירֶען אִין גאַרְטֶען.

האדמו"ר מִיט זַיין זָאהְן ר' יוּדא לֵייבּ זֶענֶען גֶעגאַנְגֶען צוּ דֶער אֲסִיפָה. קוּמֶענְדִיג נִיט ווַייט פוּן דָארְטֶען, הָאט האדמו"ר גֶעזָאגְט צוּ זַיין זָאהְן: מִיר וועלֶען גֶעהֶען דוּרךְ דֶעם גארְטֶען. גֶעהֶענְדִיג אִין גָארְטֶען הָאבֶּען זֵיי גֶעטְרָאפֶען דֶעם ה' שְׁטֶער. אדמו"ר הָאט אִיהְם אַנְגֶענוּמֶען פַארִין הַאנְד אוּנ הָאט שְׁטַארְק גֶעווֵיינְט, אוּנ גֶעזָאגְט: אִין דִיא הֵיילִיגֶע גְמָרָא שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען בָּבָא רַבִּי דְאָמַר יֵשׁ קוֹנֶה עוֹלָמוֹ בְּשָׁעָה אַחַת (ע"ז י"ח.) דָאס הֵייסְט: אַמֶענְשׁ קָאן זִיךְ קוֹיפֶען עוֹלָם הַבָּא אִין אֵיין ווַיילֶע, יֶעטְצְט הָאסְט דוּא אַגוּטֶע צַייט, זִיךְ צוּ קוֹיפֶען עוה"ב, וֶוען דוּא וֶועסְט זָאגֶען בַּייא דֶער קָאמִיסְיֶע דָאס קַבָּלָה אוּנ חֲסִידוּת דַארְף מֶען לֶערְנֶען. דִיא ווֶערְטֶער זֶענֶען אַרַיין טִיעֶף אִין שְׁטֶערְנְ'ס הַארְצֶען, אַזוֹיא פִיל הָאבֶּען דִיא הַייד אוֹיף אִיהְם גֶעווִירְקְט, אַז צוּא דֶער אֲסִיפָה הָאט עֶר גוּטֶעס גֶערֶעדְט אוֹיף קַבָּלָה אוּנ חֲסִידוּת, אוֹיךְ הַגָּאוֹן ר' יִצְחָק הָאט מֶעהְר נִיט גֶעשְׁווִיגֶען, עֶר הָאט אוֹיךְ אַיינְגֶעשְׁטִימְט דֶערְצוּ, אוּנ עֶס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אוֹיף יַא, דֶערְמִיט הָאט זִיךְ דִי קָאמִיסְיֶע גֶעעֶנְדִיגְט.

אדמו"ר אִיז פוּן פטרבורג אַוֶועקְגֶעפָאהְרֶען מִיט פִיל כָּבוֹד, גְדוּלָה אוּנ מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, השי"ת הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען זַיין וֶועג, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אַהֵיים בְּשָׁלוֹם.

אִין אֵייניגֶע יָאהְר נָאכְדֶעם הָאט אִיהְם דֶער קֵיסָר גֶעשָׁאנְקֶען „פַּאטָאמְסְטְווֶע" אִיהְם מִיט זַיינֶע קִינְדֶער אוֹיף עֶווִיג. זֵייא זֶענֶען אַלֶע פַּאטָאמְסְטְוֶוענֶע פַּאצִיאטְנֶע גְרַאזְדַאנְיֶעס.

האדמו"ר קוּמֶענְדִיג פוּן פֶּטֶרְבּוּרְג, הָאט עֶר אָנְגֶעהֵייבֶּען מְסַדֵר זַיין דִיא הֵיילִיגֶע טֵהַייעֶרֶע כְּתָבִים וָואס דָארְטֶען זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁרִיבֶּען אַלְץ וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַלְטֶען רבּ, אוֹיךְ וָואס אַנְדֶערֶע גְרוֹיסֶע חֲסִידִים הָאבֶּען מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אַלְטֶען רבּ אוּנ פַארְשְׁרִיבֶּען אוֹת בְּאוֹת. דִיא טִיעֶפֶע הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הָאט דֶער אַלְטֶער רבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הַקָּדוֹשׁ ר' אַבְרָהָם דֶער זָאהְן פוּן מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִיד, אדמו"ר הָאט דָאס אַלְץ צוּזַאמֶענְגֶעזַאמֶעלְט אוּנ צוּגֶעגֶעבֶּען פִיל הַגָהוֹת, אַיינְגֶעטְהֵיילְט אִין סוֹדוֹת אוּנ אַנָאמֶען גֶעגֶעבֶּען „לִקּוּטֵי תּוֹרָה", דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארֶען בִּשְׁנַת תר"ח.

## פרק ז.

וָואס מִיט אדמו"ר הָאט פַּאסִירְט פוּן יָאהְר תרט"ו בִּיז תרכ"ו, זַיין הִסְתַּלְקוּת.

בִּשְׁנַת תרט"ז, הָאבֶּען שְׁלֶעכְטֶע פַאלְשֶׁע מֶענְשֶׁען גֶעמַסֶרְט דֶעם אדמו"ר אַז צוּא אִיהְם פַארְזַאמֶלֶען זִיךְ פִיל מֶענְשֶׁען וָואס זֵייא ווִילֶען מוֹרֵד בְּמַלְכוּת זַיין. אוּנ עֶר שִׁיקְט שׁוֹחַד דֶעם שְׂלְטַן אוּנ נָאךְ פַאלְשֶׁע מְסִירוֹת. אוֹיךְ הָאט
מען

מֶען אִיהם גֶעמַסֶרְת אִיבֶּער אֵיינֶעם פוּן קוֹרֶענִיין וָואס הָאט גֶעהַאט אַגְרוֹיסֶע דְרֶעלֶע אוּנ אִיז אַנְטְלָאפֶען, הָאט דֶער מָסוֹר גֶעזָאגְט אַז דֶער פַארְבְּרֶעכֶער הָאט זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען בַּייא דֶעם אדמו"ר אוּנ עֶר הָאט אִיהם דִיא עֵצָה גֶעגֶעבֶּען צוּא אַנְטְלוֹיפֶען.

דִיא מַסִירוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען פַאר דֶעם ג׳ גוּבֶּערְנַאטֶער אִינְגַאטָאוו אִין וִויטֶעבְּסְק וָואס צוּא אִיהם הָאט גֶעהֶערְט מָאלִיוָוער גוּבֶּערְנְיָע אוֹיךְ.

אַרֶעסְטִירֶען הָאט דֶער ג"נ אִיהם נִיט גֶעוָואלְט עֶר הָאט גֶענוּמֶען פוּן אִיהם דַאפְּרָאסֶען בַּייא אִיהם אִין דֶער הֵיים.

דִיא גַאנְצֶע צַייט פוּן דֶער דְרֶעלֶע, הָאט עֶר קֵיין חֲסִידוּת גֶעזָאגְט אוּנ קֵיין מֶענְשֶׁען צוּא זִיךְ אוֹיף יְחִידוּת נִיט צוּגֶעלָאזֶען.

אִין יֶענֶער צַייט הָאט אדמו"ר בֶּעקוּמֶען אַבְּרִיף פוּן זַיין תַּלְמִיד הָרַב הַקָּדוֹשׁ ר׳ אלי׳ יוֹסֵף ז"ל פוּן א"י אַז עֶר וִויל קוּמֶען אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ זִיךְ זֶעהֶען מִיט אִיהם, מִיט גְרוֹיס יְגִיעָה הָאט עֶר בֶּעקוּמֶען רְשׁוּת פוּן אדמו"ר אַז עֶר מֶעג קוּמֶען צוּא אִיהם אוֹיף אֵיין נַאכְט, הֶערֶען חֲסִידוּת אוּנ בַּאלְד אַוֶועקְפָאהְרֶען פוּן לְיוּבַּאוִויטְשׁ.

פוּן דִיא אַלֶע מַסִירוֹת אִיז אדמו"ר אַרוֹיס רֵיין. עֶס הָאט זִיךְ בֶּעוִויזֶען אַז זַייא זֶענֶען פַאלְשׁ.

דִיא מוֹסְרִים הָאבֶּען גֶעהַאט אַשְׁלֶעכְטֶען סוֹף, בַּייא אֵיינֶעם פוּן זַייא הָאט מֶען גֶעפוּנֶען אַמַאסִינְקֶע צוּא מַאכֶען פַאלְשֶׁע גֶעלְד. אִיז עֶר פַארְשִׁיקְט גֶעוָוארֶען אוֹיף עֶוִויג. כֵּן יאבדו.

בִּיז דֶעם יָאהר תרי"ח אִיז עֶר גֶעזֶעסֶען בְּשַׁלְוָה. דַאמָאלְסְט אִיז גֶעוֶוען אַגְרוֹיסֶע שְׂרֵפָה. גַאנְץ לְיוּבַּאוִויטְשׁ מִיט דֶעם אדמו"ר׳ס הַייזֶער זֶענֶען פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען אוֹיךְ פִיל כְּתָבִים נִגְלֶה אוּנ חֲסִידוּת, אוֹיף דִי כְּתָבִים הָאט עֶר גֶעזָארְגְט מֶעהר וִויא אוֹיף דֶעם הֶיזֶק פוּן דִיא הַייזֶער, וַוייל עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַלְט, הָאט עֶר קֵיין כֹּחַ גֶעהַאט נָאךְ אַמָאל אוֹיפְצוּשְׁרַייבֶּען, נוּר עֶר הָאט גֶעדַאנְקְט אוּנ גֶעלוֹיבְּט הַשֵּׁי"ת פַאר דִיא פִיל כְּתָבִים וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען.

נָאךְ דֶער שְׂרֵיפָה הָאט דֶער אָדוֹן פוּן לְיוּבַּאוִויטְשׁ גֶעגֶעבֶּען דֶעם אדמו"ר אַהוֹיף צוּא וָואהנֶען. דֶער הוֹיף אִיז גֶעשְׁטַאנֶען נִיט וַוייט פוּן שְׁטָאדְט, אַיָאהר צַייט הָאט עֶר דָארְטֶען גֶעוָואהנְט מִיט זַיין פַאמִילְיֶע צוּזַאמֶען. זַיין הִתְגַלוּת אִיז דָארְטֶען גֶעוֶוען זֶעהֶער גְרוֹיס, פִיל חֲסִידוּת הָאט עֶר גֶעזָאגְט. אוּנ דִיא יְחִידוּת אִיז גֶעוֶוען וואוּנְדֶערְלִיךְ. דֶער אָדוֹן הָאט גֶעוָואלְט עֶר זָאל דָארְטֶען בְּלַייבֶּען וָואהנֶען אוֹיף שְׁטֶענְדִיג. אוּנ אדמו"ר הָאט אוֹיךְ אַזוֹיא גֶעוָואלְט, נוּר דִי קִינְדֶער אוּנ דִי שְׁטָאדְט לַייט הָאבֶּען אִיהם נִיט גֶעלָאזֶען.

אִין חֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי פוּן יָאהר תר"כ זַיינֶען דִיא נַייעֶ הַייזֶער אִין שְׁטָאדְט פַארְטִיג גֶעוָוארֶען, הָאט עֶר אַרַייְנְגֶעצוֹיגֶען אִין שְׁטָאדְט וָואהנֶען, אָבֶּער קֵיין נַחַת הָאט עֶר שׁוֹין דָארְטֶען נִיט גֶעהַאט.

אין חדש כסלו פון יענעם יאהר איז ער שלאף געווארען אונ דאס האט זיך גע־צויגען מעהר ווי זעכס יאהר, ביז ער איז נסתלק געווארען. ער האט געגלויבט אז דאס איז איהם געקומען פון די נייע ענינים. נור מסתמא האט אזוי בעדארפט זיין.

אייניגע יאהר פאר זיין הסתלקות איז זיין ווייב געשטארבען. נאך איהר טויט האט ער זיך פון אלעמען אבגעזונדערט. ער האט ניט געוואלט דאס חסידים זאלען פאהרען צו איהם פרעגען עצות. נור אייניגע פון זיינע נאהנטע בעקאנטע האט ער אויפגענומען ביחידות. די איבריגע פלעגען זייער בקשה אריינשיקען דורך אצעטיל אונ ער האט געענטפערט דורכ'ן משרת זעהער קורץ. די חסידות וואס ער האט יענע צייטען געזאגט איז געוועזען שוועהר צו הערען אונ פארשטיין, ווייל ער איז גע־וועזען זעהער שלאף. פלעגט ער זאגען זעהער שטיל אונ קורץ.

נאכדעם האט זיך זיין מחלה געשטארקט, ער איז פאראליזירט געווארען. עס איז איהם געוועזען שוועהר אקעהר צו טהון מיט די האנד.

זיין שטייגער איז געוועזען, בעת ער האט געדאווענט צו קוקען אין סדור. ווי דער הייליגער בעש"ט שרייבט. אז מען דאווענט זאל מען קוקען אויף די הייליגע אותיות אין סדור אונ זיך כאהעפטען צו זייא. אז דער אדמו"ר האט ניט געקאנט מיט זיינע האנד איבערקעהרען די בלאטטער פון סדור, איז געשטאנען דער משרת בייא איהם אונ ער האט איבערגעקעהרט די בלאטער פון סדור.

אמאל האט דער אדמו"ר פארברענט צעטלעך אונ פדיונות, דער פייער איז אריין אין זיינע קליידער ביז דעם בארד, האט ער געגעבען אגעשריא איז אריינ־געלאפען החסיד רמ"ז פוזנער מיט וואסער אונ האט אבגעלאשען זיינע קליידער.

די מחלה האט געדויערט ביז דעם יאהר תרכ"ד י"ג ניסן. ער איז אין יענעם טאג נסתלק געווארען. אין דעם 77 יאהר פון זיין לעבען אונ 38 יאהר פון זיינע רבנות. אין דעם זעלביגען טאג איז בעהאלטען געווארען דער ארון הקדוש אין ליובאוויטש. אויף זיין קבר האט מען אויסגעבויט א אהל אונ דערבייא אבית המדרש פיל מענשען פאהרען אהין תפלה טהון צו השי"ת ער זאל זייא העלפען בזכות דעם הייליגען צדיק, אונ השי"ת העלפט זייא טאקע באמת.

אין אלע שטאדט וואו עס איז געהערט געווארין פון הסתלקות האדמו"ר, האבען פיל מענשען געוויינט אונ געקלאגט, געהאט אפארשטערטען פסח.

פון זיינע הייליגע כתבים אין נגלה אונ חסידות זענען שוין פיל געדרוקט געווארען, אונ פיל וועט מען דרוקען.

ער האט איבערגעלאזען זאהנע אונ אייניקליך. גרויסע הייליגע מענשען, וואס בעלייכטען דיא וועלט מיט זייערע מעשים טובים.

## פרק ח. האדמו"ר האט געבארען זיעבען זאהנע.

א) הרב הצדיק ר' ברוך שלום ז"ל. ב) אדמו"ר הרב ר' יהודא ליב ז"ל. ג) אדמו"ר הרב ר' חיים שניאור זלמן ז"ל. ד) אדמו"ר הרב ר' ישראל נח ז"ל. ה) האדמו"ר

אדמו״ר הָרַב ר׳ יוֹסֵף יִצְחָק ז״ל. ו) אדמו״ר הָרַב ר׳ שְׁמוּאֵל ז״ל. ז) הָרַב ר׳ יַעֲקֹב ז״ל. דֶער ר׳ יַעֲקֹב אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָארֶען אַיוּנְגֶער מַאן אִין דֶער שְׁטָאדְט טַאלַאצִין בְּעֵת האדמו״ר ר׳ מ״מ הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט. האדמו״ר ר׳ מ״מ הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזֶען נָאךְ זִיךְ אַנֵייניֶקֶעל. עֶר הָאט גֶעהֵייסֶען אדמו״ר הָרַב ר׳ שְׁלֹמֹה זַלְמָן ז״ל. דֶער זָאהן פוּן אדמו״ר הָרַב ר׳ יְהוּדָה לֵיבּ ז״ל. דֶער אדמו״ר ר׳ מ״מ הָאט דֶעם אֵיינִיקֶעל גֶערֶעכֶנְט ווי זַיין אֵייגֶען קִינְד. בַּאלְד נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן זַיין זֵיידֶען אוּנ פָאטֶער הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעפִּיהְרְט אַגְרוֹיסֶע טְהֵייל חֲסִידִים אוּנ הָאט בֶּעלֵייכְטֶעט דִי וֶועלְט, מִיט זַיין תּוֹרָה אוּנ חָכְמָה.

האדמו״ר ר׳ מ״מ זצ״ל הָאט גִיהַאט צְוֵויי טָאכְטֶער. זַיינֶע אֵיידִימְס זֶענֶען גִיוֶוען:

א) הָרַב הַגָּדוֹל ר׳ לֵוִי יִצְחָק ז״ל, אַ זָאהן פוּן הָרַב הַמְפוּרְסָם ר׳ יְקוּתִיאֵל זַלְמָן דֶער אֵיידֶעם פוּן מִיטֶעלֶן רַב. אוּנ אַנֵייניֶקֶעל פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ ר׳ לֵוִי יִצְחָק נ״ע פוּן בֶּערְדִיטְשׁוּב. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַגְרוֹיסֶער מֶענְשׁ. אַלַמְדָן אִין נִגְלֶה אוּנ אִין חֲסִידוּת. דֶערְצוּ אַגְרוֹיסֶער חָכָם. אַלַאנְגֶע צַייט אִיז עֶר גֶעוֶועז אַסוֹחֵר. לְסוֹף יָמָיו אִיז עֶר גֶעוָוארֶען אַרַב אִין ווִילִיז. עֶר אִיז דָארְטֶען גֶעוֶועז עֶטְלֶעכֶע יָאהר. נָאכְדֶעם אִיז עֶר קְרַאנְק גֶעוָוארֶען. אִיז עֶר גֶעפָאהרֶען אִין ווִיטֶעבְּסְק אוּנ דָארְטִין נִסְתַּלֵק גֶעוָוארִין.

ב) הָרַב הֶחָסִיד ר׳ שְׁנֵיאוּר ז״ל אַזָאהן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ ר׳ מְנַחֵם נָחוּם ז״ל אַזְאן פוּן מִיטֶעלֶן רַב. עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען אִין לְיוּבַּאווִיטְשׁ אוּנ דָארְטֶען אִיז עֶר נִסְתַּלֵק גִיוָוארִין.

פוּן אדמו״ר אִיז גֶעבְּלִיבֶּען כְּתָבִים זֶעהֶער פִיל. טוֹיזֶענְדֶער בּוֹגֶענְס אוֹיף נִגְלֶה. זֵיי הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין גֶעדְרוּקְט. פִיל שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אוֹיף אַלֶע פִיער חֲלָקִים פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אוֹיךְ אוֹיף מִשְׁנָיוֹת אוּנ גְּמָרָא מִיט פִיל חֲרִיפוּת אוּנ בְּקִיאוּת. אַז אַלֶע וָואס זֶעהֶען דָאס וֶוערֶען נִתְפַּעֵל פוּן זֵייא. דָאס אִיז דֶער „צֶמַח צֶדֶק״ (דִי גִימַטְרִיָא פוּן זַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען מְנַחֵם מֶענְדְל). זֶעכְס חֲלָקִים זֶענֶען שׁוֹין אָפְּגֶעדְרוּקְט. אוּנ אַיין זִיבְּטֶער חֵלֶק דְרוּקְט זִיךְ יֶעטְצְט. נוּר עֶס אִיז גֶעוֶועז פִיל מֶעהר. עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ הַשְׁלָמָה צוּם שֻׁלְחָן עָרוּךְ פוּן זַיין זֵיידֶען, דֶער אַלְטֶער רַב. וָואס פִיל כְּתָבִים זֶענֶען פַאבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען. אָבֶּער פוּן דֶער הַשְׁלָמָה זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען עֶר הָאט גֶעהַאט הַארִין קְלֶעמֶענֶעס אוֹיף דֶער הַשְׁלָמָה פוּן ש״ע מֶעהר ווִי אוֹיף אַלְיין.

אוֹיף חֲסִידוּת אִיז פוּן אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען נָאךְ פִיל מֶעהר, אוֹיף גַאנְץ תנ״ךְ. עֶר הָאט זֵייא גֶעטְהֵיילְט אוֹיף חֲלָקִים. סֵפֶר בְּרֵאשִׁית בֶּעזוּנְדֶער. סֵפֶר שְׁמוֹת. סֵפֶר וַיִּקְרָא. א. ז. וו. סֵפֶר יְשַׁעי׳. סֵפֶר ירמי׳. סֵפֶר יְחֶזְקֵאל א. ז. וו. אוֹיף יֶעדֶען נָבִיא פוּן גַאנְץ תנ״ךְ אַבֶּעזוּנְדֶערְן סֵפֶר. אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף פִיל מִדְרָשִׁים אוּנ אַגָּדוֹת חז״ל אוֹיךְ אִין חֲקִירָה אוּנ תְּכוּנָה הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבֶּען. עֶר הָאט אִין פִיל חָכְמוֹת גֶעהַאט אַ יְדִיעָה.

דִי כְּתָבִים פוּן חֲסִידוּת זֶענֶען נָאךְ וֶוענִיג גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארֶען, נוּר מִיר הָאפֶען אַז קִירְצְלִיךְ וֶועט גֶעדְרוּקְט וֶוערְן, יֶעטְצְט גְרֵייט מֶען צוּם דְרוּק פוּן זַיינֶע כְּתָבִים חֲסִידוּת אוֹיף פִיל פוּן דִי תרי״ג מִצְוֹת. דָאס הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבֶּען אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָאהרִין.

פיל

פִיל תַּלְמִידִים, גְרױסֶע לַייט, הָאט עֶר גְעהַאט, אױך דִי תַּלְמִידִים פוּן אַלְטֶען רַב אוּנ מִיטֶעלְן רַב זֶענֶען צוּ אִיהם גֶעוֶוען צוּגֶעבּוּנְדֶען.

# פרק ט.

פוּן זַיינֶע הַיילִיגֶע קִינְדֶער. יֶעדֶערֶער וֶוען עֶר אִיז גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען וָואס מִיט אִיהם הָאט פַּאסִירְט, וֶוען עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארֶען.

הָרַב הַצַדִיק הַקָדוֹשׁ ר' בָּרוּךְ שָׁלוֹם נ"ע. עֶר אִיז גֶעבָּארֶען אַ עֶרֶךְ אִין יָאהר תקס"ז, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַלַמְדָן אִין נִגְלֶה אוּנ אִין חֲסִידוּת, אַגְרױסֶער עָנָו אוּנ אַשָׁפָל בַּיי זִיךְ. קֵיין רַבָּנוּת הָאט עֶר נִיט גֶעוָואלְט. נָאר פַאר זִיךְ גֶעזֶעסֶען כל ימיו על התורה וַעֲבוֹדָה. נָאךְ דִיא הִסְתַּלְקוּת פוּן זַיין פָאטֶער, אִיז עֶר גֶעפָאהרֶען אַבִּיסֶעל אוֹיף דֶער מְדִינָה. וואוּ עֶר אִיז גֶעקוּמֶען הָאט עֶר אַ שֶׁאנֶעם קַבָּלַת פָּנִים.

אִין דֶער שְׁטָאדְט סְקוּלֵייעֶן (רוּסִישֶׁער גְרֶענֶעץ בַּייא רוּמֶענְיֶען) הָאט עֶר גֶעהַאט דִי טְרוֹיעֶרִיגֶע יְדִיעָה אַז זַיין בְּרוּדֶער אדמו"ר ר' יְהוּדָה לֵיב נ"ע אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארֶען. מֶען קָאן זִיךְ דֶערְקֶען אוּנ פָארְשְׁטֶעלֶען וִויא בִּיטֶער אִיהם אִיז גֶעוָוארֶען, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהֵייבֶּען מַכִין זַיין צוּם טַויטֶען וֶועג

ז' כִּסְלֵו תרכ"ז הָאט עֶר אַצַוָואָה גֶעשְׁרִיבֶּען עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען: ה' נתן וה' לקח, ד. ה. השי"ת הָאט גֶענֶעבֶּען אוּנ השי"ת הָאט צוּגֶענוּמֶען. כי לא ידע האדם את עתו. וִויא בַּאלְד דֶער מֶענְשׁ ווייסְט נִיט וֶוען זַיין צַייט אִיז, דֶערְפַאר והחי יתן אל לבו, דַארְף דֶער לֶעבֶּעדִיגֶער מֶענְשׁ בַּארֶעכֶענֶען זִיךְ תְּשׁוּבָה צוּ טְהוּן.

בַּאלְד נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעפָאהרֶען אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ. אִין חֹדֶשׁ אָב תרכ"ח אִיז אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ גֶעוֶוען אַגְרױסֶע שְׂרֵפָה. זַיין הױז אִיז פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען. אִיז עֶר אַרַיין אִין אַקְלֵיינֶע דִירָה, אוּנ הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען בּױעֶן אַנַייעֶ הױז. זַיין הױזְגֶעזִינְד הָאבֶּען גֶעדוּנְגֶען אַגְרָאסֶערֶע דִירָה. נוּר עֶר הָאט אַהִין צוּא זַייא נִיט גֶעוָואלְט גֶעהֶען, עֶר הָאט צוּא זַייא גֶעזָאגְט: וָואס אַרְט אַייךְ אַז אִיךְ לֶעבּ.

חֲנוּכָּה אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּא זַיין הױזְגֶעזִינְד בֶּענְטְשֶׁען "חֲנוּכָּה לִיכְט". וִויא עֶר אִיז אַהִין גֶעקוּמֶען אִיז עֶר קְרַאנְק גֶעוָוארֶען. גֶעלֶעגֶען קְרַאנְק זֶעכְס וָואכֶען דִי גְרֶעסְטֶע דָקְטוֹרִים הָאבֶּען אִיהם קוּרִירְט. זַיינֶע הַיילִיגֶע בְּרִידֶער הָאבֶּען פַאר אִיהם פִיל מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען. אָבֶּער עֶס הָאט קֵיין זַאךְ נִיט גֶעהָאלְפֶען ט"ז שְׁבַט תרכ"ט, אִיז עֶר נִישְׁטָארְבֶּן אִין אֶלְטֶער 62 יָאר, זַיין קֶבֶר אִיז נִיט ווייט פוּן דֶעם קֶבֶר וָואס זַיין הַיילִיגֶער פָאטֶער רוהט' אִין דֶעם אֵייגֶענֶעם אֹהֶל.

נָאךְ זַיין הִסְתַּלְקוּת הָאט מֶען גִיפוּנֶען זַיין צַוָואָה. זַיינֶע בְּרִידֶער הָאבֶּען אִיהר גֶעלֵייעֶנְט זֶענֶען זַייא נִתְפַּעֵל גֶעוָוארֶען פוּן זַיין קְלוּגֶען שְׁרַייבֶּען, מֶען זָאגְט אַז פוּן אִיהם זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען כְּתָבִים זֶעהֶער טִיעפֶע דְרוּשִׁים אִין חֲסִידוּת.

צְווייא זָאהנֶע רַבָּנִים הָאט עֶר נָאכְגֶעלָאזֶען.

א) הָרַב הַגָּדוֹל ר' לֵוִי יִצְחָק ז"ל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַגֶעהֵייבֶּענֶער מַאן אִין אַלִין פְרִיהֶר אִיז עֶר גֶעוֶוען רַב אִין פָּאדָאבְּרַאנְקֶע (מאהילעווער גובר') נָאכְדֶעם אִין בייעשינקוויין

בֵּייעֶשִׁינְקָוִויין (וויטעבסקער גוב׳), נוּר בַּאלְד ווִיא עֶר אִיז אַהִין גֶעקוּמֶען אִיז עֶר שְׁטַארְק קְרַאנְק גֶעוָוארֶען. אוּנ אִיז גֶעפָאהְרֶען אִין קִיוֹב זִיךְ הֵיילֶען. אִין קִיוֹב אִיז עֶר נִסְתַּלֵק גֶעוָוארֶען אִין יָאהר תרל״ח. עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִיער אוּנ פֶערְצִיג יָאהר.

ב) הָרַב הַגָּדוֹל ר׳ מָרְדְּכַי. הַשי״ת זָאל אִיהם דֶערְלֶאנְגֶערְן זַיינֶע יָאהְרֶען.

# פרק י.

אדמו״ר הָרַב ר׳ יְהוּדָא לֵיב נ״ע. עֶר אִיז גֶעבָּארֶען אַנ׳עֶרְךְ אִין יָאהר תקע״א. דֶער אַלְטֶער רַב אִיז גֶעוֶועזֶען בַּיי אִיהם סַנְדֵק. ווִי זַיין פָאטֶער הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען מִיט אִיהם לֶערְנֶען, הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶועזֶען, זַיין גַאנְצֶער לוּסְט אִיז גֶעוֶוען נוּר צוּ לֶערְנֶען אוּנ דַאוְונֶען מִיט גְרוֹ״ס חֵשֶׁק. עֶר הָאט זִיךְ זֶעהְר פַארְטִיפְט אִין נִגְלֶה אוּנ אִין חֲסִידוּת. זַיין נָאמֶען הָאט גֶעקְלוּנְגֶען פוּן דֶער יוּגֶענְד אָן.

אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָאהְרֶען אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעגַאנְגֶען הֶערֶען חֲסִידוּת. פוּן זַיין זֵיידֶען דֶעם מִיטֶעלְן רַב. עֶר הָאט זִיךְ זֶעהְר שְׁטַארְק צוּגֶעבּוּנְדֶען צוּם זֵיידֶען. אוּנ דֶער זֵיידֶע הָאט אִיהם אוֹיךְ לִיבּ גֶעהַאט. אַז עֶס פְלֶעגְט אַמָאל טְרֶעפֶען דָאס עֶר פְלֶעגְט זִיךְ פַארְזַאמֶען. הָאט דֶער זֵיידֶע גֶעוַוארְט נִיט גֶעזָאגְט דִי חֲסִידוּת בִּיז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען. עֶר פְלֶעגְט אִיהם שְׁטֶעלֶען גֶעגֶען זִיךְ, אוּנ הָאט גֶעזָאגְט עֶס וֶועט קוּמֶען זַיין צַייט וֶועט חֲסִידוּת זֶעהְר לֵייכְטֶען. דִיא מַעֲשֶׂה אִיז טַאקֶע אַזוֹיא גֶעוֶוען. נוּר נִיט לַאנְג הָאט דָאס גֶעדוֹיעֶרְט.

הָרַב הֶחָסִיד ר׳ שְׁלֹמֹה פְּרֵיידֶעס פוּן שְׁקְלָאוו וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים בַּייא דֶעם אַלְטֶען רַב, הָאט אִיהם גֶענוּמֶען פַאר אַנ׳אֵיידֶעם. גְרָן הָאט מֶען בַּייא אִיהם נִיט גֶענוּמֶען נוּר ווִי ר׳ שְׁלֹמֹה הָאט פִיל חֲסִידוּת גֶעהֶערְט פוּן אַלְטֶען רַב אוּנ הָאט אַלֶץ פַארְשְׁרִיבֶּען, הָאט מֶען בַּיי אִיהם גֶענוּמֶען דִי כְּתָבִים בְּתוֹרַת נְדָן, אוּנ זַיין פָאטֶער הָאט אִיהם צוּ זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף קֶעסְט. אוּנ עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה.

בְּעֵת עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען אַנ׳עֶרֶךְ זִיבְּצֶעהן יָאהר. אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארֶען זַיין זֵיידֶע, דֶער מִיטֶעלֶער רַב. אוּנ אַמְמַלֵא מְקוֹמוֹ אִיז גֶעוָוארֶען זַיין פָאטֶער האדמו״ר בַּעַל צֶמַח צֶדֶק ז״ל.

בִּיז זַייא זֶענֶען גֶעפָאהְרֶען אִין פֶּטֶערְבּוּרְג אִיז עֶר צוּם פָאטֶער נִיט גֶעוֶוען שְׁטַארְק צוּגֶעבּוּנְדֶען, נוּר דָארְטֶען הָאט עֶר גֶעזֶעהֶען דִי גַדְלוּת פוּן פָאטֶער, הָאט עֶר זִיךְ צוּ אִיהם צוּגֶעבּוּנְדֶען זֶעהְר שְׁטַארְק, אַז זַיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען פוּן פֶּטֶערְבּוּרְג אַהֵיים, הָאט דֶער פָאטֶער גֶעזָאגְט: אִין פֶּטֶערְבּוּרְג הָאבּ אִיךְ בֶּעקוּמֶען אַנַייעֶם חָסִיד. דָאס אִיז מַיין זָאהן רַבִּי לֵיב (עֶר פְלֶעגְט אִיהם רוּפִין רַבִּי לֵיב) אוּנ עֶר הָאט אִיהם גֶעבֶּעטֶען חַזְרֶן דִי חֲסִידוּת פַאר חֲסִידִים, אוּנ גֶעבֶּען מִצְוֹת אִין רוּחְנִיּוֹת אוּנ אִין גַּשְׁמִיּוּת, כְּדֵי אִיהם גְרִינְגֶער צוּ מַאכֶען, דֶער פָאטֶער הָאט אוֹיף אִיהם גֶעזָאגְט:

ער

עֶר אִיז אנאה דורש ונאה מקיים . ד. ה. עֶר דַרְשְׁת גוּט אוּנ אִיז מְקַיֵים גוּט , עֶר טְהוּט יֶעדֶער זַאךְ וִויא מֶען דַארְף .

זַיין הֵיידֶען חֲסִידוּת אִיז גֶעוֶוען זֶעהֶער וואוּנְדֶערְלִיךְ מִיט גְרוֹיס פֶערְשְׁטַאנְד . מִיט אַפְּלַאקֶערְדִיגֶען פָּנִים אוּנ מִיט אַרַעַשׁ גָדוֹל פְּלֶעגְט עֶר זָאגֶען פַאר אַגְרוֹיסֶען קָהָל . פוּן דֶער וֶועלְט אִיז עֶר אִין גַאנְצֶען גֶעוֶוען אָפְּגֶעשַׁיידְט . וֶוער עֶס הָאט אִיהם גֶעזֶעהֶען הָאט אִיהם גֶעשֶׁעטְצְט פַאר אַהֵיילִיגֶען מַאן .

אִין דִי לֶעטְצְטֶע יָאהרֶען פוּן זַיין פָּאטֶער , אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שְׁלַאף אוּנ עֶר הָאט נִיט גֶעקָאנְט אוֹיפְנֶעהמֶען אוֹיף יְחִידוּת צוּפִיל מֶענְשֶׁען . הָאבֶען חֲסִידִים גֶעבֶּעטֶען דֶעם פָאטֶער עֶר זָאל אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע קִינְדֶער שִׁיקֶען אוֹיף דֶער מְדִינָה . הָאט עֶר אִיהם גֶעשִׁיקְט . עֶר אִיז גֶעפָאהרֶען אִין מַאלֶע רוּסְיָא . עֶר הָאט פַאר־שְׁטוּרְמְט דִי וֶועלְט מִיט זַיין פַייֶערְדִיגֶען זָאגֶען חֲסִידוּת אוּנ מִיט זַיינֶע מִצְוֹת . וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶערֶעדְט פוּן זַיין הֵיילִיגֶען מוֹיל , אַזוֹיא אִיז גֶעוֶוען . פִיל מֶענְטְשֶׁען זַיינֶען גֶעהָאלְפֶען גֶעוָוארֶען דוּרְךְ זַיין עֵצָה . בְּרָכָה אוּנ תְּפִלָּה . פִיל עקרות זֶענֶען נִפְקָד גֶעוָוארֶען .

פָאהרֶענְדִיג אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין הַאדִיץ אוֹיף דֶעם אַלְטֶען רַבְּ'ס קֶבֶר , עֶר הָאט דָארְטֶען שְׁטַארְק תְּפִלָּה גֶעטְהוּן פַאר דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל וָואס דוּרְךְ דַאגַת פַּרְנָסָה קָאנֶען זֵייא נִיט עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה אוּנ עֲבוֹדָה וִויא אַ יוּד דַארְף טְהוּן . עֶר הָאט דֶעם אַלְטֶען זֵיידֶען גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל זַיין אַמְלִיץ יוֹשֶׁר בַּייא השי"ת דָאס עֶר זָאל יֶעדֶערְן גֶעבֶען וָואס עֶר דַארְף , אַלֶע חשוכי בנים זָאלֶען הָאבֶען קִינְדֶער אוּנ זֵייא מְגַדֵל זַיין לְתוֹרָה א. ז. וו.

פַאר זִיךְ הָאט עֶר מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז השי"ת זָאל אִיהם עֶרְלַייכְטֶען זַיינֶע אוֹיגֶען אִין דֶער תּוֹרָה . וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֶלְטֶערְן . זַיין הַארְץ זָאל רֵיין זַיין אִין עֲבוֹדָה אוּנ תְּפִלָּה . אוּנ השי"ת זָאל אִיהם מַאֲרִיךְ יָמִים זַיין . דִיא הַארְץ הָאט אִיהם גֶעזָאגְט אַז עֶר דַארְף אִין גִיכֶען זִיךְ גֶעזֶעגְנֶען מִיט דֶער וֶועלְט . אוֹיף דֶעם אַנְדֶערְן יָאהר אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז עֶר נִסְתַּלֵק גֶעוָוארֶען .

פַאר פֶּסַח אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין קְרֶעמֶענְצוּג הָאט עֶר בַּאלְד עֶרְהַאלְטֶען דִי טְרוֹיעֶרִיגֶע דֶעפֶּעשֶׁע אַז זַיין פָאטֶער אִיז נִסְתַּלֵק גֶיוָוארֶען . אִיז עֶר גֶעוֶוען גֶעצְוואוּנְגֶען צוּ פָאהרֶען אַהֵיים .

אִין יֶעדֶער שְׁטָאדְט הָאבֶען אִיהם דִי גְרוֹיסֶע חֲסִידִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי רֶעכֶנֶען דָאס עֶר זָאל מְמַלֵא זַיין דֶעם פָאטֶערְס אָרְט . עֶר הָאט אָבֶּער נִיט גֶעוָואלְט . נוּר חַזָר'ן חֲסִידוּת וִוי פְרִיהֶר אוּנ דִי רַבָּנוֹת זָאל זִיךְ רוּפִין אוֹיף דֶעם פָאטֶערְס נָאמֶען .

דֶערְוַוייל הָאבֶען שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשִׁין גֶעמַאכְט אַ מַחֲלוֹקָה צְוִוישֶׁען אִיהם מִיט זַיינֶע בְּרִידֶער . דִי פַארְדָארְבֶּענֶע לַייט הָאבִּין אוֹיף אִיהם אָנְגֶערֶעדְט פִיל שְׁלֶעכְטֶעס . עֶר הָאט גֶעוָואלְט וַוייזֶען פַאר זַיינֶע בְּרִידֶער זַיין אוּנְשׁוּלְד . אוּנ הֲגַם עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער אֶלְטֶערֶער , דָאךְ הָאט עֶר מוֹחֵל גֶעוֶוען אוֹיף זַיין כָּבוֹד אוּנ עֶר אִיז גֶענַאנְגֶען צוּ זֵייא בֶּעטֶען עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם , עֶס הָאט אָבֶּער גִיט גֶעהָאלְפֶען ,

איז

איז געבליבען אז דער ווייל זאל ער ארויספארען אין קאפוסט, (מאהילעווער גוב׳).

ער איז אהין געקומען אויף פרשה עקב. באלד האבען פיל חסידים אנגע־פאנגען פאהרען צו איהם, ער האט געזאגט חסידות זעהער פיל שארף און מיט גרויס התלהבות. אנאגין חודש אלול און תשרי האט ער געזאגט חסידות מיט אזא געשרייא, אז אלע צו הערער זענען געוועזען ערשראקען און געווארען בעלי תשובות.

ווען דאס וואלט אלאנגע צייט געדויערט, וואלטען אידען געהאט אנאנדער פנים אין רוחניות און אין גשמיות, נור באלד נאך סוכות איז ער שלאף און קראנק געווארען, אכט טאג איז ער גילעגען אויף זיין שטערבע בעט, פיעל דקטורים האבין איהם קורירט. נאכדעם האבען זייא איהם געמאכט אגאפעראציע, ער מיט זיינע קינדער האבען זעהער ניט געוואלט, נור מעשה שטן האבען דיא דקטורים אויסגעפיהרט.

באלד נאך דער אפעראציע איז איהם צוגעפאלען דיא קאלטע בראנד. אלע מיטלען האבען ניט געהאלפען.

דאנערשטאג ב׳ חשון האט מען געזעהען אז דיא גרויסע ליכט ועט באלד אויסברענגען נאך פיל גיכער וויא מען האט גערעכענט.

אוואונדערליכע זאך איז געווען צו זעהען אמענטש געזעגענד זיך מיט דער וועלט און ער איז גאר וויא געווען. דינסטאג האט ער געבעטען זיינע חסידים זייא זאלען צוזאמענקומען הערען חסידות פון איהם. דיא דקטורים האבען אפילו ניט ערלויבט. אבער ער האט זייא ניט געפאלגט, ער האט געזאגט אז דאס איז זיין חיות און זיין בעסטע רפואה, ער האט דענסטמאל געזאגט אדרוש אויף דעם פסוק יקוו המים.

דאנערסטיגען טאג האט ער ניט אויפגעהערט צו זאגען חסידות, ער האט אלין גערעדט וועגען אמת און אמונה, דיא נאכט וואס געהערט צו פרייטאג ג׳ חשון האט ער געלייענט קריאת שמע מיט אהויכען קול, מיט דעם ניגון פון אלטין רב. און מיט גרויס דביקות, געקנאקט מיט דיא פינגער אקוראט ווי געזונדערהייט. דיא גאנצע נאכט האט ער געזאגט פסוקים, אהאלבע שעה פאר זיין הסתלקות האט ער געזאגט דעם פסוק אחת שאלתי מאת ה׳ שבתי בבית ה׳ וגו׳. מעהר האט מען פון איהם קיינע קלאהרע ווארטער געהערט. הגם ער האט נאך גערעדט און גערעדט. אערך האלב דרייא נאך האלבע נאכט איז ער נסתלק געווארען צו זעכס און פופציג יאהר אלט.

אלע האבען נאך איהם געוויינט און געקלאגט, פרייטאג האט מען איהם מקבר געוועען.

צו דער לויה זענען פיל חסידים געקומען, וויא מען האט איהם אין קבר אריינגעלייגט, האבען זיינע דרייא זאהנע אגרויס געשרייא געגעבען: פאטער פאטער! מיט וועמען האסט דוא אונז איבערגעלאזין!!! אגרויס געוויין איז פון אלעמען, געהערט געווארען.

אטרייסט

אַטְרַייסְט הָאט עֶר אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזֶען, זַיינֶע דְרַייא זָאהנֶע. וָואס זֵיי הָאבִּין אוֹיךְ גֶעלַייכְט אוֹיף דֶער וָועלְט׳

## פרק יא.

אדמו"ר הַרַב ר׳ חַיִים שְׁנֵיאוּר זַלְמַן, גֶעבָּארֶען תקע"ד. אַיְאָהר נָאךְ דִיא הִסְתַּלְקוּת פוּן אַלְטֶען רַב (אַנָאמֶען נָאךְ אִיהם).

בְּעֵת עֶר אִיז נָאךְ יוּנְג גֶעוֶועֶן, הָאבֶּען שׁוֹין אַלֶע עֶרְקָאנְט אַז עֶר וֶועט זַיין אַגְרוֹיסֶע לִיכְט פַאר אִידֶען, עֶר הָאט זִיךְ נִיט בֶּעקִימֶערְט מִיט קַיין זַאךְ פוּן דֶער וָועלְט. נוּר מִיט דִיא הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר הָאט פִיל גֶעלֶערְנְט אוּנ גֶעדַאוֶועְנְט׳ וָואס עֶר אִיז עֶלְטֶער גֶעוָוארֶען הָאט מֶען מֶעהר ווּאוּנְדֶערְלִיכְקַייט גֶעזֶעהֶען פוּן זַיין עֲבוֹדָה, מִיט גְרוֹיס שְׁטוּרֶם הָאט עֶר גֶעדַאוֶועְנְט, דִיא וָואס הָאבֶּען גֶעהֶערְט זֶענֶען פַארְצִיטֶערְט גֶעוָוארֶען. פִיל מָאל אִיז עֶר אִין שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אַרוּמְגֶענַאנְגֶען הִין אוּנ צוּרִיק גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען גֶעטַאנְצְט אוּנ זַיין פָּנִים הָאט גֶעפְלַאמְט גָאר נִיט מֶענְשְׁלִיךְ.

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן זַיין פָאטֶער אִיז עֶר "רַבִּי" גֶעוָוארֶען אוּנ עֶר אִיז הֶעכֶער אוּנ הֶעכֶער גַאנְגֶען הוֹיךְ גֶעשְׁטִיגֶען.

זַיין הֵיילִיגֶער פָאטֶער פְלֶעגְט אִיהם רוּפֶען מִיט דֶעם נָאמֶען מוֹרֵינוּ, "מַיין בֶּבִי זַלְמַן" עֶר פְלֶעגְט טְהוּן דֶעם פָאטֶערְס רָצוֹן הֶערֶן חֲסִידוּת פַאר דִיא חֲסִידִים אוּנ עֶנְטְפֶערְן דִיא וָואס הָאבֶּען אִיהם גֶעפְרֶעגְט עֵצוֹת אִין רוּחְנִיוּת אוּנ גַשְׁמִיּוּת, עֶר אִיז גֶעוֶועֶן אַגְרוֹיסֶער חָכָם אוּנ אַמַזָּג טוֹב, דֶער אֶמֶת׳ר מְקוֹם הַחֶסֶד.

אַמָאל בְּחַיֵּי זַיין הֵיילִיגֶער פָאטֶער אִיז עֶר גֶעפָארֶען אִין קַארְלְסְבַּאד, וואוּ עֶר אִיז גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גִיהַאט פִיל כָּבוֹד. אוּנ עֶר הָאט גִיזָאגְט פִיל חֲסִידוּת, גִיגֶעבֶּען עֵצוֹת, אַלֶע זֶענֶען פוּן אִיהם גֶעוֶוען הָאכְבְּט צוּפְרִידֶען, אִין דַייטְשְׁלַאנְד זֶענֶען צוּא אִיהם גֶעקוּמֶען פִיל דַייטְשֶׁע אִידֶען הֶערֶען תּוֹרָה אוּנ פַארְבְּרַאכְט מִיט אִיהם אִין וָועלְט עִנְיָנִים זֵיי הָאבֶּען גֶעהַאט גְרוֹיס הִתְפַּעֲלוּת פוּן זַיין שְׁטַארְקֶע חָכְמָה אוּנ זַיין גוּטֶען נַאטוּר.

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן זַיין פָאטֶער, אִיז עֶר אֵיינִיגֶע יָאהר גֶעזֶעסֶען אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ. בִּיז דֶעם יָאהר תרכ"ט, נָאכְדֶעם אִיז עֶר אַרַיינְגֶעפָאהרֶען אִין לַאדִי, וָואס אַמָאל אִיז דֶער אַלְטֶער רַב דָארְטֶען גֶעזֶעסֶען, דִי אַלְטֶע קְדוּשָּׁה הָאט דָארְטֶען פוּן דָאס נַייא אָנְגֶעפַאנְגֶען שַׁיינֶען, עֶר הָאט גֶעזָאגְט (על פי דרך הצחות) ודור רביעי ישובו הנה. דָאס הֵייסְט: דֶער פִירְטֶער דוֹר הָאט זִיךְ וִוידֶערְגֶעקֶעהרְט אוֹיף דֶעם פָארִיגֶען אָרְט (עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער פִירְטֶער דוֹר פוּן אַלְטֶען רַב).

בְּעֵת עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ. זֶענֶען צוּ אִיהם פִיל חֲסִידִים גֶעפָאהרִין נוּר אִין לַאדִי אִיז מֶען צוּ אִיהם נָאךְ פִיל מֶעהר גֶעפָאהרֶען, תָּמִיד זֶענֶען דָארְטֶען פִיל אוֹרְחִים גֶעקוּמֶען הֶערֶען זַיינֶע תּוֹרָה. אוּנ פְרֶעגֶען עֵצוֹת אִין רוּחְנִיוּת אוּנ אִין גַשְׁמִיּוּת. מִיט אַפְרַיינְדְלִיכֶען פָּנִים פְלֶעגְט עֶר צוּנֶעהמֶען דִי אוֹרְחִים אוּנ זִיךְ שְׁטַארְק אִינְטֶערֶעסִירֶען אִין זֵייעֶרֶע עִנְיָנִים. יֶעדֶען גֶעפִיהרְט אִין אַגְלַייכֶע וֶועג. דִי שְׁוֶוערְסְטֶע

זאך

זאך איז פאר איהם ניט שווער געוועזען, נור יענער זאל דערפון האבען אטובה. דורך זיין תפלה אונ עצות זענען פיל מענשען געווארען גליקליך איבער גליקליך.

אויף יום טוב אונ בפרט אין חדש תשרי זענען זעהער פיל מענשען צוזאַמענגעקומען אין לאדי. קיינער האט ניט געזאגט דאס איהם איז ענג, וויל יעדער אורח האט אויף זיך גאר פארגעסין, ער איז געוועזען מלא שמחה קוקענדיג אויף איהם אונ הערענדיג זיינע קלוגע גוטע רייד. אין לאדי איז ער געוועזען ביז שנת תר"ם, (עלף יאהר צייט) אין יענעם יאהר שבת פרשה ויצא האט ער געזאגט חסידות אויף דעם פסוק ושבתי בשלום אל בית אבי, דאס הייסט איך וועל זיך אומקעהרען מיט פרידען צו מיין פאטערס הויז, דאס איז געוועזען וויא אפּאָוועסטקע אויף זיין הסתלקות, דען מוצאי שבת איז ער קראנק געווארען, געלעגען פיהר וואכען, די גרעסטע דקטורים פון רוסלאנד אונ אויסלאנד האבין איהם קורירט. זיין ברודער אדמו"ר הרב ר' שמואל ז"ל פון ליובאוויטש איז געפאהרען צו איהם, אונ ער האט שטארק מתפלל געוועזען פאר איהם, אונ רבי שמואלס קינדער זענען אויך געקומען צוזא איהם, קראנקערהייט האט ער פאר זייא געזאגט חסידות אויף דעם פסוק כרע שכב כארי וכלביא מי יקימנו, דאס הייסט: ער האט זיך געקניט אונ געלעגט ווער קאן איהם אויפהייבען. דאס איז אויך געוועזען אזוי גוט וויא אפּאָוועסטקע אויף זיין פטירה. עס האט קיין זאך ניט געהאלפען, די נאכט וואס געהערט צו פרייטאג ד' טבת איז ער נסתלק געווארען אין אלטער פון 66 יאהר.

אוואונדערליכע זאך האבען מיר געזעהען ביי איהם: ער איז געבארען אין דעם יאהר נאך דיא הסתלקות פון אלטען רב, ער האט איבערגענומען זיין נאמען, אויך זיין ארט אין לאדי. עלף יאהר איז ער דארטען געוועזען, ווי דער אלטער רב געלעבט אזויא לאנג אונ געשטארבען אין דעם זעלביגען חדש ווי דער אלטער רב.

פיל מענשען האבען נאך איהם געקלאגט אונ געוויינט, אטרייסט האבען זיי געהאט, וואס זיין תורה איז געבליבען פארשריבען אונ זיין זאהן איז ממלא מקומו אין לאדי, אויך אנ'איידעם וואס פיל חסידים פאהרען צו איהם.

אויף זיין קבר האט מען געבויט א אהל מיט אבית המדרש מען איז דארטען מתפלל צו השי"ת.

## פרק יב.

אדמו"ר הרב ר' ישראל נח נ"ע, ער איז געבארען בערך תקע"ו. איהם האבין אלע געהאלטין פאר מעהר גאון אין נגלה פון אלע זיינע ברידער, ער איז קלאהר געוועזען ש"ס, פוסקים. שאלות ותשובות דערצו אגרויסער חריף. זיין פאטער האט איהם איבערגעגעבען דעם עסק וואס געהערט צו נגלה: סמיכה געבען דיא רבנים. קבלה־די שוחטים. פיל פון דיא שו"ת, פון נאהנטע אונ ווייטע גאונים. ער פלעגט זייא ענטפערן באריכות. נאכדעם פלעגט ער זיין תשובה איבערגעבען זיין פאטער ער זאל זעהען אונ זאגען זיין מיינונג.

נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ פַארְטִיפְט אִין קַבָּלָה אוּנ חֲסִידוּת, עֶר הָאט אִין דֶעם לִמּוּד מְחַדֵּשׁ גֶעוֶועֶן פִיל טִיעפֶע עִנְיָנִים.

אִין דִיא לֶעטְצְטֶע יָאהרֶען פוּן זַיין פָאטֶער הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען חֲזָרְן חֲסִידוּת פַאר חֲסִידִים אוּנ עֶנְטְפֶערְן דִיא וָואס הָאבֶען גֶעפְרֶאגְט אַג׳עֵצָה.

עֶר אִיז גֶעוֶועֶן אַגְרוֹיסֶער עָנָיו. אַמֶזֶג טוֹב אוּנ אַ בַּעַל בֶּכִי, אִין זַיין תְּפִלָּה פְלֶעגְט עֶר שְׁטַארְק וֵויינֶען, אוּנ הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִיט אַפַארְבִּיטֶערְטֶע הַארְץ.

אדמו"ר הָרַב ר׳ שְׁלֹמֹה זַלְמָן ז"ל פוּן קָאפּוּסְט הָאט גֶעזָאגְט: אַז זַיין פָאטֶער אדמו"ר ר׳ יְהוּדָא לֵיבּ ז"ל הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִיט גְרוֹיס תַּעֲנוּג פוּן אֱלֹקוּת, אוּנ זַיין פֶעטֶער אדמו"ר ר׳ חַיִּים שְׁנֵיאוּר זַלְמָן ז"ל הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִיט גְרוֹיס אַהֲבָה צוּא אֱלֹקוּת אוּנ זַיין פֶעטֶער אדמו"ר ר׳ יִשְׂרָאֵל נֹחַ ז"ל הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִיט גְרוֹיס מְרִירוּת, אוּנ זֵייעֶר הֵיילִיגֶער פָאטֶער אדמו"ר בַּעַל צֶמַח צֶדֶק ז"ל אִין אִיהם הָאט זִיךְ אַלֶץ גֶעפוּנֶען. עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִיט תַּעֲנוּג, אַהֲבָה, אוּנ מְרִירוּת. אַךְ, וִויא נוּט דַאמָאלְסְט אִיז גֶעוֶועֶן זֵייא צוּ זֶעהֶען דַאוֶונֶענְדִיג עֶס הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט זֶעהֶער דַאוֶונֶען.

נָאךְ דֶער פְּטִירָה פוּן זַיין הֵיילִיגֶען פָאטֶער אִיז עֶר אַיינִיגֶע יָאהר גֶעזֶעסֶען אִין לִיוּבַאוִויטְשׁ. עֶס אִיז אִיהם נָאכְדֶעם עֶנְג גֶעוָוארֶען אִין הוֹצָאוֹת אִיז עֶר אַרוֹיס גֶעפָאהְרֶען אוֹיף דֶער מְדִינָה. ווּאוּ עֶר אִיז גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גְרוֹיס כָּבוֹד גֶעהַאט. וִויא עֶס פַּאסְט פַאר אַזַא גְרוֹסֶען מַאן, עֶר הָאט פִיל חֲסִידוּת גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס שֵׂכֶל, פִיל עֵצוֹת אִין אַלֶץ גֶעעֶנְטְפֶערְט. אַלֶע זֶענֶען פוּן אִיהם צוּפְרִידֶען גֶעוֶועֶן. זֵייא הָאבֶען אִיהם מִיט זֵייעֶר גַאנְצֶען הַארְצֶען גֶעהָאלְפֶען מִיט גֶעלְט וִויא וַוייט זֵייא הָאבֶען גֶעקָאנְט. דִיא מַאלֶע רוּסְיָאר חֲסִידִים הָאבֶען אִיהם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל קוֹבֵעַ זַיין אַנְג׳אָרְט אִין זֵייעֶר גֶעגֶענְד, זֵייא זֶענֶען אִיהם מְקַבֵּל פַאר אַ רַבִּי עֶר הָאט אַזוֹיא גֶעטְהוּן קוֹבֵעַ גֶעוֶועֶן זַיין דִירָה אִין נִיעזֶען (טְשֶׁערְנִיגָאוְוער גוּב׳) וָואס דָארְטֶען אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארֶען זַיין זֵיידֶע, דֶער מִיטֶעלֶער רַב.

פוּן דֶעם גַאנְצֶען גֶעגֶענְד זַיינֶען פִיל חֲסִידִים גֶעפָאהְרֶען צוּ אִיהם הֶערֶען זַיינֶע תּוֹרָה, אוּנ פְרֶאגֶען עֵצוֹת. מִיט אַפְרֶאהלִיכֶען פָּנִים הָאט עֶר יֶעדֶען מֶענְשֶׁען אוֹיף גֶענוּמֶען. זִיךְ אַריינְגֶעטְהוּן אִין יֶענֶעמְס עִנְיָן, גֶעעֶנְטְפֶערְט יֶעדֶערְן זֶעהֶער גְלַייךְ אוּנ גוּט, אַלֶע אוֹרְחִים זַיינֶע זֶענֶען זֶעהֶער צוּפְרִידֶען גֶעוֶועֶן פוּן אִיהם.

אַ עֶרֶךְ פוּנְפְצֶעהן יָאהר אִיז עֶר דָארְטֶען גֶעוֶועֶן. אִין תרמ"ג דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג חוֹל הַמּוֹעֵד פֶּסַח אִיז עֶר נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארֶען אוּנ זַיין קֶבֶר אִיז בַּייא דֶעם קֶבֶר פוּן זַיין זֵיידֶען דֶעם מִיטֶעלֶען רַב נ"ע.

פִיל מֶענְשֶׁען הָאבִּין נָאךְ אִיהם שְׁטַארְק גֶעקְלָאגְט אוּנ גֶעוַויינְט. דֶער אוּנְגְלִיק אִיז גֶעוֶועֶן זֶעהֶער גְרוֹיס. וַוייל אַלֶע חֲסִידִים הָאבֶען גֶעוואוּסְט דָאס עֶר אִיז גֶעוֶועֶן אַגְרוֹיסֶער גָאוֹן, אַצַדִּיק, אַגוּט הַארְץ. לִיבּ גֶעהַאט יֶעדֶען מֶענְשֶׁען צוּפְרִידֶען צוּ שְׁטֶעלֶען, דֶערְצוּ אִיז עֶר גֶעוֶועֶן דֶער לֶעטְצְטֶער זָאהן פוּן בַּעַל צֶמַח צֶדֶק ז"ל, יֶענֶע אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען אִין אַיינִיגֶע יָאהר צַייט גֶעשְׁטָארְבֶען פַאר אִיהם.

נָאךְ זַיינֶע הִסְתַּלְּקוּת הָאבֶען דִיא חֲסִידִים פוּן יֶענֶעם גֶעגֶענְד גֶעבֶּעטֶען זַיין
אֵיידֶעם

אַיידֶעם אדמו״ר הַרַב ר׳ שמרי׳ נֹחַ שֶׁיִחְיֶה עֶר זָאל קוּמֶען אִין נִיעזֶען מְמַלֵּא מָקוֹם זַיין. עֶס הָאט גֶעהַאלְטֶען נָאר נָאהְנְט, עֶר הָאט גֶעוָאלְט פָאהרֶען, נוּר דִיא חֲסִידִים פוּן בַּאבְּרוּיסְק הָאבֶּען אִיהם נִיט אַרוֹיסְגֶעלָאזֶען, אוּנ נָאךְ אִיבֶּער אַנְדֶערֶע מְנִיעוֹת הָאט עֶר נִיט גֶעקָאנְט פַארְלָאזֶען בַּאבְּרוּיסְק. מִסְתָּמָא הָאט אַזוֹיא בֶּעדַארְפְט זַיין.

אִין נִיעזֶען הָאט קוֹבֵעַ דִירָה גֶעוֶוען, זַיין זָאהן הַרַב ר׳ שְׁנֵיאוֹר דוֹבֶּער ז״ל. עֶר הָאט גֶעזָאגְט חֲסִידוּת פַאר דִי שְׁטָאטְלַייט. נוּר קֵיין רַבָּנוּת הָאט עֶר נִיט גֶעפִירְט.

נָאךְ זָאהנֶע הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעלָאזֶען זַייא זֶענֶען גְרוֹיסֶע סוֹחֲרִים.

כְּתָבִים אִיז פוּן אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען, שַׁאֲלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אִין נִגְלֶה. אוֹיךְ אִין חֲסִידוּת. קִירְצְלִיךְ וֶועט מֶען זַייא דְרוּקֶען.

# פרק יג.

אדמו״ר הַרַב ר׳ יוֹסֵף יִצְחָק נ״ע. עֶר אִיז גֶעבָּארִין אַנְ׳עֶרְךְ אִין יָאהר תקע״ם. עֶר הָאט פִיל גֶעלֶערְנְט נִגְלֶה אוּנ חֲסִידוּת.

זַיין שְׁוֶוער אִיז גֶעוֶוען הַרַב הַקָּדוֹשׁ ר׳ יַעֲקֹב יִשְׂרָאֵל ז״ל פוּן טְשֶׁערְקַאס, דֶעם מִיטֶעלֶען רַבִּ׳ס אַנְ׳אֵיידֶעם. (אַשְׁוָואגֶער פוּן אדמו״ר בַּעַל צֶמַח צֶדֶק).

נָאךְ זַיין חֲתוּנָה הָאט עֶר בַּיי זַיין שְׁוֶוער אִין שְׁטוּב פִיל גֶעלֶערְנְט אוּנ גֶעדַאוֶוענְט. אִין בֶּעשְׁטִימְטֶע צַייטֶען פְלֶעגְט עֶר פָאהרֶען אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ זֶעהֶען זַיין פַאמִילְיֶע אוּנ הֶערֶען תּוֹרָה פוּן זַיי׳ן פָאטֶער.

דֶער פָאטְער הָאט גֶעוָאלְט דָאס עֶר מִיט זַיין הוֹיזְגֶעזִינְד זָאלֶען וָואהנֶען אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ, אוֹיף זַיינֶע קָאסְטֶען, נוּר זַיין שְׁוֶוער הָאט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט גֶעוָאלְט.

אִין אַצַייט אַרוּם הָאבֶּען דִי וָואלִינֶער חֲסִידִים גֶעבֶּעטֶען אִיהם: עֶר זָאל בַּיי זַיי וֶוערֶען אַ רַבִּי, דֶער שְׁוֶוער הָאט אוֹיף דֶעם מַסְכִּים גֶעוֶוען, נוּר דֶער פָאטֶער הָאט אִין אָנְפַאנְג נִיט מַסְכִּים גֶעוֶוען, עֶר הָאט צוּא אִיהם גֶעשְׁרִיבֶּען: אוֹיבּ זַיין שְׁוֶוער קָאן אִיהם נִיט הַאלְטֶען בַּיי זִיךְ, זָאל עֶר קוּמֶען אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ אוּנ עֶר וֶועט אִיהם גֶעבֶּען אַלֶע זַיינֶע הצטרכות, אָבֶּער דֶער שְׁוֶוער הָאט דָאס נִיט גֶעוָאלְט, הָאט דֶער פָאטֶער אוֹיךְ גֶעמוּזְט מַסְכִּים זַיין, אוּנ עֶר אִיז רַבִּי גֶעוָארֶען אִין וָואלִין בְּחַיֵּי אָבִיו, (אַז דֶער פָאטֶער הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט).

עֶר הָאט קוֹבֵעַ גֶעוֶוען זַיין דִירָה אִין אַוְורוּטְשׁ (נִיט וַוייט פוּן זִיטָאמֶער), פִיל חֲסִידִים זֶענֶען גֶעפָאהרֶען צוּ אִיהם הֶערֶען תּוֹרָה אוּנ פְרֶעגֶען עֵצוֹת. אִין וָואלִין עֶרְצֶעהְלְט מֶען פוּן אִיהם גְרוֹיסֶע מוֹפְתִים, וָואס עֶר הָאט וֶועמֶען גֶעזָאגְט אִיז מְקוּיָם גֶעוָארֶען. אִין דֶער צַייט פוּן זַיינֶע רַבָּנוּת אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעפָאהרֶען אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ הֶערֶען תּוֹרָה פוּן זַיין פָאטֶער.

נָאךְ דֶעם פָאטֶערְס הִסְתַּלְקוּת אִיז עֶר אֵיינִיגֶע מָאל גִיפָאהרֶען אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ זִיךְ זֶעהֶען מִיט דִיא בְּרִידֶער אוּנ מִשְׁפָּחָה.

עֶר הָאט נִיט מַאֲרִיךְ יָמִים גֶעוֶוען. אַכְצֶען טָאג אִין כִּסְלֵו תרל״ו אִיז עֶר נִסְתַּלֵּק גֶעוָארֶען. עֶר הָאט גֶעהַאט צְוַויי זָאהנֶע רַבָּנִים, א) הַרַב הַצַּדִיק ר׳ מְנַחֵם נָחוּם

דובער

דוֹבֶער ז"ל. עֶר אִיז גֶעוֶועֶן מְמַלֵּא מְקוֹמוֹ אִין אָוורוּטְשׁ, דָא נִיט לַאנְג אִיז עֶר אִין קִיוב נִסְתַּלֵּק גֶעוָארֶען.

ב) הָרַב הַגָּדוֹל ר' שְׁנֵיאוּר זַלְמָן מָרְדְּכַי ז"ל, עֶר אִיז גֶעוֶועֶן אַ עִילוּ. אוּנ אַ רַב אִין זִיטָאמֶער, עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען גָאר אַיוּנְגֶער מַאן.

אדמו"ר הָרַב ר' שָׁלוֹם דוֹבֶער פוּן לְיוּבַּאוִויטְשׁ דֶער זָאהְן פוּן אדמו"ר ר' שְׁמוּאֵל פוּן לְיוּבַּאוִויטְשׁ אִיז אַנֵייְדֶעם פוּן הָרַב ר' יוֹסֵף יִצְחָק נ"ע.

## פרק יד.

אדמו"ר הָרַב ר' שְׁמוּאֵל נ"ע. דֶער יוּנְגְסְטֶער זָאהְן פוּן אדמו"ר בַּעַל צֶמַח צֶדֶק. גֶעבָּארֶען תקצ"ד. דֶער פָאטֶער הָאט אִיהם זֶעהְר לִיב גֶעהַאט. וַוייל עֶר אִיז זֶעהְר גְרוֹיס גִיוֶועֶן אִין תּוֹרָה (נִגְלָה אוּנ חֲסִידוּת) אוֹיךְ הָאט עֶר גִיווּאוּסְט פִיל חָכְמוֹת דָאס הוֹיפְּט דִי חָכְמוֹת הָרְפוּאָה, עֶר הָאט גֶעקָאנְט פִיל שְׁפְּרַאךְ.

אַקְלֵיינֶע צַייט אִיז עֶר גֶעוֶועֶן אַנְ'אֵייְדֶעם בַּייא זַיין בְּרוּדֶער אדמו"ר הָרַב ר' חַיִּים שְׁנֵיאוּר זַלְמָן ז"ל, אִין אַקוּרְצֶע צַייט אִיז זַיין ווייב גֶעשְׁטָארְבֶּען, הָאט אִיהם זַיין פָאטֶער חֲתוּנָה גֶעמַאכְט מִיט אַטָאכְטֶער פוּן זַיין שְׁוָואגֶער הָרַב ר' אַהֲרֹן ז"ל, דֶער אֵייְדֶעם פוּן מִיטֶעלְן רַב.

בִּיז דֶער פָאטֶער אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָארֶען, אִיז עֶר מִיט אִיהם גֶעוֶועֶן צוּזַאמֶען גֶעלֶערְנְט הָאט עֶר זֶיהֶער בֶּעהַאלְטֶען. עֶר הָאט פִיל גֶעפַּאסְט. נוּר קֵיין מֶענְשׁ הָאט דֶערְפוּן נִיט גֶעוואוּסְט.

עֶר הָאט גֶעהַאט אַגְרוֹיסֶען כֹּחַ הַזִּכָּרוֹן, אַלְץ וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין פָאטֶער אוּנ וָואס עֶר הָאט אַלֵיין גֶעלֶערְנְט, הָאט עֶר קֵיין מָאל נִיט פַארְגֶעסֶען.

אַמָאל הָאט זַיינֶער אַגוּטֶער פְרַיינְד אִיהם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל אִיבֶּערְחַזֶרְן דֶעם דְרוּשׁ וָואס זֵיי בֵּיידֶע הָאבֶּען גֶעהֶערְט פוּן זַיין פָאטֶער. אַכְט מִינוּט הָאט עֶר אִיבֶּער-גֶעטְרַאכְט דֶעם דְרוּשׁ אוּנ בַּאלְד גֶעזָאגְט מִלָּה בְּמִלָּה.

דִי גַאנְצֶע צַייט וָואס זַיין פָאטֶער הָאט גֶעלֶעבְּט הָאט עֶר אוֹיף זִיךְ קֵיין רַבָּנוּת גֶעצוֹיגֶען, נוּר אַז דֶער פָאטֶער אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָארֶען, הָאבֶּען פִיל חֲסִידִים אִיהם מְקַבֵּל גֶעוֶועֶן פַאר אַ רַבִּי.

דַאמָאלְסְט הָאט עֶר זִיךְ בֶּעווִיזֶען וִוי גְרוֹיס עֶר אִיז, עֶר הָאט פִיל חֲסִידוּת גֶעזָאגְט, זֵייעֶר גְרוֹיסֶע דְרוּשִׁים. אֵיין דְרוּשׁ הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגֶען מֶעהְר וִוי אַהַאלְבּ יָאהר זַיינֶע עֵצוֹת אִין אַלְץ אִיז גֶעוֶועֶן זֶעהֶער וואוּנְדֶערְלִיךְ.

פוּן אַלֶע זַיינֶע בְּרִידֶער אִיז עֶר אֵיינֶער פַארְבְּלִיבֶּען אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ כָּל יָמָיו. עֶר אִיז אַלֶע מָאל גֶעוֶועֶן שְׁלַאף אוּנ קְרַאנְק, שְׁטֶענְדִיג הָאט עֶר גֶענוּמֶען רְפוּאוֹת. עֶר פְלֶעגְט בְּרֶענְגֶען גְרוֹיסֶע דָקְטוֹרִים צוּ זִיךְ אוּנ אָפְּטְמָאל אִיז עֶר גֶעפָאהרֶען צוּ זֵיי אַמָאל צוּ דִי רוּסִישֶׁע אוּנ אַמָאל צוּ דִי אוֹיסְלַאנְדִישֶׁע דָקְטוֹרִים, זֵיי הָאבֶּען מִיט אִיהם פִיל פַארְבְּרַאכְט אִין חָכְמַת הָרְפוּאָה אוּנ זֵיי זֶענֶען פוּן אִיהם נִתְפַּעֵל גֶעוָארֶען.

אז

אַז עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען אִין אוֹיסְלַאנְד, הָאבֶּען דִי דָארְטִיגֶע אִידֶען אִיהם בֶּעזוּכְט הֶערֶען תּוֹרָה אוּנ פְרֶעגֶען עֵצוֹת. זֵיי זֶענֶען נִתְפָּעֵל גֶיוֶועןפוּן זֵיין חָכְמָה אוּנ שֶׁאנְהֵייט זֵיין פָּנִים אִיז גֶעוֶועןגָאטְלִיךְ.

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן זֵיין בְּרוּדֶער אדמו"ר הָרַב ר' חַיִים שְׁנֵיאוּר זַלְמָן ז"ל אִין דֶעם יָאהר תר"ם, זֶענֶען פִיל חֲסִידִים פוּן דֶעם בְּרוּדֶער גֶעפָאהרֶען צוּ אדמו"ר ר' שְׁמוּאֵל ז"ל. סוֹף יָאהר תרמ"ב אִיז עֶר קְרַאנְק גֶעוָוארֶען. דִי גְרֶאסְטֶע דָאקְטוֹרִים הָאבֶּען אִיהם קוּרִירְט, מֶען הָאט פַאר אִיהם פִיל תְּפִלָּה גֶעטְהָאן, עֶס הָאט אָבֶּער קֵיין זַאךְ נִיט גֶעהָאלְפֶען. י"ג תִּשְׁרֵי תרמ"ג אִיז עֶר נִסְתַּלֵק גֶעוָוארֶען אַנְ'עֶרֶךְ אַכְט אוּנ פֶערְצִיג יָאהר מִיט זֶעקְס חֳדָשִׁים אַלְט.

זֶעהֶער פִיל מֶענְשֶׁען הָאבֶּען נָאךְ אִיהם גֶעוֵויינְט אוּנ גֶעקְלָאגְט, אִין יֶענֶעם סוּכּוֹת אִיז פַארְשְׁטֶערְט גֶעוָוארֶען דִי פְרֵייליכְקֵייט פוּן יוֹם טוֹב.

זֵיין קֶבֶר אִיז בַּיי דֶעם קֶבֶר פוּן זֵיין הֵיילִיגֶען פָאטֶער, זֵיי הָאבֶּען זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן לִיבּ גֶעהַאט דִי גַאנְצֶע צֵייט פוּן זֵייעֶר לֶעבֶּען, אוּנ נָאךְ זֵייעֶר טוֹיט זֶענֶען זֵיי נִיט צוּשֵׁייד גֶעוָוארֶען.

אֵיין טְרֵייסְט הָאבֶּען מִיר: דֶער אָרְט אִיז נִיט גֶעבְּלִיבֶּען לֵיידִיג זֵיינֶער אַזָאהן אִיז מְמַלֵא מְקוֹמוֹ. עֶר אִיז זֶעהֶער אַוֵוירְכְטִיגֶער מֶענְשׁ, עֶר טְהוּט פִיל נוּטֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט. פִיל כְּתָבִים זֶענֶען פוּן אִיהם גֶעבְּלִיבֶּען, אַבִּיסֶעל פוּן זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם דְרוּק, הַגָהוֹת אוֹיף דֶעם סֵפֶר „תּוֹרָה אוֹר" פוּן אַלְטֶען רַב.

# פרק טו.

אדמו"ר הָרַב ר' שְׁלֹמֹה זַלְמָן נ"ע, דֶער זָאהן פוּן אדמו"ר הָרַב ר' יְהוּדָא לֵיבּ נ"ע. עֶר אִיז גֶעבָּארֶען תק"צ. עֶר הָאט גֶעהַאט דֶעם נָאמֶען נָאךְ דֶעם אַלְטֶען רַב אוּנ נָאךְ זֵיין זֵיידֶען ר' שְׁלֹמֹה פְרֵיידֶעס פוּן שְׁקְלַאוו דֶער פָאטֶער פוּן זֵיין מוּטֶער.

בִּיז צְוֶועלְף יָאהר הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט נוּר נִגְלָה, זֵיין לֶערְנֶען אִיז גֶעוֶוען מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק. אִין דֶעם טָאג וָואס עֶר אִיז אַלְט גֶעוָוארֶען צְוֶועלְף יָאהר, הָאט זֵיין פָאטֶער אָנְגֶעפַאנְגֶען לֶערְנֶען מִיט אִיהם חֲסִידוּת אִין „תַּנְיָא" פוּן אַלְטֶען רַב, עֶר הָאט דָאס אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק אוּנ אִין בֵּיידֶע זַאכֶען אִין נִגְלָה אוּנ חֲסִידוּת הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. דֶער פָאטֶער הָאט גֶעטְהָאן אַשִׁידוּךְ פַאר אִיהם מִיט אבע"ב פוּן קְרִיסְלַאוֶוע (וויטעבסקער גוב') דֶער מְחוּתָּן הָאט אִיהם פַארְבֶּעטֶען (אַרָאפְּגֶעבְּרַאכְט אוֹיף סוּכּוֹת צוּ זִיךְ, מֶען אִיז פוּן אִיהם זֶעהֶער נִתְפָּעֵל גֶיוָוארְן. אַלֶע הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען אַז דָאס וַואקְסְט אַגְרוֹיסֶע זַאךְ, נוּר דִי כַּלָה אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען פַאר דֶער חֲתוּנָה. הָאט מֶען פַאר אִיהם גֶעטְהָאן אַנְ'אַנְדֶער שִׁידוּךְ פוּן דֶער שְׁטָאדְט לִיעפְּלִי' (וויטעבסקער גוב') מִיט הַנָגִיד ר' לֵיבּ לוּרְיָא ז"ל. אַנְ'אֵיינִיקְעל פוּן אַגָאוֹן וָואס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶעם סֵפֶר „מְקוֹם שְׁמוּאֵל".

דִי חֲתוּנָה אִיז גֶעוֶוען אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת תר"ז, זֵיין זֵיידֶע אדמו"ר בַּעַל צֶמַח צֶדֶק אִיז גֶעוֶוען אִין גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּנ הָאט זֶעהֶער פִיל חֲסִידוּת גֶעזָאגְט.

צע־ן

צֶעהן יָאהר צַייט אִיז עֶר גֶעוֶעסֶען אִין ליעפּלי' בַּיי זַיין שְׁוֶוער. עֶר הָאט דִיא גַאנְצֶע צַייט גֶעלֶערְנְט נִגְלֶה אוּנ חֲסִידוּת. עֶר הָאט דִי צַייט אַיינְגֶעטְהֵיילְט אוֹיף דֶעם אוֹפֶן: אַגַאנְצֶע וָואךְ הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט נִגְלֶה. אוּנ פוּן דָאנֶערְסְטָאג בַּיי נַאכְט בִּיז נָאךְ שַׁבָּת הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט חֲסִידוּת. אוֹיךְ הָאט עֶר זֶעהֶער פִיל גֶעדַאוֶוענְט עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשֵׁייד פוּן אַלֶע מֶענְשֶׁען. וַוייל דִי צַייט אִיז בַּיי אִיהם זֶעהֶער טְהַייעֶר גֶעוֶוען. אַיין מָאל אִין יָאהר פְלֶעגְט עֶר פָאהְרֶען אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ הֶערֶען חֲסִידוּת פוּן זַיין זֵיידֶען, אוּנ וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט הָאט עֶר בַּאלְד פַארְשְׁרַיבֶּען. עֶר פְלֶעגְט אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ זַיצֶען אַחֹדֶשׁ צַייט אוּנ אַמָאל נָאךְ לֶענְגֶער. צוּ אַכְטְצֶען יָאהר הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבֶּען הַגָהוֹת, דֶען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גִינִיט אִין פִיל כְּתָבִים אוּנ גֶעדְרוּקְט סְפָרִים פוּן חֲסִידוּת אוּנ נִגְלֶה, אַלְין וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט הָאט עֶר אַלֶס גֶעדֵיינְקְט אוּנ עֶר הָאט קֵיין מָאל נִיט פַארְגֶעסֶען. אִין יָאהר תרט"ו אִיז זַיין שְׁוֶוער גֶעוָוארֶען אָרֶעם אוּנ זַיינֶע גֶעלְד אִיז אוֹיךְ פַארְפַאלֶען גֶעוָוארֶען. עֶר הָאט אִין ליעפלי' נִיט גֶעקָאנְט בְּלַייבֶּען. הָאט זַיין זֵיידֶע צוּ אִיהם גֶעשְׁרִיבֶּען, עֶר זָאל קוּמֶען אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ. אוּנ עֶר מִיט זַיין פַאטֶער ווֶעלֶען אִיהם גֶעבֶּען זַיינֶע הִצְטַרְכוּת, כְּדֵי עֶר זָאל קֵיין בִּיטוּל נִיט הָאבֶּען אִין לֶערְנֶען אוּנ דַאוְונֶען.

עֶר אִיז בַּאלְד גֶעפָאהְרֶען אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ, אוּנ דָארְטֶען הָאט עֶר פִיל גֶעלֶערְנְט אוּנ גֶעדַאוֶוענְט. אוֹיךְ פִיל חֲסִידוּת גֶעהֶערְט שַׁבָּת, יוֹם טוֹב אוּנ אִין מִיטֶען וָואךְ.

זַיין זֵיידֶע הָאט אִיהם גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען מִיט זַיין זָאהן אדמו"ר ר' שְׁמוּאֵל ז"ל, דֶען זֵיי בֵּיידֶע הָאבֶּען זִיךְ זֶעהֶער לִיבּ גֶעהַאט. אוּנ עֶר אַלֵיין הָאט מִיט זֵיי אֵיינִיגֶע צַייטֶען אַלֶע טָאג גֶעלֶערְנְט נִגְלֶה אוּנ חֲסִידוּת.

אִין יָאהר תר"כ אִיז זַיין זֵיידֶע שְׁלַאף גֶעוָוארֶען הָאט עֶר אִיהם גֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין חֶדֶר. עֶר הָאט מִיט אִיהם שְׁטֶענְדִיג גֶעלֶערְנְט. זֶעכְּס יָאהר צַייט הָאט עֶר פוּן זֵיידֶען נִיט אָפְּגֶעטְרָאטֶען. עֶר הָאט אִיהם טְהַייעֶר גֶעהַאלְטֶען ווִי אַגַייגֶען קִינְד. מְגַלֶה גֶעוֶוען פִיל סוֹדוֹת הַתּוֹרָה אוּנ עֶר הָאט מִיט אִיהם אַלֵין גֶעלֶערְנְט.

דִי חֲסִידִים וָואס הָאבֶּען גֶעוואוּסְט דֶערְפוּן, הָאבֶּען אִיהם פִיל כָּבוֹד גֶעגֶעבֶּען אוּנ פוּן אִיהם נִיט גֶעוָואלְט אָפְּטְרֶעטֶען.

הַרַב ר' הִלֵל פָּארִיטְשֶׁער ז"ל הָאט אוֹיף אִיהם גֶעזָאגְט דָאס עֶר הָאט אַגְרוֹיסֶען חוּשׁ אִין חֲסִידוּת עֶר שְׁלִינְגְט חֲסִידוּת. פִיל גְרוֹיסֶע חֲסִידִים הָאבֶּען פוּן אִיהם גְרוֹיסֶע הִתְפַּעֲלוּת גֶעהַאט. נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן זֵיידֶען אִיז עֶר מִיט זַיין פָאטֶער גִיפָאהְרִין אִין קָאפּוּסְט, דֶער פָאטֶער אִיז אוֹיךְ בַּאלְד נִסְתַּלֵק גֶעוָוארֶען אִיז עֶר פַארְבְּלִיבֶּען אִין קָאפּוּסְט אוֹיף דֶעם פָאטֶערְס אָרְט.

פִיל חֲסִידִים בַּעֲלֵי דֵעָה זֶענֶען צוּא אִיהם גֶעפָאהְרֶען, אַנַייעֶע זוּן הָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט, עֶס אִיז זֶעהֶער לִיכְטִיג גֶעוָוארֶען. נוּר דֶעם נָאמֶען "רַבִּי" הָאט עֶר נִיט גֶעוָואלְט. קֵיין יְחִידוּת, קֵיין פִּדְיוֹנוֹת הָאט עֶר נִיט גֶענוּמֶען. ווַייל זַיין עֲנִיווּת אוּנ שִׁפְלוּת אִיז גֶעוֶוען, אַשִׁיעוּר. אָבֶּער חֲסִידִים הָאבֶּען אִיהם נִיט אָפְּגֶעלָאזֶען עֶר הָאט גֶעמוּזְט אוֹיסְהֶערֶען זֵייעֶרֶע עִנְיָנִים אוּנ עֶנְטְפֶערְן זַיין עֵצָה אוּנ גֶעהמֶען

פִּדְיוֹנוֹת. אִין יָאהר תרמ״א אִיז עֶר שְׁלַאף גֶעוָוארֶען. אִיז עֶר גֶעפָאהרֶען אִין קָאנְגֶערִין נֶעהמֶען רְפוּאוֹת אוּנ בָּאדֶען אִים יָם. עֶר הָאט דָארְטֶען אַ עֶרֶך צְוֵויא חֳדָשִׁים פַארְבְּרַאכְט, עֶר הָאט דָארְטֶען פַארְשְׁטוֹיְרֶעמְט דִיא וֶועלְט.

אִין יָאהר תרמ״ה אִיז עֶר וִוידֶער שְׁלַאף גֶעוָוארֶען הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ רֵייזֶע נָאך מָאסְקְוַוא, דָארְטֶען אִיז אוֹיך אַזוֹי גֶעוֶוען.

פוּן דֶעם יָאהְר תרמ״ג וָואס אַלֶע זַיינֶע פֶעטֶערְס זֶענֶען נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארֶען פִיל פוּן זַייעֶרֶע חֲסִידִים גֶעפָאהְרֶען צוּ אִיהְם. דֶער וָואס אִיז נוּר אֵיין מָאהְל גֶעוֶוען בַּייא אִיהְם, אִיז עֶר אַזוֹיא שְׁטַארְק נִתְפַּעֵל גֶעוָוארֶען, אַז עֶר אִיז צוּ אִיהְם גֶעלָאפֶען אַלֶע מָאל.

אִין יָאהְר תר״ס אַז עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען זִיבְּצִיג יָאהְר אִיז עֶר זֶעהֶער שְׁלַאף גֶעוָוארֶען, עֶר אִיז נָאך אַ מָאל גֶעפָאהְרֶען אִין מָאסְקְוַוא, אָבֶּער בַּאלְד אִיז עֶר צוּרִיק גֶעפָאהְרֶען.

עֶרֶב שַׁבָּת קֹדֶשׁ פ׳ בְּחֻקֹּתַי אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אַהֵיים, אוֹיף מָארְגֶען כ״ז אִיָּר אִיז עֶר נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארֶען, אוֹיף מָארְגֶען אִיז עֶר צוּ קְבוּרָה גֶעקוּמֶען בַּייא דֶעם קֶבֶר פוּן זַיין הֵיילִיגֶען פָאטֶער.

צוּ דֶער לְוָיָה זֶענֶען צוּזַאמֶענְגֶעפָארֶען פַיעֶל חֲסִידִים, דֶער קְלָאג אִיז גֶעוֶוען שְׁרֶעקְלִיך.

עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזֶען אֵיין זָאהְן ר׳ יְהוּדָא לֵיב, אַ פַיינֶער מַאן, נוּר נִיט קֵיין מְמַלֵּא מְקוֹמוֹ.

הַשִּׁי״ת שְׁטְרָאפְט, אָבֶּער עֶר עֶרְבַּארְמְט זִיך אוֹיך, עֶס זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען זַיינֶע צְוֵוי״א בְּרִידֶער, בַּייא אִיהְם גֶעלֶערְנְט זַייא זֶענֶען מְמַלֵּא מְקוֹמוֹ.

נָאך אַ חֶסֶד הָאט הַשִּׁי״ת גֶעטְהוּן מִיט אוּנְז: פוּן אִים אִיז גִיבְּלִיבֶּען טְהַייעֶרֶע כתבים אוּנ חֲסִידוּת, בַּאלְד נָאך זַיין פְּטִירָה הָאט מֶען זַייא מְסַדֵּר גֶעוֶוען, אוֹיף גַאנְץ תּוֹרָה מִיט אַלֶע מוֹעֲדִים, אוּנ זַיין זָאהְן הָאט זַייא גֶעדְרוּקְט פַיין אוּנ רַייך, עֶר הָאט אוֹיף דֶעם זִיך גֶעלָאזְט קָאסְטֶען פִיל טוֹיזֶענְדֶער, הַשִּׁי״ת זָאל אִיהְם בֶּעצָאהְלֶען פַאר זַיין טוֹבָה וָואס עֶר הָאט גֶעטְהוּן דֶער וֶועלְט.

דֶער נָאמֶען פוּן דֶעם סֵפֶר אִיז „מָגֵן אָבוֹת״. (גִימַטְרִיָא פוּן זַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען „שלמה זלמן״) עֶר הַאלְט אַ עֶרֶך הוּנְדֶערְט מִיט צְוַואנְצִיג בּוֹיגֶען, אוּנ עֶר אִיז זֶעהֶער אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען בַּיי דֶער וֶועלְט. מֶען לֶערְנְט אִיהְם זֶעהְר פִיל, מִיט פֶערְגְנִיגֶען.

## פִיעֶרְטֶע טְהֵייל פוּן „בֵּית רַבִּי״

עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער צוּ דִיא לֶעזֶער.

אִין דִי עֶרְסְטֶע דְרֵייא טְהֵייל פוּן „בֵּית רַבִּי״ הָאבֶּען מִיר גֶערֶעדְט פוּן אוּנְזֶערֶע צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען שׁוֹין אוֹיף יֶענֶעם עוֹלָם מִיר הָאבֶּען גֶעוֶוען זַייא גֶעשְׁרִיבֶּען בַּאֲרִיכוּת כְּדֵי דִיא לֶעזֶער זָאלֶען וִויסֶען וָואס אַ מָאל הָאבֶּען מִיר פַארְמֶעגְט אוּנ וָואס מִיר הָאבֶּען בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים פַארְלָאהְרֶען, הֲגַם מִיר הָאבֶּען נִיט בְּכֹחַ צוּ בֶּעשְׁרַייבֶּען אֲפִילוּ
איין

אַיין חֵלֶק פון אֵיין טויזענד פון זַייער גְרויסְקֵייט, ווייל גיט אַלץ קאָן מען שרייבען און ניט אַלץ דאַרף מען זאָגען.

יעצט וועלען מיר אי"ה שרייבען פון זייערע הייליגע קינדער, די צַדִיקִים וואָס בעלייכטעטען אונז. וועגען זייא וועלען מיר ריידען בקיצור, וואו יעדער געפינט זיך און פון וועמען ער שטאַמט, וועער פון דיא לעזער עס וועט וועלען זעהען, קאָן ער אַהין פאָהרען, ער וועט געווים זעהען פיל מעהר וויא מיר שרייבען. ווייל זייער גרויסקייט איז אויך ניט מעגליך אַלץ ביטליך צו שרייבען.

## פרק א.

דיא נאָמען פון דיא שטאָדט וואו דיא חסידים פאָהרען יעצט, רופט מען „רציצא" „באַברויסק" (מינסקער גוב') „לאַדי" „ליבאַוויטש" (מאהליב' גוב') סיראָטשין (וויטעבסקער גובערנע) דאָרטען געפינען זיך די אייניקליך פון אדמו"ר בעל צמח צדק נ"ע. דיא קינדער פון זיינע דרייא זאָהנע: אדמו"ר ר' יהודא ליב נ"ע. אדמו"ר ר' חיים שניאור זלמן נ"ע, ואדמו"ר ר' שמואל נ"ע.

אין רציצה געפינט זיך אדמו"ר הרב ר' שלום דובער שיחיה, דער אַנדער זאָהן פון אדמו"ר הרב ר' יהודא ליב ז"ל, ער איז אַן אֵיידעם ביי הרב הצדיק ר' יעקב יוסף ז"ל פון אירזיסצביו. ער האָט פיל געלערנט פון זיין זיידען און פון זיין פאָטער, און נאָך זייער פטירה פון זיין ברודער אדמו"ר הרב ר' שלמה זלמן ז"ל.

נאָכדעם איז ער געוואָרען רב אין רציצא, האָבען חסידים פון מאַלע רוסיא אָנגעפאַנגען פאָהרען צו איהם, הערען תורה און פרעגען עצות. דען אויסער זיין גרויסקייט אין תורה איז ער אַ גרויסער חכם.

אַז ער איז שוין געוואָרען אַ רבי, איז ער אויך אָפט געפאָהרען צו זיין ברודער אין קאַפוסט, זיך זעהען מיט איהם און הערען תורה.

אַז זיין ברודער איז נסתלק געוואָרען, זענען פיל חסידים וואָס פלעגען פאָהרען צו איהם פון מאַלע רוסיא, אָנגעפאַנגען צו פאָהרען אין רציצה, עס האָט געהאַלטען אַז ער זאָל אַריינפאָהרען וואוינען אין קאַפוסט אויף זיין ברודערס אָרט, נור דיא חסידים פון רציצא האָבען ניט געלאָזען, ווייל זיי זענען פון איהם זעהער צופרידן געווען.

## פרק ב.

אין באַברויסק געפינט זיך אדמו"ר הרב ר' שמריה נח שיחי' דער דריטער זאָהן פון אדמו"ר ר' יהודא ליב ז"ל, און דער אדמו"ר הרב ר' ישראל נח ז"ל. ער איז דער יונגסטער זאָהן ביי זיין פאָטער, ער האָט איהם זעהער ליב געהאַט, און פיל געלערנט מיט איהם, פון זיין זיידען האָט ער אויך פיל געהערט תורה און חסידות, אויך זיין ברודער אדמו"ר הרב ר' שלמה זלמן ז"ל האָט מיט איהם פיל געלערנט.

אַז זיין פאָטער איז נסתלק געוואָרען, איז ער איינינע יאָהר געוועזען אין ליבאַוויטש עוסק געווען אין תורה ועבודה, נאָכדעם איז ער געוואָרען רב אין באַברויסק, ער איז

אִיז דֶערנָאכְמָאל דְרַייא אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר אַלְט גֶעוֶוען – גְרוֹיס אִין נִגְלֶה אוּנ חֲסִידוּת אוּנ דֶערְצוּ אַגְרוֹיסֶער חָכָם. דִיא שְׁטָאדְטְלַייט זֶענֶען פוּן אִיהם זֶעהֶער צוּפְרִידֶען, זֵיי הָאבֶּען זַיינֶע תּוֹרָה אוּנ פְרֶעגֶען בַּיי אִיהם עֵצוֹת.

אִין קָאפּוּסְט פְלֶעגְט עֶר אוֹיךְ פָאהְרֶען צוּ זַיין בְּרוּדֶער זִיךְ זֶעהֶען אוּנ הֶערֶען תּוֹרָה פוּן אִיהם. אַז זַיין בְּרוּדֶער אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארֶען הָאבֶּען דִיא חֲסִידִים פוּן לִיטָא אוּנ רַייסֶען גֶעוָואלְט אַז עֶר זָאל זַיין דִירָה קוֹבֵעַ זַיין אִין קָאפּוּסְט. דִי עֶלְטֶערֶע חֲסִידִים אוּנ גְבִירִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִיהם בֶּעטֶען דָאס עֶר זָאל אוֹיף דֶעם חֹדֶשׁ תשרי תרס״א קוּמֶען אִין קָאפּוּסְט, עֶר הָאט זֵייעֶר בַּקָשָׁה מְמַלֵא גֶעוֶוען. דִי חֲסִידִים פוּן זַיין בְּרוּדֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין קָאפּוּסְט, זֵייא הָאבֶּען אִיהם גֶעבֶּעטֶען דָאס עֶר זָאל אִין קָאפּוּסְט בְּלַייבֶּען, עֶס אִיז אָבֶּער נִיט בַּאשֶׁערְט גֶעוֶוען, הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט פִיל מְנִיעוֹת אוֹיף דֶעם.

נָאךְ תִּשְׁרֵי אִיז עֶר גֶעפָאהְרֶען צוּרִיק אִין בַּאבְּרוֹיסְק, אוּנ דִי חֲסִידִים פָאהְרֶען צוּ אִיהם, עֶר זָאגְט פִיל חֲסִידוּת, גִיבְּט עֵצוֹת אִין אַלֶץ, עֶר טְהוּט זִיךְ אַרַיין אִין דִיא עִנְיָנִים פוּן חֲסִידִים. מֶען אִיז פוּן אִיהם זֶעהֶער צוּפְרִידֶען.

אִין בַּאבְּרוֹיסְק הָאט עֶר גֶעגְרִינְדֶעט אַיְשִׁיבָה זֶעהֶער פִיל בַּחוּרִים לֶערְנֶען דָארְטֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה נִגְלֶה אוּנ חֲסִידוּת, מֶען גִיבְּט אוֹיף זֵיי גְרוֹיס הַשְׁגָחָה. זֵיי זָאלֶען לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה אוּנ מֶען פְלַאנְצ׳ט אַיין אִין זֵייעֶר הַארְצֶען יראת שמים ויראת חטא, אוֹיךְ זֵיי זָאלֶען הָאבֶּען זֵייעֶרֶע הִצְטָרְכוֹת, עֶס זֶענֶען שׁוֹין פוּן דֶער יְשִׁיבָה אַרוֹיס פִיל רַבָּנִים.

דֶער זְכוּת הַתּוֹרָה זָאל מֵגִין זַיין אוֹיף אִיהם מִיט זַיינֶע קִינְדֶער – וָואס גִיבֶּען שְׁטַארְק אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם – אַז זֵיי זָאלֶען מַאֲרִיךְ יָמִים זַיין עד ביאת הגואל. אָמֵן.

# פרק ג.

אִין לַאדִי גֶעפִינְט זִיךְ יֶעטְצְט אדמו״ר הַרַב ר׳ יִצְחָק דוֹבֶּער שׁיחי׳, דֶער אֵיינְצִיגֶער זָאהן פוּן אדמו״ר הַרַב ר׳ חַיִים שְׁנֵיאוּר זַלְמָן ז״ל. עֶר אִיז יֶעטְצְט דֶער אֶלְטֶערֶער פוּן אַלֶע אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן אדמו״ר בַּעַל צֶמַח צֶדֶק ז״ל, עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערֶען פוּן זַיין זֵיידֶען פִיל תּוֹרָה אוּנ חֲסִידוּת.

נָאכְדֶעם אַז זַיין זֵיידֶע אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארֶען הָאט עֶר פִיל מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין פָאטֶער דִי גַאנְצֶע צַייט וָואס זַיין פָאטֶער אִיז גֶעוֶוען „רַבִּי״ אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ אוּנ אִין לַאדִי, אוּנ עֶר הָאט גֶעחֲזָרְת נָאכְדֶעם זַיין תּוֹרָה פַאר דִי חֲסִידִים.

עֶר אִיז קְלָאהר גִיוֶוען אִין נִגְלֶה אוּנ אִין חֲסִידוּת, עֶר הָאט אִין דֶעם פִיל גֶעטְהוּן.

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן זַיין פָאטֶער, הָאבֶּען זִיךְ פִיל חֲסִידִים בַּעֲלֵי דֵעָה פוּן זַיין פָאטֶער גֶעקֶערְט צוּ אִיהם אִין לַאדִי הֶערֶען תּוֹרָה אוּנ אִיהם פְרֶאגֶען עֵצוֹת, עֶר טְהוּט זִיךְ זֶעהֶער הֶערַיין אִין זֵייעֶרֶע עִנְיָנִים, דִי חֲסִידִים זֶענֶען פוּן אִיהם זֶעהֶער צוּפְרִידֶען.

אֵיינִיגֶע מָאל אִיז עֶר גֶעפָאהְרֶען אוֹיף דֶער מְדִינָה. עֶר הָאט פִיל תּוֹרָה גִיזָאגְט, אוּנ עֵצוֹת גֶעגֶעבֶּען. מֶען אִיז פוּן אִיהם זֶעהֶער צוּפְרִידֶען גֶעוֶוען אוּנ עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס כָּבוֹד. עֶר אִיז אֵיינִיגֶע מָאל גֶעפָאהְרֶען אִין דוּבְּבֶעלֶען (בַּייא רִינָא)

דארטין

דארטען איז אויך געווען דיא איינגע, אלע זענען פון איהם געווען צופרידען.

ער שרייבט פיל חידושים אין נגלה אונ אין חסידות, ער רעכענט צו דרוקען פון זיינע כתבים. השי"ת זאל איהם העלפען אויסצופיהרען זיין רצון, אונ ער זאל איהם מאריך ימים זיין עד ביאת בגואל. אמן.

## פרק ד.

אין סיראטשין געפינט זיך יעטצט אדמו"ר הרב ר' לוי יצחק שיחי. דער איידעם פון אדמו"ר הרב ר' חיים שניאור זלמן ז"ל. ער איז פון פוילין, אן אייניקען פון הרב הצדיק ר' יעקב ז"ל פון ראדזמין.

פריהר האט ער געוואוינט אין ווארשא, ער איז דארטען געזעסען תמיד על התורה ועבודה. חסידים האבען געוואלט דארטען איהם מאכען פאר א "רבי". דערוויל איז זיין ווייב געשטארבען. האט ער גענומען דיא טאכטער פון אדמו"ר ר' חיים שניאור זלמן, איז ער נאך דער חתונה געבליבען אין לאדי, ער האט פיל חסידות געהערט פון זיין שווער, אויך האט זיין שווער מיט איהם פיל געלערנט אונ ער האט איהם זעהער ליב געהאט.

מיט גרויס חשק אונ התמדה האט ער געלערנט דיא חסידות פון זיין שווער. ביז ער איז געקומען צו די מדרגה: חזר'ן דעם שווערס חסידות פאר חסידים.

נאך דער פטירה פון זיין שווער, איז ער איינינע יאהר געזעסען אין לאדי נאכדעם האט ער קובע דירה געווען אין סיראטשין.

פיעל חסידים פון זיין שווער, פאהרען צו איהם, הארען תורה אונ פרעגען עצות. ער טהוט זיך זעהער אריין אין זייערע ענינים, אזוי ווייט אז זיינע חסידים זענען פון איהם זעהער שטארק צופרידען.

## פרק ה.

אין ליבאוויטש געפינט זיך יעטצט אדמו"ר הרב ר' שלום דובער שיחי'. דער מיטעלער זאהן פון אדמו"ר הרב ר' שמואל ז"ל: אונ אן איידעם ביי זיין פעטער אדמו"ר הרב ר' יוסף יצחק שיחי'.

אז זיין פאטער איז "רבי" געווען. איז ער שטענדיג געזעסען על התורה ועבודה מיט גרויס התמדה אונ מיט גרויס יראת שמים. זיין פאטער האט איהם זעהער ליב געהאט אונ האט מיט איהם פיעל געלערנט, אונ ער האט פיעל גע'חזר'ט די תורה פון זיין פאטער פאר דיא חסידים.

אז זיין פאטער איז נסתלק געווארען איז ער געווען נאך גאר יונג, פון דעסט-וועגען האט ער געזאגט חסידות פאר דיא חסידים. נור איין מניעה איז געווען וואס ער איז שלאף געווען, ער האט געהאט גרויסע פעהלער אין גוף. ער איז פיל מאל געפאהרען אין אויסלאנד זיך קוריהרען. ער האט זיך דארטען געלאזט מאכען אפעראטציעס דארום האט זיין כח ניט געלאזט איהם פיהרען דיא רבנות.

השי"ת האט אבער רחמנות געהאט אויף איהם אונ אויף זיינע חסידים. ער
האט

הָאט אִיהם זַיינֶע קְרֶאנְקְהַייט פַארְשְׁטַארְקְט. פַאר בֶּעסֶערְט זַיין גֶעזוּנְד. הָאט עֶר זִיךְ מֶעהר צוּגֶעקֶעהרְט צוּ חֲסִידִים. עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען זֶעהֶער פִיל חֲסִידוּת צוּ זָאגֶען אוּנ זִיךְ שְׁטַארְק אִינְטֶערֶעסִירֶען אִין יֶעדֶערְ'ס עִנְיָנִים. אַלֶע חֲסִידִים זֶענֶען הֶעכְסְט צוּפְרִידֶען גֶעוֶוען.

עֶר הָאט אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ מְיַסֵד גֶעוֶוען אַגְרוֹיסֶע יְשִׁיבָה. זֶעהֶער פִיל בָּחוּרִים לֶערְנֶען דָארְטֶען נִגְלֶה אוּנ חֲסִידוּת. אוּנ מֶען גִיבְּט אוֹיף זֵייא גְרוֹיס הַשְׁגָחָה זֵייא זָאלֶען לֶערְנֶען. אוּנ פִיהְרֶען זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. אוֹיךְ גִיבְּט מֶען זֵייא הוֹצָאוֹת. אַלֶע הִצְטָרְכוּת. פִיעל רַבָּנִים זֶענֶען שׁוֹין אַרוֹיס פוּן דֶער יְשִׁיבָה.

אִין אַלֶע עִנְיָנִים וָואס זֶענֶען נוֹגֵעַ צוּ פַארְשְׁטַארְקֶען אִידִישְׁקַייט, אִיז עֶר זִיךְ עוֹסֵק בֶּאֱמוּנָה פְּשׁוּטָה בִּיז מְסִירַת נֶפֶשׁ.

דֶער זְכוּת הַתּוֹרָה זָאל אוֹיף אִיהם מֵגִין זַיין, עֶר זָאל מַאֲרִיךְ יָמִים זַיין דֶער בִיאַת הַגּוֹאֵל. אָמֵן.

גֶעלוֹיבְּט אוּנ גֶעדַאנְקְט אִיז דֶער בַּעַל הָרַחֲמִים וָואס מִיט זַיין גְרוֹיסֶע עֶר־בַּארְמוּנְג הָאט עֶר אוּנְז גֶעגֶעבֶּען טְהַייעֶרֶע מַתָּנוֹת, דָאס זֶענֶען דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס זֵיי לַייכְטֶען בַּייא אוּנְזֶער פִינְסְטֶערְן דוֹר, הַשִׁי"ת זָאל זַיין חֶסֶד פוּן אוּנְז נִיט אָפְּטְהוּן אוֹיף עֲוִיג, מִיר זָאלֶען זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעהֶען אִין דִי צַדִיקִים'ס לִיכְטִיגֶע וֶועגִין.

# פרק ו.

## הוֹסָפוֹת צוּם דְרִיטֶען חֵלֶק „בֵּית רַבִּי".

סִפּוּרִים וָואס וֶוערֶען עֶרְצֶעהלְט אוּנ עֶס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אִין אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאכֶען פוּן אדמו"ר הַקָּדוֹשׁ הַצַּדִיק אִישׁ הָאֱלֹהִים וכו' וכו' וכו' הָרַב ר' מְנַחֵם מֶענְדֶל בַּעַל צֶמַח צֶדֶק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְלִתְהִלָּה וּלְתִפְאֶרֶת.

דִי מוּטֶער פוּן אדמו"ר בַּעַל צ"צ זִי אִיז גֶעוֶוען דֶעם אַלְטֶען רַבּ'ס אַטָאכְטֶער. אוּנ אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען יוּנְגֶערְהֵייט.

דִיא מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹיא גֶעוֶוען:

דֶער אַלְטֶער רַב נ"ע פְלֶעגְט זָאגִין זֶעהֶער פִיל חֲסִידוּת, כִּמְעַט אָהְן אוֹיפְהֶער. אַמָאל פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט עֶר גֶעזֶעהֶען דָאס אוֹיף דֶעם הִימֶעל אִיז פַארַאן אוֹיף אִיהם אַגְרוֹיסֶער קִטְרוּג פַאר וָואס עֶר זָאגְט צוּפִיל חֲסִידוּת. עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט טָאמֶער וֶועט עֶר דוּרְכְדֶעם מוּזֶען נִפְטָר וֶוערֶען פָאר זַיין בֶּעשְׁטִימְטֶע צַייט. עֶר הָאט פַארְזַאמֶעלְט דִי גְרוֹיסֶע חֲסִידִים צוּ זִיךְ אִין חֶדֶר, אוּנ עֶר הָאט דָאס זֵייא מְגַלֶּה גֶעוֶוען, נָאכְדֶעם הָאט עֶר צוּא זֵיי אַזוֹי גֶעזָאגְט: נִיט זָאגֶען חֲסִידוּת, קָאן נִיט זַיין, וַוייל זַיין רַבִּי דֶער גְרוֹיסֶער מַגִיד פוּן מֶעזֶערִיטְשׁ אוּנ זַיין זָאהְן דֶער קָדוֹשׁ ר' אַבְרָהָם ז"ל הָאבֶּען אִיהם גֶעבֶּעטֶען עֶר זָאל יָא זָאגֶען חֲסִידוּת, דֶערְפַאר הָאט עֶר מוֹרָא עֶר זָאל נִיט מוּזֶען נִסְתַּלֵק וֶוערֶען פַאר דֶער צַייט.

אִין צְווייטֶען חֶדֶר אִיז גֶעוֶועסֶען זַיין טָאכְטֶער, ווִי זִי הָאט דִי וֶוערְטֶער גֶע־

הערט

הָארט , אִיז זִי שְׁטַארְק עֶרְשְׁרָאקֶען גֶעוָוארֶען . אוּנ זִיא אִיז בַּאלְד אַרַיינְגֶעלָאפֶען צוּם פָאטֶער מִיט אַגְרוֹיס גֶעוויין . אוּנ הָאט צוּא אִיהם אַזוֹי גֶעזָאגְט . אוֹיבּ עֶס אִיז נוּר מֶעגְלִיךְ אַז דוּ זָאלְסְט מַקְרִיב זַיין אַקָרְבָּן פַאר זִיךְ , וֶועסְט דוּ אַיינְשְׁטִילֶען דֶעם קִטְרוּג . בִּין אִיךְ דָאס מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ , דוּ בִּינְסְט דָאךְ זֶעהֶער נֶאטְהִיג פַאר דִי וֶועלְט נוּר בִּתְנַאי אַז דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אוֹיף מַיין קִינְד מְנַחֵם מֶענְדְל אַזוֹי וִוי אוֹיף דַיינֶע אַיינֶענֶע קִינְדֶער .

דֶער אַלְטֶער רַב הָאט אָבֶּער גֶעוָואלְט דָאס דִי טָאכְטֶער זָאל אוֹיךְ בְּלַייבֶּען לֶעבֶּען , הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אַשָׁלִיחַ מִיט אַפִּדְיוֹן נֶפֶשׁ צוּ זַיין חָבֵר הָרַב הַקָדוֹשׁ ר' מְנַחֵם נָחוּם נ"ע . כְּדֵי עֶר זָאל פַאר אִיהם מִתְפַּלֵל זַיין אוּנ דֶעם שָׁלִיחַ הָאט עֶר גֶע־בֶּעטֶען דָאס עֶר זָאל אַהִין קוּמֶען נִיט שְׁפֶּעטֶער וִוי עֶרֶב רֹאשׁ הַשָׁנָה .

דֶער שָׁלִיחַ הָאט גֶעהַאט—מַעֲשֵׂה שָׂטָן—פִיל סִבּוֹת אוֹיף דֶעם וֶועג . נוּר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ זֶעהֶער גֶעאַיילְט הָאט עֶר אָנְגֶעצוֹיגֶען עֶרֶב ר"ה אִין דֶער פְרִיה נָאהְנְט צוּ טְשֶׁערְנָאבֶּעל . דִי שְׁטָאדְט לַייט אוּנ דִי אוֹרְחִים הָאבֶּען זִיךְ צוּזַאמֶענְגֶעזַאמֶעלְט עֶר"ה צוּ ר' נָחוּם'ס טְהִיר גֶעבֶּען אִיהם פִּדְיוֹנוֹת אוּנ קְוִויטְלִיךְ וִויא אַלֶע יָאהר , אָבֶּער ר' נָחוּם הָאט פַארְשְׁלָאסֶען זַיין חֶדֶר . קֵיינֶער זָאל צוּ אִיהם נִיט קָאנֶען צוּקוּמֶען .

דִי חֲסִידִים זֶענֶען זֶעהֶער אוּנְרוּהִיג גֶעוָוארֶען . זֵיי הָאבֶּען פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִיט אוּמְזָאנְסְט .

מִיט גְרוֹיס מִיה אוּנ מַאטֶערְנֶעס הָאט אַחָסִיד זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּנ אִיז צוּ אִיהם אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען פְרֶאגֶען דִיא סִבָּה דֶערְפוּן .

ר' נָחוּם הָאט אִיהם גֶעעֶנְטְפֶערְט צוּ מִיר פָאהְרְט אַחָסִיד מִיט אַפִּדְיוֹן פוּן דֶעם רַב כָּל זְמַן דֶער חָסִיד פוּן רַייסֶען וֶועט נִיט קוּמֶען , קָאן אִיךְ פוּן קֵיינֶעם נִיט נֶעהמֶען אַפִּדְיוֹן . וִוי דִי חֲסִידִים הָאבֶּען דָאס גֶעהֶערְט , הָאבֶּען זֵיי גֶעשְׁפַּאנְט אַפָּאר גוּטֶע פֶערְד אִין אַוָואגֶען אוּנ גֶעלָאפֶען אוֹיף דֶעם וֶועג גֶעגֶען דֶעם שָׁלִיחַ אִיהם בְּרֶענְגֶען וָואס גִיכֶער .

זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּא אַטַייךְ וָואס מֶען מוּז אַרִיבֶּערְפָאהרֶען מִיט אַפְּרָאם . הָאבֶּען זֵיי דֶערְזֶעהֶען אוֹיף יֶענֶעם זַייט טַייךְ שְׁטֶעהט אַיינֶער מִיט אַפוּהר אוּנ וַוארְט אוֹיף דֶעם פְּרָאם .

— וֶוער בִּנְסְט דוּ ?— הָאבֶּען זֵיי גֶעפְרֶעגְט אִיהם אוּנ פוּן וַואנֶען פָאהרְסְט דוּ ?

אִיךְ פָאהר פוּן רַייסֶען—הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט .

דִי חֲסִידִים זֶענֶען זֶעהר פְרַיילִיךְ גֶעוָוארֶען אוּנ גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהֶען אוֹיף אַנְ'וַוארְטֶען בִּיז עֶר וֶועט מִיט דֶעם פְּרָאם אַרִיבֶּער פָאהרֶען צוּ זֵייא .

ווי דֶער שָׁלִיחַ אִיז מִיט זַיין פוּהר אַרוֹיפְגֶעפָאהרֶען אוֹיף דֶעם פְּרָאם , הָאט זִיךְ דִיא שְׁטְרִיק וָואס דוּרְכְדֶעם גֶעהט דֶער פְּרָאם—אִיבֶּערְגֶערִיסֶען . אוּנ דָאס וַואסֶער הָאט דֶעם פְּרָאם מִיט דֶעם שָׁלִיחַ אַוֶועקְגֶעטְרָאגֶען וַוייט .

דִי חֲסִידִים זֶענֶען גֶעשְׁווינְד נָאכְגֶעלָאפֶען . זֵיי הָאבֶּען גֶעכַאפְּט דֶעם פְּרָאם מִיט דֶעם שָׁלִיחַ אִיהם גֶעבְּרַאכְט צוּ רַבִּי נָחוּם'ן .

דער

דער שליח האט איהם אפגעגעבען דעם בריעף פון רב מיט דעם פדיון אויך אקליין צעטעלע.

ווי רבי נחום האט איבערגעליינט דעם צעטעלע, האט ער געזאגט, מיט דעם צעטעלע האט ער מיר ליכטיג געמאכט אין גאנצען ספר „עץ החיים" און „פרי עץ החיים" פון דעם היילינגען האר"י ז"ל.

נאכדעם האט ער געליינט דעם פדיון און האט געזאגט צו דעם שליח וואס קאן איך איהם העלפען פאר וואס זאגט ער אזוי פיעל חסידות?

ר' נחום האט נאכדעם געגעבען דעם פדיון צום שליח. ער האט בעפוילען דיא חסידים דאס זייא זאלען זייערע אלע פדיונות אפגעבען זיין גבאי. און ער זאל קומען אין מקוה. דער שליח זאל אויך אהין קומען וועט ער (ר' נחום) דארטען לייענען אלע פדיונות ווי זיין שטייגער איז געוועזן.

ר' נחום איז אריין אין מקוה, ער האט גענומען דעם פדיון פון רב און גע-לייענט. נאכדעם האט ער זיך פיל מאל גע'טובל'ט, דעם לעטצטען מאל איז ער געלעגען אלאנגע צייט אונטערן וואסער דערנאך האט ער ארויפגעהויבען זיין קאפ פון וואסער און געזאגט: נוא תפלה עושה מחצה. ד. ה. מיט תפלה פועלת מען העלפט. קיינער האט ניט פארשטאנען וואס ער זאגט.

נאכדעם האט ער איבערגעליינט אלע איבריגע פדיונות און ער איז גיגאנגען אהיים. ראש השנה בייא נאכט האט ר' נחום אלאנגע צייט געדאוועט מעריב. ער איז געבליבען אהן כוחות דאווענדיג. צוויי מענשען האבען געמוזט איהם אוועקפיהרען אהיים מחמת גרויס שלאפקייט.

פיהרענדיג איהם אהיים, האבען די צוויי מענשען געהערט ווי ער רעדט שטילערהייט צו זיך. זיי האבען זיך גוט איינגעהערט ווי ער זאגט: אהילף וועט זיין פאר איהם און ער וועט בלייבען לעבען.

און אזוי איז טאקע געוועזן.

באלד נאך ראש השנה איז זיין טאכטער—די מוטטער פון אדמו"ר בעל צמח צדק—געשטארבען. אויך פיל גרויסע חסידים זענען אין יענעם יאהר געשטארבען. און דער אלטער רב איז געבליבען לעבען און האט פיל חסידות געזאגט.

דער אלטער רב האט אפילו געזאגט אז ניט דאס האט ער געמיינט. ער האט גערעכענט אז דורך דעם פדיון וועלען אלע בלייבען לעבען. דערפאר האט ער בעדארפט האבען הילף פון צווייטען. נור אויף חילף האט ער אליין געקאנט פועל זיין, אבער פארפאלען, מה שעבר, עבר.

באלד נאכדעם האט דער אלטער רב גענומען זיין טאכטערס זאהן צו זיך. ער איז דעמסטמאל אלט געוועזן צוויי יאהר, גרויס השגחה געגעבען אויף איהם נאך מעהר ווי אויף זיינע אייגענע קינדער. ער האט איהם שטענדיג געהאלטען ביי זיך. און וואס דאס קינד האט געבעטען, האט ער איהם באלד געגעבען.

אמאל

אַמָאל הָאט אַ שְׁטָאדְט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם אַלְטֶען רַב מִיט סַנְדֵק אוֹיף זַיינֶעם אַ בְּרִית, דֶער רַב הָאט זַיין אֵיינִיקֶעל מִיטְגֶענוּמֶען. עֶר אִיז דֶעמְסְטְמָאל גֶעוֶוען אַיוּנְגֶער קִינְד, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּילְט זִיךְ גֶענוּמֶען אַ שְׁטֶעקֶען אוּנ אוֹיף אִיהְם גֶערִיטֶען. עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער שְׁטֶעקֶען אִיז אַפֶערְד. זַיי זֶענֶען פַארְבַּייגֶעגַאנְגֶען אַ וַואסְסֶער הָאט דָאס קִינְד גֶעזָאגְט: זֵיידֶע! וַוארְט אַוַוייל, אִיךְ וֶועל דֶעם פֶערְד גֶעבֶען אַ טְרוּנְק, דֶער רַב אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּנ גֶעוַוארְט.

דִי חֲסִידִים וָואס הָאבֶען דָאס גֶעזֶעהֶען, הָאבֶען זִיךְ שְׁטַארְק גֶעוואוּנְדֶערְט אוּנ גֶעפְרֶעגְט פַאר וָואס גִיט עֶר אִיהְם אַזוֹי פִיל נָאךְ, הָאט עֶר זַייא גֶעעֶנְטְפֶערְט: זַיין מוּטְטֶער הָאט זִיךְ פַאר מִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען, מוּז אִיךְ טְהוּן אַלְץ וָואס עֶר פֶערְלַאנְגְט פוּן מִיר.

## פרק ז.

דֶער אַלְטֶער רַב מִיט פִיעל חֲסִידִים זֶענֶען אַ מָאל רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֶעגַאנְגֶען צוּם טַייךְ זָאגֶען „תַּשְׁלִיךְ". עֶר הָאט זַיין אֵיינִיקֶעל אוֹיךְ מִיטְגֶענוּמֶען.

ווִיא זַייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם טַייךְ, הָאט דֶער רַב גֶעזֶעהֶען דָאס זַיין אֵיינִיקֶעל אִיז נִיטָא, עֶר הָאט בַּאלְד גִיבֶּעטֶען דִיא חֲסִידִים דָאס זַייא זָאלֶען אִיהְם גֶעפִינֶען אוּנ בְּרֶענְגֶען צוּ אִיהם, אַנְדֶערְשׁ קָאן עֶר דֶעם תַּשְׁלִיךְ נִיט זָאגֶען.

אַלֶע חֲסִידִים זֶענֶען גֶעלָאפֶען אִיהם זוּכֶען, זַיי הָאבֶען אִיהם גֶעפוּנֶען וִויא עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, זַיי הָאבֶען אִיהם גֶעבְּרַאכְט צוּם רַב, דֶענְסְטְמָאל הָאט עֶר גֶעזָאגְט תַּשְׁלִיךְ.

דִיא חֲסִידִים הָאבֶען זִיךְ אוֹיךְ זֶעהֶער שְׁטַארְק גֶעוואוּנְדֶערְט אוּנ הָאבֶען אִיהם גֶעפְרֶעגְט ווִי יֶענֶע חֲסִידִים פַאר וָואס גִיבְּט עֶר אִיהם אַזוֹי פִיל נָאךְ, הָאט דֶער רַב זַיי גֶעעֶנְטְפֶערְט דִי זֶעלְבִּיגֶע תְּשׁוּבָה ווִי יֶענֶע חֲסִידִים, נָאכְדֶעם הָאט דֶער רַב גֶעזָאגְט: אוֹיף אִיהם וַוארְטֶען פִיל נְשָׁמוֹת, זָאל אִיךְ אוֹיף אִיהם נִיט וַוארְטֶען.

דֶער רַב הָאט מִיט זַיין אֵיינִיקֶעל זֶעהֶער פִיל גֶעלֶערְנְט נִגְלֶה אוּנ חֲסִידוּת בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארֶען זֶעהֶער גְרוֹיס אַזוֹיא ווִי דָאס אִיז יָדוּעַ.

## פרק ח.

אַמַעֲשֶׂה נוֹרָא פוּן אדמו"ר בַּעַל צֶמַח צֶדֶק ז"ל, וָואס זַיין זָאהְן אדמו"ר ר' יְהוּדָא לֵיב ז"ל הָאט עֶרְצֵיילְט חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת פַאר חֲסִידִים. וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן בַּעַל הַמַּעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ. דִיא מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹיא גֶעוֶוען.

אַמָאל קוּרְץ פַאר פֶּסַח הָאבֶען עֶטְלֶעכֶע הוּנְדֶערְט סָאלְדַאטֶען בַּאדַארְפְט גֵיין וַוייט, בַּיי זַייא זֶענֶען גֶעוֶוען אִידֶען אוֹיךְ, דִיא וֶועג אִיז גֶעוֶוען בֶּעשְׁטִימְט צוּא גֶעהֶען דוּרְךְ אַזֶעלְכֶע שְׁטֶאדְט וָואס דָארְטֶען זֶענֶען קֵיין אִידֶען פַארַאן, וֶועלֶען זַייא דַארְפֶען פֶּסַח עֶסְסֶען חָמֵץ.

זַייא זֶענֶען גֶעקוּמֶען נִיט וַוייט פוּן לְיוּבַּאוִויטְשׁ הָאבֶּען זַיי גֶעוואוּסְט דָאס אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ וֶועלֶען זַייא נִיט קוּמֶען זַייא דַארְפֶען גֶעהֶען אָן אַ זַייט, הָאבֶּען זַייא אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּען אֵיינֶעם אַשְׁטַארְקֶען מַאן אוּנ זַיי הָאבֶּען אִיהם גֶעשִׁיקְט צוּם אדמו"ר פְרֶאגֶען אַנְ'עֵצָה.

עֶר אִיז גֶעשְׁווִינְד גֶעלָאפֶען צוּ אדמו"ר אִין לְיוּבַּאוִויטְשׁ אוּנ בַּאלְד אִיז עֶר אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אדמו"ר. (דער אדמו"ר האט בעפוילען זיין גבאי ווען אסאלדאט וועט קומען צו איהם זאל ער איהם באלד ארייגלאזען אהן אישום אויפהאלט). אוּנ עֶר הָאט אִיהם עֶרְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה צוּ וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען.

פוּן דַאנֶען אַהִין וואוּ אִיהר דַארְפְט גֶעהֶען—הָאט אדמו"ר גֶעעֶנְטְפֶערְט—אִיז פַארַאן נָאךְ אַוֶועג מִיט פִיל אִידֶעשֶׁע שְׁטֶעדְט, דָארְטֶען וֶועט אִיהר גֶעפִינֶען פִיל אִידֶען, אוּנ דִיא וֶועג אִיז פִיל גֶעהֶנְטֶער.

— אָבֶּער וִויא קָאן מֶען בַּייטֶען דֶעם פְּלַאן פוּן דֶעם נַאנְג —הָאט דֶער סָאלְדַאט גֶעפְרֶעגְט. —דֶערְצוּ אִיז פַארַאן אַנְ'עֵצָה—הָאט אדמו"ר גֶעעֶנְטְפֶערְט— אִיהר בִּיטֶעט בַּיי דֶעם פָּאלְקָאוְונִיק, וֶועט עֶר גֶעפִינֶען אַנְ'עֵצָה ווִי צוּ בַּייטֶען דֶעם פְּלַאן. אוּנ אַז אִיהר וֶועט קוּמֶען אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע טֶאג פֶּסַח אִין שְׁקְלָאוו, וֶועט אַדָארְטִיגֶער בַּעַל הַבַּיִת דִיךְ גֶעהמֶען אוֹיף פֶּסַח צוּא דִי סְדָרִים. נָאכְן סֵדֶר וֶועט עֶר דִיר גֶעוִויס בֶּעטֶען דוּא זָאלְסְט בַּיי אִיהם גֶעכְטִיגֶען, זָאלְסְט דוּ בְּשׁוּם אוֹפֶן בַּייא אִיהם נִיט בְּלַייבֶּען דִי נַאכְט. נוּר אַוֶועגַיין גֶאכְטִיגֶען אִין גְרִינְגֶעם בֵּית הַמִדְרָשׁ, נִיט אַנְדֶערְשׁ. נָאכְדֶעם וֶועסְט דוּא אוֹיף דִי צְוַוייטֶע טֶעג קוּמֶען אִין בִּיחָאוו, זָאלְסְט דוּ גֶעהֶען נָאכְטִיגֶען אִין הֶקְדֵשׁ נִיט אַנְדֶערְשׁ, אִיךְ וִויל אַזוֹי, וֶועסְט דוּא מִיר פָאלְגֶען?

— גֶעוִויס וֶועל אִיךְ אַייךְ פָאלְגֶען—הָאט דֶער סָאלְדַאט גֶעעֶנְטְפֶערְט.

אדמו"ר הָאט אִיהם גֶעבֶּענְשְׁט, אוּנ דֶער סָאלְדַאט אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען. עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע קַאמֶערַאדֶען אוּנ הָאט זַיי דֶערְצֵיילְט וָואס דֶער אדמו"ר הָאט אִיהם גֶעזָאגְט.

אַלֶע אִידִישֶׁע סָאלְדַאטֶען זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּא דֶעם פָּאלְקָאוְונִיק, אִיהם פָארְטְרָאגֶען דֶעם נַייֶעם פְּלַאן. עֶר הָאט בַּאקְלֶעהְרְט דָאס זַיי הָאבֶּען רֶעכְט, הָאט עֶר זַיי פַארְשְׁפְּרָאכֶען אַזוֹי צוּא טְהוּן. עֶר הָאט זַיי נוּר גֶעפְרֶעגְט, וֶוער הָאט זַייא דֶעם פְּלַאן עֶרְקְלֶערְט.

זַייא הָאבֶּען אִיהם דֶעם אֱמֶת גֶעזָאגְט אַז דָאס הָאט דֶער אדמו"ר זַייא דִיא עֵצָה גֶעגֶעבֶּען.

דֶער פָּאלְקָאוְונִיק הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעוואוּנְדֶערְט אוּנ גֶעזָאגְט: דֶער לְיוּבַּאוִויטְשֶׁער רֶבִּי מוּז זַיין וֶועהֶער אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אוּנ אַ גָאטְלִיכֶער מַאן.

עֶרֶב פֶּסַח זֶענֶען זַיי גֶעקוּמֶען אִין שְׁקְלָאוו. דֶער סָאלְדַאט הָאט גֶעסֵדֶר'ת בַּיי אַ אִידֶען. נָאכְן סֵדֶר אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען נָאכְטִיגֶען אִין גְרִינְגֶעם בֵּית הַמִדְרָשׁ. עֶר הָאט דָארְטֶען גֶעפוּנֶען אַנְ'אַלְטֶען מַאן עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען אוּנ גֶעוַויינְט. עֶר הָאט דֶעם סָאלְדַאט עֶרְצֵיילְט וָואס מִיט אִיהם הָאט פַּאסִירְט, וִוי אַזוֹי עֶר אִיז גֶיוֶוען אַ סָאלְדַאט

אפגעדינגט

אָפְּגֶעדִינְט פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהְר. נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אַהֵיים זֶעהֶער רֵייךְ. עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ יוּנְגֶע פְרוֹיא. זִיא הָאט אִיהְם אָבֶּער פַיינְד גֶעהַאט. הָאט זִיא צוּגֶענוּמֶען אַלְץ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אוּנ אִיז אַנְטְלָאפִין פוּן אִיהְם מִיט אַ גֶעלִיבְּטֶען.

דֶער סָאלְדַאט הָאט אִיהְם אַ בִּיסֶעל גִיטְרֵייסְט נָאכְדֶם הָאט עֶר אִיהְם גִיפְרֶאגְט אִיהר נָאמֶען אוּנ דֶעם נָאמֶען פוּן אִיהְר גֶעלִיבְּטֶען. דֶער אַלְטֶער מַאן הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט, אוּנ אוֹיךְ סִימָנִים פוּן זֵייא בֵּיידֶען.

אוֹיף דִיא אַנְדֶערֶע טֶעג פֶּסַח אִיז דֶער סָאלְדַאט גֶעקוּמֶען אִין בִּיחָאוו, בַּייא נַאכְט אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין הֶקְדֵּשׁ, עֶר הָאט דָארְטֶען גֶעפוּנֶען דִי יוּנְגֶע ווַייבֶּעל מִיט אִיהְר גֶעלִיבְּטֶען. עֶר הָאט זֵייא עֶרְקָאנְט נָאךְ דִיא סִימָנִים וָואס דֶער אַלְטֶער מַאן הָאט אִיהְם אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען. עֶר הָאט בַּאלְד גֶעגֶעבֶּען אַ יְדִיעָה יֶענֶעם אַלְטֶען מַאן. אִיז עֶר גִיקוּמֶען אִין בִּיחָאוו. עֶר הָאט גִיפוּנֶען זַיין ווַייבּ מִיט אַלֶע זַיינֶע חֲפָצִים עֶר הָאט בַּייא אִיהְר צוּגֶענוּמֶען דָאס גֶעלְד מִיט אַלֶע זַאכֶען וֶועלְכֶע זִיא הָאט בַּייא אִיהְם גֶעגַנְבֶת אוּנ אִיהְר הָאט עֶר גֶעגֶעבֶּען אַ גֵט.

אִין אַ הַאלְבּ יָאהְר אַרוּם הָאט דֶער סָאלְדַאט גֶעעֶנְדִיגְט זַיין סְלוּזְבֶּע, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין לְיוּבַּאווִיטְשׁ אוּנ עֶרְצֵיילְט דֶעם אדמו"ר'ס קִינְדֶער דִיא גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אוּנ אדמו"ר ר' יְהוּדָא לֵיבּ נ"ע הָאט דִי זֶעלְבִּיגֶע מַעֲשֶׂה עֶרְצֵיילְט חול הַמּוֹעֵד סוכות פַאר זַיינֶע חֲסִידִים וָואס זֵייעֶר שִׂמְחָה אוּנ הִתְפַּעֲלוּת אִיז נִיט מֶעגְלִיךְ צוּבֶּעשְׁרַייבֶּען.

# פרק ט.

אַוואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן אדמו"ר בַּעַל צ"צ אִיבֶּערְזֶעטְצְט פוּן „סִפּוּרִים נִפְלָאִים".

פִיל יָאהְרֶען הָאט אַ פְרוּמֶער חָסִיד גֶעוָואהְנְט אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע וָואס הָאט גֶעהֶערְט צוּ אַ גְרַאף. פְלוּטְצְלוּנְג הָאט דֶער גְרַאף גֶעשִׁיקְט אִיהְם רוּפֶען אוּנ עֶר הָאט אִיהְם אָבְּגֶעזָאגְט דָאס אִין אַחֹדֶשׁ אַרוּם זָאל עֶר אַרוֹיסְצִיהֶען פוּן קְרֶעטְשְׁמֶע.

דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער הָאט נִיט פַארְשְׁטַאנֶען פַאר וֶועלְכֶען חֵטְא עֶס קוּמְט אִיהְם אַזַא שְׁטְרָאף. עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּרוּפְט רֵיידֶען, בֶּעטֶען, ווַיינֶען פַאר דֶעם גְרַאף. עֶס הָאט אָבֶּער-קַיין זַאךְ נִיט גֶעהָאלְפֶען.

דִי קְרֶעטְשְׁמֶע אִיז גֶעשְׁטַאנֶען נִיט ווַייט פוּן דֶער שְׁטָאדְט „קַאמִין" (וויטעבּ. גוּבּ') דָארְטֶען הָאט גֶעוָואהְנְט אַפָּאדְרַאטְצִיג מֹשֶׁה, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּייא אַלֶע גְרַאפֶען אַגַאנְצֶער בֶּן בַּיִת.

דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער וָואס דֶער גְרַאף הָאט אִיהְם גֶעוָואלְט פוּן קְרֶעטְשְׁמֶע אַרוֹיסְטְרַייבֶּען הָאט גֶעווּאוּסְט אַז מֹשֶׁה דֶער פָּאדְרַאטְצִיג קָאן אִיהְם טְהוּן אַטוֹבָה בַּיי דֶעם גְרַאף, אִיהְם וֶועט דֶער גְרַאף גֶעווִיס פָאלְגֶען. דַארוּם אִיז דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער גֶעפָאהְרֶען אִין לְיוּבַּאווִיטְשׁ צוּם אדמו"ר בֶּעטֶען אִיהְם אַבְּרִיף צוּא דֶעם פָּאדְרַאטְשִׁיק אַז עֶר זָאל אִיהְם אַ טוֹבָה טְהוּן בַּייא דֶעם גְרַאף.

דער

דֶער חָסִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּא אדמו״ר אוּנ הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט זַיין בַּקָשָׁה ·
דֶער אדמו״ר הָאט בַּאלְד אוֹיפְגֶעשְׁרִיבֶּען אַ בְּרִיף, עֶר הָאט פַארְחַתְמֶ׳ת, אוּנ אוֹיף דִיא אַדְרֶעס הָאט עֶר אוֹיפְגֶעשְׁרִיבֶּען לְמשֶׁה מְזְוַואנֶיע, אוּנ הָאט דֶעם בְּרִיעף גֶעגֶעבֶּען דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶער ·
אַרוֹיסְגֶעהֶענְדִיג פוּן אדמו״ר הָאט דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער אִיבֶּערְגֶעלֵייעֶנְט דֶעם אַדְרֶעס, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט בַּייא זִיךְ אַז אדמו״ר הָאט אַ טָעוּת גֶעהַאט · וַוייל משֶׁה מְזְוַואנֶיע וָואהְנְט אוֹיךְ אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע וָואס גֶעהֶערְט אַנְאַנְדֶער גְרַאף אוּנ דֶעם גְרַאף קָאן עֶר גָאר נִיט ·

דֶער חָסִיד הָאט גֶעוָואלְט נָאךְ אַ מָאל אַרַיינְגֶעהֶען צוּם אדמו״ר אָבֶּער עֶס אִיז נִיט גֶעוֶועזֶען מֶעגְלִיךְ · דֶער אדמו״ר אִיז גֶעוֶועזֶען שְׁטַארְק בַּאשֶׁעפְטִיגְט הָאט עֶר דִיא טְהִיר פַארְשְׁלָאסֶען ·
דֶער חָסִיד הָאט דֶעם אדמו״ר׳ס אַ זָאהְן עֶרְצֵיילְט דֶעם טָעוּת · הָאט דֶער זָאהְן גֶעעֶנְטְפֶערְט · דֶער הֵיילִיגֶער פָאטֶער הָאט קֵיין טָעוּת נִיט · פָאהְר צוּא יֶענֶעם משֶׁה וִויא אוֹיף דִיא אַדְרֶעסֶע אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען · אוּנ הַשִׁי״ת וֶועט דִיר מַצְלִיחַ זַיין ·
דֶער חָסִיד אִיז גֶעקוּמֶען אִין זְוַואנְיֶע, עֶר הָאט דֶעם בְּרִיעף אָבְּגֶעגֶעבֶּען משֶׁה׳ן יֶענֶער הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעווּאוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם אדמו״ר׳ס בַּקָשָׁה וַוייל עֶר קָאן גָאר נִיט דֶעם גְרַאף אַזוֹיא גוּט ·
פְּלוּטְצְלוּנְג אִיז גֶעוָוארֶען אוֹיף דְרוֹיסֶען אַ גְרוֹיסֶער ווִינְד מִיט אַ גְרוֹיסֶען שְׁנֵיעע משֶׁה הָאט גֶעזָאגְט צוּם חָסִיד, בְּלֵייבְּט דָא דִיא נַאכְט גֶעכְטִיגֶען · עֶס אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט, דֶער שְׁטוּרְם אִיז גְרוֹיס, מָארְגֶען אִין דֶער פְרִיה וֶועט אִיהְר פָאהְרֶען אַהֵיים ·
וִויא זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעלֶעגְט שְׁלָאפֶען הָאבֶּען זֵייא גֶעהֶערְט אֵיינֶער אִיז צוּגֶעפָאהְרֶען אוּנ קְלַאפְּט שְׁטַארְק אִין טְהִיר ·

משֶׁה הָאט דִיא טְהִיר גֶעאֶפֶענְט אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען דֶער גְרַאף פוּן חָסִיד׳ס קְרֶעטְשְׁמֶע, עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען שְׁטַארְק פַארְפְרָארֶען ·
משֶׁה הָאט אִיהְם גֶעגֶעבֶּען טְהֶעע אוּנ עֶסֶען, דֶער גְרַאף הָאט זִיךְ עֶטְלֶעכֶע שָׁעָה צַייט אוֹיסְגֶערוּהְט אוּנ עֶר הָאט גֶעבְּרוֹיכְט אַוֶועקְפָאהְרֶען וַוייטֶער · הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּא משֶׁה׳ן זָאג מִיר וָואס דוּא פֶערְלַאנְגְסְט וֶועל אִיךְ דִיר אַלְץ טְהוּן ·
— גֶעלְד פֶערְלַאנְג אִיךְ פוּן דִיר נִיט—הָאט משֶׁה צוּא אִיהְם גֶעזָאגְט—נוּר אַנְ׳אַנְדֶער טוֹבָה, בַּיי דִיר אִין דֶער אוּנ דֶער קְרֶעטְשְׁמֶע וָואהְנְט מַיינֶער אַ קָרוֹב זֶעהֶער אַנְ׳עֶהְרְלִיכֶער מַאן אוּנ יֶעטְצְט ווִילְסְט דוּא אִיהְם אַרוֹיסְטְרַייבֶּען, אָהְן אַ שׁוּם אוּרְזַאכֶע בֶּעט אִיךְ פוּן גְרַאף עֶר זָאל דָאס נִיט טְהוּן ·
אָהְן פִיל טַעֲנוֹת הָאט דֶער גְרַאף גֶעגֶעבֶּען דֶעם חָסִיד אַקָאנְטְרַאקְט אוֹיף עֶטְלֶעכֶע יָאהר, אוּנ הָאט גֶעזָאגְט · אִיךְ וָואלְט קֵיין מָאל נִיט קְלֶעהְרֶען דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶער אַרוֹיסְצוּטְרַייבֶּען פוּן קְרֶעטְשְׁמֶע · נוּר משֶׁה דֶער פָאדְרַאטְשִׁיק פוּן קָאמִין הָאט אִיהְר גֶעוָואלְט דִינְגֶען פַאר זַיינֶעם אַ קָרוֹב · מִיר אִיז גֶעוֶועזֶען שְׁוֶועהְר
איהם

איהם צו ענטזאגען, יעטצט אז עס האט זיך געמאכט אזא זאך בין איך צופרידען.

דענסטמאל האבען זייא פארשטאנען אז דער אדמו"ר האט גאר קיין טעות ניט געהאט.

# פרק י.

אשעהנע מעשה פון אדמו"ר בעל צמח צדק וואס החסיד ר' יעקב סקיראנז"ל שרייבט אין ספר "ספורים נוראים".

א איד פון צאסניק (וויטעבסקער גוב' ליעפליער אויעזד) האט געברויכט א טובה פון ליפליער קהל. איז ער געפאהרען אין ליובאוויטש בעטען דעם אדמו"ר ער זאל איהם א נ'עצה געבען וויא צו טהון.

אדמו"ר האט צו איהם געזאגט: פאהר אין ליפליע צו דעם אונ דעם מענשען זאג איהם אין מיין נאמען אז איך האב איהם געבעטען ער זאל דיר ביי קהל טהאן א טובה. איך ווייס אז ער קאן טהאן דיא טובה.

– טאמער וועט ער מיר אבער ניט גלויבען. – האט דער מענש געפרעגט.

– איך בין זיכער – האט אדמו"ר געענטפערט – אז ער וועט דיר געוויס גלויבען.

דער מענש איז אוועקגעפאהרען אין ליעפליע ער איז דארטען געקומען גאנץ פריה, אונ איז באלד געגאנגען צו יענעם מענשען וואס האט נאך געשלאפען. ער האט א קלאפ געגעבען אין טהיר האט יענער געפרעגט: ווער קלאפט?

– א איד פון צאסניק – האט ער געענטפערט.

וויא יענער האט די ווערטער דערהערט, האט ער באלד געעפענט די טהיר אונ איז איבערן שטוב ארומגעלאפען שרייענדיג: א! א איד פון צאסניק. נאכדעם האט ער זיך א ביסעל בערוהיגט אונ האט דעם אורח געפרעגט וואס ער פערלאנגט פון איהם.

דער אורח האט איהם ערצייילט זיין בקשה אונ האט געענדיגט ריידען מיט דיא ווערטער: דער אדמו"ר פון ליובאוויטש האט מיר ערלויבט אייך זאגען אין זיין נאמען דאס ער בעט אייך איהר זאלט מיר טהאן דיא טובה.

– דער אדמו"ר אליין – האט דער ליעפליער יוד געזאגט – האט מיר דא ניט לאנג געבעטען פאר אייך. עס איז א וואונדערליכע זאך, ביינאכט וויא איך האב איינגעשלאפען האב איך געזעהען דעם אדמו"ר ער איז געשטאנען ביי מיר אונ געבעטען דאס איך זאל טהאן א טובה א צאסניקער אידען. איך האב אויפגעוואכט אונ נאך א מאל איינגעשלאפען איז ער ווידער געקומען צו מיר מיט די אייגענע בקשה, אונ א דריטען מאל. יעטצט זעה איך אז דאס איז געווען ניט א פאלשער חלום.

דער איד פון צאסניק האט גע'פועלת וואס ער האט געוואלט. אונ איז געפאהרען א היים זעהער צופרידען אונ מיט גרוים שמחה.

# פרק יא.

אַ שֶׁאנֶע מַעֲשֶׂה פון אדמו״ר בַּעַל צ״צ וָואס הַרַב ר׳ נָחוּם, דֶער זָאהְן פון מִיטֶעלְן רַב הָאט עֶרְצֵיילְט:

אַז דֶער אַלְטֶער רַב הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט, פְלֶעגְט אדמו״ר בַּעַל צ״צ זִיצְעֶן אִין אַ בֶּעזוּנְדֶער חֶדֶר יוֹמָם וָלַיְלָה לֶערְנֶען בְּהַתְמָדָה. בַּייא אִיהְם אִיז דִיא צַייט גֶעוֶוען זֶעהֶער טְהַייעֶר. דַארוּם פְלֶעגְט עֶר זַיין אָבְּגֶעזוּנְדֶערְט פון אַלֶעמֶען.

אַ מָאל פְרַייטָאג פַאר נַאכְט זֶענֶען דֶעם אַלְטֶען רַבְּ׳ס אַלֶע קִינְדֶער אוּנ אַיינִיקְלֶעךְ גֶעזֶעסֶען בַּייא דֶעם אַלְטֶען רַב אִין שְׁטוּבּ נוּר אדמו״ר אִיז נִיט גֶעוֶוען. עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען אִין זַיין חֶדֶר, גְעלֶערְנְט.

זֵיי הָאבֶּען גֶעשִׁיקְט אִיהְם רוּפֶען, אִיז אדמו״ר גֶעקוּמֶען. אַרַיינְגֶעהֶענְדִיג אִין שְׁטוּבּ הָאט עֶר אַ קוּק גֶעגֶעבֶּען אִין פֶענְסְטֶער, עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען וִוי אֵיינֶער לוֹיפְט שְׁנֶעל אוֹיף דֶער גַאס.

— אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ — הָאט אדמו״ר גֶעזָאגְט צוּא זִיךְ — עֶרֶב שַׁבָּת אַזוֹיא שְׁפֶּעט, זָאל אַ מֶענְשׁ לוֹיפֶען זִינְדִיגֶען מִיט אַנְ׳עֲרֵלִית.

הַרַב ר׳ נָחוּם הָאט דָאס דֶערְהֶערְט, אִיז עֶר אוֹיף אִיהְם גֶעוָוארֶען אַ בִּיסֶעל בְּרוֹגֶז, פַאר וָואס עֶר אִיז אַ מֶענְשׁ חוֹשֵׁד מִיט אַזַא עֲבֵירָה. ר׳ נָחוּם הָאט גֶעוָואלְט זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגֶען אִיז עֶר יֶענֶעם מֶענְשֶׁען נָאכְגֶעגַאנְגֶען אוּנ גֶעזֶעהֶען וִויא יֶענֶער שְׁטֶעהְט אִין אַ גֶאסֶעל אוּנ רֶעדְט מִיט אַנְ׳עֲרֵלִית. ר׳ נָחוּם אִיז זֶעהֶער נִתְפַּעֵל גֶעוָוארֶען, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיף יֶענֶעם שְׁטַארְק גִיבַּייזֶערְט. בִּיז יֶענֶער הָאט חֲרָטָה גֶעהַאט אוּנ גֶעקוּמֶען צוּם אַלְטֶען רַב בֶּעטֶען אַ תְּשׁוּבָה.

ר׳ נָחוּם הָאט גֶעזָאגְט: יֶעטְצְט וֵויסֶען מִיר זַיין וַוייטֶען קוּק אוּנ מֶען בַּארְף הָאבֶּען פַאר אִיהְם גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל. אָמֵן!—

# פרק יב.

## א) דִיא סִבָּה פון דֶער מַחֲלוֹקָה.

דִי מְשׁוּלָחִים פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבֶּען גֶערֶעדְט „לָשׁוֹן הָרָע״ אוֹיף דֶעם אדמו״ר הַזָקֵן פַאר דֶעם הַרַב הַקָדוֹשׁ ר׳ אַבְרָהָם, אוּנ פַאר דֶעם הַרַב הַקָדוֹשׁ ר׳ בָּרוּךְ.

דוּרְכְדֶעם אִיז גֶעוָוארֶען אַ גְרוֹיסֶע שְׁטַארְקֶע מַחֲלוֹקָה צְווִישֶׁען דֶעם רַב מִיט זַייא, דֶער רַב הָאט אִין זַיינֶע סוֹף יָאהְרֶען גֶעלִיטֶען דֶערְפוּן זֶעהֶער פִיל, אֵיינִיגֶע יָאהְר הָאט דִיא מַחֲלוֹקָה גֶעדוֹיעֶרְט.

דֶער אדמו״ר אִיז אַלֶע מָאל גֶעוֶוען אַ גוּטֶער פְרַיינְד מִיט הַרַב ר׳ בָּרוּךְ, הָאט עֶר גֶעוָואלְט זַיין מִיט אִיהְם וַוייטֶער אוֹיךְ גוּטֶע פְרַיינְד. אִיז עֶר גֶעפָאהְרֶען צוּ אִיהְם אִין שׁוּלְטִשִׁין (רַבִּי בָּרוּךְ הָאט דָארְטֶען אִין יֶענֶער צַייט גֶעוָואהְנְט) מִיט אִיהְם רֵיידֶען אוּנ מַאכֶען שָׁלוֹם.

ראש חודש אדר אין יאהר תק"ע איז אדמו"ר געקומען צוא איהם, רבי ברוך האט איהם מקבל פנים געוועזען זעהער פריינדליך, ער האט איהם פיל כבוד געגעבען, נור נאכדעם איז דיא מחלוקה געווארען נאך גרעסער. ביז אדמו"ר איז פון איהם אוועק געפאהרען. ד. ה. פאר זיין אוועקפאהרען פון איהם האבען זיי זיך שטארק צוקריגט.

## ב) המות והחיים ביד הלשון.

וויא גרויס דיא מחלוקה אונ שנאה איז ביי זייא געוועזען. נאך פיל גרעסער אונ שטארקער האבען זייא מקפיד געוועזען איינער אויף דעם אנדערן צו היטען דעם כבוד פון זיין נעגנער ער זאל פון אנאנדערן ניט באליידיגט ווערען, אזויא ווי מיר וועלען ערציילען א שרעקליכע מעשה וואס האט געטראפען.

אין בערדיטשוב האט געוואהנט רבי ברוך'ס א חסיד. ער איז געוועזען א פיינער עדעלמאן אונ רייך מיט גרויסע געשעפטען.

א מאל האט ער געהערט דאס דער אדמו"ר הזקן דארף קומען פון טולטשין אין בערדיטשוב, טרייסטען די הויז–געזינד פון זיין הייליגען חבר הרה"ק רבי לוי יצחק נ"ע וואס ער איז אין יענעם יאהר נסתלק געווארען.

דער חסיד האט ניט געוואוסט ווי זיך נוהג צו זיין, זאל ער אריינגעהען צום אדמו"ר, האט ער מורא דאס זיין רבי ר' ברוך וועט מקפיד זיין. אונ אויב ער וועט ניט געהען צום אדמו"ר, קאן דער אדמו"ר אויף איהם מקפיד זיין.

ביי איהם איז געבליבען דער בעשלוס, דאס אין דעם איינעגעם טאג וואס אדמו"ר וועט קומען אין בערדיטשוב וועט ער אוועקפאהרען צו זיין רבי ר' ברוך. אונ וועט דארט זיצען ביז אדמו"ר וועט ארויספאהרען פון בערדיטשוב אונ אזויא האט ער געטהון.

– וואס הערט זיך נייעס אין בערדיטשוב – "האט רבי ברוך איהם געפרעגט"

דער חסיד האט פארשטאנען זיין כוונה ער וויל וויסען אויב דער רב איז געקומען אין בערדיטשוב נור ער האט ניט געוואוסט ווי צו ענטפערן. זאל ער זאגען דעם טיטול "מורינו" אפשר וועט רבי ברוך מקפיד זיין אויף דעם אונ זאגען זיין נאמען אהן "מורינו" איז דאס א בזיון פאר אדמו"ר דערפאר האט ער איהם געענטפערט: דער ליטוואק איז אצונד אין בערדיטשוב.

– וועלכער ליטוואק – האט רבי ברוך געפרעגט–איז דען גאר איין ליטוואק פאראן אויף דער וועלט.

– דער ליטוואק פון לאדי–האט דער חסיד געענטפערט.

– אונ אין לאדי איז דען נור איין ליטוואק פאראן.–האט רבי ברוך געפרעגט.

– דער ה' ז. פון לאדי–האט דער חסיד געענטפערט.

וויא ער האט דאס אויסגערעדט. איז ר' ברוך געווארען אין גרויס קפידה. אונ האט צו איהם געזאגט: דוא בינסט מבזה א תלמיד חכם. דערפאר וועסט דוא

וֶוערֶען אָרֶעם אוּנ אַ בַּעל יִסוּרִים בִּיז דַיין טוֹיט וֶועסְט דוּא מְקַבֵּל קִצְבָּה זַיין. שְׁטַארְבֶּען וֶועסְט דוּא נִיט כְּדֶרֶךְ כָּל יִשְׂרָאֵל. אוּנ דוּא וֶועסְט נִיט קוּמֶען צוּא קֶבֶר יִשְׂרָאֵל.

דֶער חָסִיד אִיז בַּאלְד אִין חַלָשׁוֹת גֶעבְּלִיבֶּען. ר׳ בָּרוּךְ הָאט אִיהְם קוֹים אֶפְּגֶעמִינְטֶערְט. הָאט שְׁטַארְק גֶעוַויינְט אוּנ גֶעזָאגְט: רַבִּי הָאט אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת. אִיךְ הָאבּ מַיין צוּנְג נִיט גֶעהִיט, אַצוּנְד זֶעה אִיךְ וָואס הֵייסְט הַחַיִּים וְהַמָּוֶת בְּיַד הַלָּשׁוֹן, אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֶענְט מִיר מוֹחֵל.

— אִיךְ קָאן דִיר גָאר נִיט הֶעלְפֶען — הָאט רַבִּי בָּרוּךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט — פָאהְר צוּ אִיהְם אִין בַּרְדִיטְשׁוּב אֶפְשָׁר וֶועט עֶר דִיר קָאנֶען הֶעלְפֶען.

## ג) אַ בִּיסֶעל גֶעהָאלְפֶען.

דֶער חָסִיד אִיז גֶעקוּמֶען אִין בֶּערְדִיטְשׁוּב זֶעהֶער פַארְבִּיטֶערְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶע־שֶׁעמְט אַרַיינְצוּגֶעהֶן צוּם רַב אִיהְם בֶּעטֶען מְחִילָה. הָאט עֶר גֶעבֶּעטֶען אַנְ׳אֵיינִיקֶעל פוּן הרה״ק רל״י עֶר זָאל דֶעם רַב עֶרְצֵיילֶען דִיא מַעֲשֶׂה אוּנ בֶּעטֶען אִיהְם עֶר זָאל אִיהם מוֹחֵל זַיין.

דֶער אֵיינִיקֶעל הָאט דֶעם רַב עֶרְצֵיילְט דִיא גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, הָאט אדמו״ר גֶעאָזָאגְט: זָאל עֶר אַלֵיין קוּמֶען צוּא מִיר.

דֶער חָסִיד אִיז גֶעקוּמֶען אוּנ הָאט שְׁטַארְק גֶעוַויינְט פַאר אִיהם, אוּנ גֶעזָאגְט רַבִּי הֶעלְפְט מִיר.

— אִיךְ קָאן דִיר גָאר נִיט הֶעלְפֶען — הָאט דֶער רַב גֶעעֶנְטְפֶערְט — וַוייל אַקְלָלָה פוּן אַתַּלְמִיד חָכָם מוּז מְקוּיָּם וֶוערֶען, נוּר אוֹיבּ דוּא וֶועסְט הָאבֶּען אַזְכוּת וֶועסְט דוּא שְׁטַארְבֶּען כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ אוּנ קוּמֶען צוּא קֶבֶר יִשְׂרָאֵל.

דֶער חָסִיד הָאט גֶעוָואלְט אַלְץ פַארְקוֹיפֶען אוּנ קוֹיפֶען אַהוֹיז. לֶעבֶּען פוּן דִיא דִירָה גֶעלְד, וֶועט דָאס הֵייסֶען אַז עֶר לֶעבְּט פוּן גֶעקְלִיבֶּענֶע פוּן לַייטֶען, וַוייל עֶר וֶועט דַארְפֶען קְלַייבֶּען דִירָה גֶעלְד. אָבֶּער עֶהֶעדֶער עֶר הָאט דָאס גֶעטְהוּן, אִיז עֶר גֶעוָוארֶען אַ נִשְׂרַף, עֶס אִיז אַלְץ פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען בַּיי אִיהְם אִיז נוּר גֶעבְּלִיבֶּען אַיין קֶעלֶער מִיט פַּאסוֹדֶע הָאט עֶר דָאס פַארְפַּאקְט אִין אַ גְרוֹיסֶען קַאסְטֶען. אוּנ אַרוּמְגֶעבּוּנְדֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטְרִיק אַרוֹיפְצִיהֶען אוּנ פַארְקוֹיפֶען. וֶועט עֶר הָאבֶּען גֶעלְד אוֹיף חַיֵי שָׁעָה. אָבֶּער עֶס הָאט אַנְ׳אוּנְגְלִיק גֶעטְרָאפֶען: צִיהֶענְדִיג דֶעם קַאסְטֶען אִיז דִי שְׁטְרִיק צוּרִיסֶען גֶעוָוארֶען. דֶער קַאסְטֶען אִיז אַרַיינְגֶעפַאלֶען אִין קֶעלֶער, דִיא פַּאסוֹדֶע אִיז צוּבְּרָאכֶען גֶעוָוארֶען גָאר אִין גַאנְצֶען. עֶר הָאט זַיין לֶעטְצְטֶען הָאפְנוּנְג פַארְלָארֶען. גֶעבְּלִיבֶּען אַזוֹיא אָרֶעם אַז עֶר הָאט גֶעמוּזְט אָנְקוּמֶען בֶּעטֶען נְדָבוֹת, עֶס אִיז אִיהְם גֶעוֶוען שְׁלֶעכְט אוּנ בִּיטֶער.

דִי שְׁטָאדְט בַּעֲלֵי בָּתִּים הָאבֶּען גֶעהַאט גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף אִיהְם הָאבֶּען זֵייא אִיהְם גֶעמַאכְט פַאר אַ בַּאטְמַאן אִין מַאיֶעסְטְרַאט.

א קורצע צייט האט ער געלעבט אין דחקות, נאכדעם האט ר' ברוך'ס קללה איהם נאכגעיאגט. ער האט געגעבען א פאספארט א מענשען וואס האט געהאט אויף זיך א גרויסען משפט. באלד איז די זאך דערוואוסט געווארען, האט מען איהם פון מאגיסטראט ארויסגעטריבען און אויף איהם געמאכט א גרויסע דיעלע.

דער חסיד האט געמוזט געהמען "קצבה" ער האט געלעבט אין דחקות. דערצו האט ער מורא געהאט פאר דעם סוף משפט. פון גרויס יסורים און פחד איז ער קראנק געווארען א לאנגע צייט איז ער געלעגען צו בעט. ער האט שטענדיג געוויינט און געקלאגט אויף זיינע גרויסע יסורים, ער האט זיך אליין בעשולדיגט. פיל מאל האט ער געזאגט ודוי און געבעטען נאמט ער זאל צוגעהמען זיין נשמה אז ער זאל קאנען קומען צו קבר ישראל.

גאטט האט זיין תפלה און בקשה צוגעהערט. ער איז געשטארבען און צו קבר ישראל געקומען.

נאך זיין טויט איז געקומען א סליעדאוואטעל און האט בעפוילען אפנען דעם קבר ער וויל איהם זעהען. זיין באפעל האט מען געמוזט טהון.

א היפשע ווילע איז ער געשטאנען און געקוקט אויף דעם טויטען קערפער.

— גליקליך בינסט דו — האט דער סליעדאוואטעל געזאגט קוקענדיג אויף דעם נפטר — וואס דוא בינסט געשטארבען, ווען ניט וואלט איך דיר געגעבען אנ'אנדער ארט. —

פון דעם ספור קאן מען זיך אפלערנען א מוסר השכל: ווען צוויי צדיקים האבען א מחלוקה דארף קיין מענש זיך ניט אריינמישען, די צדיקים אליין האלטען איינער פון דעם אנדערן א עולם ומלואה זייער אלעמענ'ש זכות זאל אונז ביישטעהען אמן.

## ד) אַ שְׂרֵפָה.

בעת, אין דער צייט וואס אדמו"ר איז געפאהרען צו הר"ר איז ער געקומען פרייטאג אין א שטאדט אויף דעם וועג וואס דארטען האבען געוואהנט נור דיא חסידים פון הר"ר ברוך. דער אדמו"ר האט געוואלט דארטען אין שטאדט בלייבען שבת. אבער די חסידים האבען איהם געזאגט דאס ער זאל בעסער אוועקפאהרען. ווייל קיין חסיד וועט איהם ניט אריינלאזען נאכטיגען. זיי וועלען איהם ניט אריינלאזען אין קיין בית המדרש, אפילו ניט אין מקוה. ער האט געמוזט פון דארטען אוועקפאהרען.

בעת ער איז דורכגעפאהרען דיא שטאדט האט ער געהערט וויא מענשען זענען איהם מבזה, אנדערע האבען געווארפען שטיינער אין ביידעל, נאר אדמו"ר האט געשוויגען, גאר ניט געענטפערט, קיין ווארט.

אין יענעם פרייטאג איז דיא גאנצע שטאדט פארברענט געווארען.

מיט דער צייט האט מען אויסגעבויט די שטאדט אבער זיא האט א צווייטען מאל

מאל אפגעברענט . און אזוי פאסירט כסדר , וויא זייא בויען פון דאס ניי ברענט
באלד אפ , עס העלפט דערצו קיין עצה , קיין שמירה .
זיי האבען פארשטאנען אז דיא שטראף פון גאט איז ווייל זיי האבען מבזה
געוועזען דעם אדמו"ר . האבען זייא געוואלט פאהרען צוא איהם בעטען מחילה , דער־
ווייל איז אדמו"ר נסתלק געווארען .

אמאל איז אין יענע שטאדט געקומען דעם אדמו"ר'ס זאהן הרה"ק ר' חיים
אברהם נ"ע . ער האט ניט געוואלט דארטען זיך אפשטעלען . אבער די שטאדט
לייט האבען דערוואוסט פון דעם . זענען זיי איהם ענטגעגען געגאנגען און גרוים
כבוד געגעבען . און געבעטען טאמער קאן ער פועלן בייא זיין פאטער ער זאל
זייא מוחל זיין .
– איך וועל זיין אויף מיין פאטערס קבר – האט ער זייא געענטפערט – וועל איך
אין זיין אהל אויסלייגען א פדיון פאר אייער שטאדט . זי זאל אויפהערען צוברענגען
ער האט זיין הבטחה מקיים געוועזען .
פון יענער צייט אן האט דיא שטאדט ניט אזוי שטארק געברענט ווי פריהר
עס איז גרינגער געווארען .

## ה) דיא גרויסע התפעליות .

דער אדמו"ר בעת ער איז געקומען אין מעזעריטש האט איהם זיין רבי הה"מ
געזאגט דאס ער זאל לערנען צוזאמען מיט זיין זאהן הרר"א . דעם אדמו"ר איז דאס
גיט געפאלען געוועזען . ווי ער האט געגלויבט דאס דער קדוש איז ניט אזאנ'ן
גרויסער מאן דערפאר האט ער זיך פון איהם מרחק געוועזען . ביז עס האט געטרא־
פען אזא מעשה .
דער אדמו"ר איז אין יענער צייט געוועזען זעהער ארעם . מעהר וויא איין
העמד וועלכע ער האט איהר געטראגען , האט ער ניט געהאט .
ער פלעגט אוועקגעהען צום טייך וואו קיינער איז דארטען ניטא , זיך אויס־
טהון און אויסוואשען דיא העמד , אויסטריקען , ביז זיא איז טרוקען געווארען .
האט ער אנגעצויגען אויף זיך זיין מאנטעל און האט זיך געזעצט מזר'ן דיא
גמרא בבא מציעא .
ענדער דיא העמד איז טרוקען געווארען , האט ער פיל בלאטער גמרא
אפגעלערנט , נאכדעם האט ער דיא העמד אנגעטהון און איז געגאנגען אהיים .
פארבייגעהענדיג דאס הויז וואו דער קדוש האט געוואהנט , האט דער קדוש
געאפענט אפענסטער און געזאגט צוא איהם שרעקליך וויא מעשה התחתונים איז
שטארק מגושם , זייא ווערט ניט נתקבל למעלה . וואס דארף מען בעסער וויא
א יוד וואס האט ניט מעהר וויא איין העמד און געהט אליין צום טייך אויסוואשען
איהם

הנאה, און ביא איהם איז דאס אשמה, ווערט ער ניט זוכה זיין צו זעהען בנחמות ציון און דיא שמחת לויתן און דיא חופת צדיקים וכו׳. דאס שרייבט דער זון פון בעל „נועם אלימלך" אין אבריף וואס איז גידרוקט אין סוף ספר נועם אלימלך, אויך שטייט דארטין דיא ווארטער: וויא בעונותינו הרבים האט מען אויף אונז נחר געווען אגבירה וויא דאס איז ידוע, איז דאס נור מחמת דיא מחלוקת וואס עס איז געווען אויף דיא צדיקים, און דער פאר וואס מען האט געדרוקט אזעלכע שאנדליכע בריעף.

דער זעלביגער הרה"ק זאגט אין זיין ספר נועם אלימלך: דיא גדולי הדור רודפין מיך געוויס איז דאס ניט בחנם, נור גאטט וויל אזויא, דער פאר בעט איך פון אלע אנ"ש זייא זאלען זיך לערנען פון מיר צו טהאן וויא איך טהוא דיא מתנגדים האבען מיין מנין (דיא שטיבעל וואו איך דאווען) פארמאכט הגם דאס קריינקט מיך צום טויט, דאך טראכט איך ביא זיך: דאס געוויס בין איך ניט ראוי צו דאווענען אין מיין מנין, און דער עיקר איז דאס הארץ זאל זיין ריין און קלאהר פאר גאטט, דער פאר זיטץ איך און שווייג, זיך בין איך דן לכף הזכ און מיין חבר לכף זכות, (דיא אמתע עהרליכע אידען ווילען ניט טהאן אמצוה וואס דורך דעם ווערט חס ושלום אמחלוקת).

דיא מחלוקה אין אונזער מדינה האט זיך געשטארקט, ווייל דער הגר"א זצ"ל האט פיל פון זיינע תלמידים פערנאנדער געשיקט אין פערשידענע שטאדט זייא זאלען ניט צולאזען דיא מתנגדים זאלען ווערען חסידים, דער הגר"א האט דאס דאריבער געטאהן ווייל ער האט געגלויבט דאס דיא חסידים האבען אקראפט פון אמאגנעט זיי ציהען צו זיך צו פיל אומשולדיגע מענשען, און דיא תלמידים זאלען דיא אנשטעקענדע קראנקהייט (דיא חסידות) ניט לאזען פארברייטעט ווערען. דיא מיטלען וואס די תלמידים האבען אנגעווענדעט דער צו פארשטעהט יעדער.

פון דיא רדיפות און גרויסע צרות וואס אנ"ש האבען געהאט פון זייערע שונאים, זייער זיפצען און קרעכצען זענען געהערט געווארען אויך אין די הייליגע לאנד. דיא רביים וואס זענען געזעסען אין ארץ ישראל האבען געשריבען אבריעף צו אנ"ש צו טרייסטען און שטארקען זייא. דער בריעף איז פון דארט אנגעקומען אין יאהר התקמ"ג, (ווייל דעמאלט איז נאך ניט געגאנגען קיין פאסט פון א"י צו אונז, דיא בריעף האבען זייא געשיקט דורך אגעלעגענהייט ווען איינער איז פון דארטען געפאהרען צו אונז. דער פאר האט אפטמאל געדויערט עהדער אבריעף איז פון דארטען געקומען צו אונז אגאנץ צייט). עטלעכע ווארטער וועלען מיר איבער זעטצען פון זייער אבריעף.

דעם געשרייא פון אונזערע אנ"ש וואס מיר ליבען זייא וויא אונזער לעבען האבען מיר געהערט, וכו׳, נור דאס איז קיין נייעס ניט אזעלכע זאכען טרעפען זעהער אפט כמעט אין יעדען דור. דען קוים ארבייט אמענש אין חכמה און דעת, געפינען זיך פיל מענשען וואס ווילען איהם שטערען פון זיינע הייליגע ארבייט, עס האט שוין אמאל געטראפען אז אפאטער האט זיין איינענעם זאהן

איבערגעגעבען

איבערגעגעבען צום הרגען, ווייל דער זאך (דאס איז געווען אברהם אע"ה) האט אנגעפאנגען מגלה צו זיין אחדות הבורא, זיין פאטער (תרח) האט אויף איהם קיין בהמנות ניט געהאט, און אברהם האט אויף זיך מקבל געווען אלץ וואס איהם האט געטראפען, ער האט זיך פארלאזען אויף גאטט, ער האט געגלויבט אין בורא עולם, מיט זיין גאנצען הארצען האט ער געדינט צו השי"ת, ביז נאכדעם האט ער זוכה געווען צו מאכען דעם פאטער פאר אבעל תשובה *).

דער עיקר איז יעדערער פון אנ"ש זאל תשובה טאהן, ווייל די צרות זענען אציידען דאס דער מענש זאל וויסען אז אלץ איז פון גאטט, דאס איז ניט אמקרה חלילה, נור אט אזויא איז אין הימעל געמשפט געווארען, און יעדער פון אונז דארף האפפען דאס אונזער שטארקער לעבעדיגער גאטט וועט אונז קראפטיגען אלץ אריבער צו טראגען און ער וועט אונז חלילה ניט פאר לאזען וכו' וכו'.

די אלע רייד וואס זייא האבען געשריבען איז אויף אונז מקוים געווארען, הגם עס האט אלאנגע צייט געדויערט אונזערע רדיפות, אבער צום סוף האט גאטט אונז געהאלפען, ער האט אונז מציל געווען פון אלע שונאים וואס האבען געוואלט אויף אונז זעהען נקמה וכו' וכו' אונזערע שונאים די קנאים האבען אונז געפייניגט און אויף אונז איז מקוים געווארען דער פסוק וואס זאגט וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרץ (שמות א' יב'). די חסידים זענען געווארען מעהר און מעהר. דען פיעל פון די מתנגדים זענען געווארען חסידים ווייל זייא האבען געזעהען דאס די בלבולים זענען פאלש, די עהרליכע פרומע מתנגדים האבען זיך איבער צייגט אז די חסידים דיענען גאטט מיט דעם גאנצען הערצען, זייא זענען מקיים די תורה אפילו א דקדוק קל, די חסידים טהוען פיל מאל לפנים משורת הדין, ביי זייא איז שלום, אהבה, אחוה ורעות וכו' וכו'.

פיעל פון די גרויסע מתנגדים האבען געוואלט ווערען חסידים אבער זייא האבען מורא געהאט פאר די רבנים, דער פאר זענען זייא געשטאנען פון ווייטען (ניטראל) זייא האבען געשוויגען און ניט גערעדט ניט געזאגט קיין גוטעס און ניט קיין שלעכטעס קיין פארטייא.

דער הגר"א זלה"ה האט געזעהען דאס זייגע רייד העלפען ווייניג, האט ער אנגעהייבען צו שווייגען, און אז די מחרחרי ריב וואס זייער כוונה איז ניט

*) דעם ועלביגען אנטווארט האט הרה"ק ר' יצחק בעל נועם אלימלך געענטפערט זיין זון אויף די פראגע וואס זיין זון האט איהם געפרעגט אודות וואס מען האט גירודפ'ט הרה"ק ר' לוי יצחק בעת ער איז געווען א רב אין זעלחאב פאר וואס ווערט ער אזויא שטארק געדרודפ'ט? — דוא דארפסט וויסען מיין קינד אז אברהם אע"ה איז מעהר צרות אויסגעשטאנען אז ער איז געקומען אין כנען איז געווארען אין לאנד אהונגער, האבען די איינוואהנער פון יענע לאנד געזאגט אז אברהם'ס זינד ליידען זייא, נור צו ליב איהם איז געווארען דער הונגער, האט אברהם דאריבער געמוזט געהען נאך מצרים.

ניט געווען לשם שמים, האבען געזעהען דאס דער הגר"א שווייגט, האבען זייא אויך געשוויגען *).

דער הרב האדמו"ר האט געשריעבען בריעף צו דיא מתנגדים וואס זענען געשטאנען פון ווייטען אונ האבען זיך ניט געמישט אין דיא מחלוקה, ער האט זייא אין זיינע בריעף געבעטען דאס זייא זאלען מאכען שלום, ער, דער רב, איז מוכן ומזומן צו מאכען שלום מיט זיינע מתנגדים, אונ צו אנ"ש האט אויך דער רב געשריעבען אז זייא זאלען זעהען מיט אלע מעגליכקייט צו מאכען שלום, דער רב האט מיט זיינע בריף פיל גיפייעלט, פיל זיינען גישטאנען פון ווייטען, אונ פיל מתנגדים האט ער צו גיצויגין צוא זיך אז זייא זיינען גיווארין דיא בעסטע גוטע פריינד דעם רב מיט דיא אנ"ש, זיין בריעף וואס ער האט געשריבען צו הרה"ח ר' אלכסנדר סנדר אין שקלאוו האט אויף איהם אזויא פיל געווירקט, אז ער איז נאכדעם גיפאהרין צום רב אונ ער איז געווארען זייער אגרויסער חסיד, אונ דיא זעלביגע איז געווען מיט נאך גרויסע פארנעהמע מענשען פון שקלאוו, למשל: דער הרה"ח המפורסם ר' אברהם שיינעס זלה"ה פון שקלאוו איז אין אנפאנג געווען אגרויסער געגנער פון רב, נאכדעם איז ער געווארען אגרויסער חסיד. אונ הגם ער האט געהאט גרויסע צרות פון זיין פאטער הר"ר צבי אונ פון זיין גאנצע פאמיליע, פאר וואס ער איז געווארען אחסיד אף על פי כן האט ער זיך מקרב געווען צוא דיא חסידים, נאכדעם איז ער געפאהרען צום רב אונ ער האט זיך צו איהם צוגעבונדען מיט אלע זיינע קראפטען, אונ אין אצייט פון עטליכע יאהר איז ער געווארען אחתן פאר דעם רב'ס טאכטער, דער ר' אברהם שיינעס האט אין שקלאוו געמאכט פון פיל גרויסע מתנגדים אז זיי זענען געווארען גרויסע חסידים. זייא האבען זיך באהעפט אן דעם רב מיט אזא גרויסע אהבה אז זייא זענען געווען מוכן ומזומן זיך צו לאזען הרגען פאר זיין אשטיקעלע כבוד.

ווי דער רב וואלט געוואונען אגרויסען געווינ'ש אזוי האבין זיך גיפרייט דער רב מיט די אנ"ש אז דער גאון ר' חנוך העניך שיק' פון שקלאוו וואס ער איז געווען פון די מנגדים איז געווארען נכנע צום רב, באמת ובתמים אונ ער האט מקרב געווען זיין זאהן הר"ר פנחס וואס ער איז גיווען דעם רב'ס אחסיד בלב ונפש, דער גאון שיק האט געבעטען ר' צבי שיינעס דאס ער זאל ניט ערווייטערען פון זיך זיין זאהן ר' אברהם דערפאר וואס ער איז געווארען אחסיד, ווייל ער איז דערמיט ניט אב-געטרעטען חלילה פון דעם דרך ה', אדרבה פארקעהרט . . . וכו' אזוי האט דער

גאון

---

*) עס זענען פאראן מענשען וואס האבען פערגעניגען צו קריגען זיך מיט וועמען זייא קאנען, זייא זוכען צו מאכען אינטריגעס צו ווישען מענשען יענע זאלען זיך אויך צאנקען, בייא זייא איז קיין עבירה ניט צו זאגען ליגען אויסטראכטען וואס ניט געשטויגען ניט געפלויגען אבי יענע זאלען זיך קריגען דאך מעהרערע מאל פאלען אריין דיא כשרה צדיקים דיא תמימים, זייא קלעהרען גאר ניט אז יענער זאגט ליגען, זייא טראכטען קיין מאל ניט אז יענער איז אפאלשער מענש אונ אבעטריגער ווייל דער אמת'ר תמים רעכנט יענעם נאך זיך, קאן איהם גאר ניט קומען אויף דיא געדאנקען אז דער מענש זאל זאגען אליגען.

גָאוֹן שׁוֹין גֶעשֶׁעצְט גֶעעֶהרְט אוּנ גֶעאַכְט דֶעם רַב אַז אִין יָאהְר תקנ"ד הָאט דֶער רַב גֶעדְרוּקְט הל' ת"ת (נָאכְדֶעם הָאט דֶער רַב דָאס גֶעדְרוּקְט אִין זַיין שֻׁלְחָן עָרוּךְ) הָאט דֶער גָאוֹן שׁוֹין גֶעגֶעבֶּען דַארוֹיף זַיין הַסְכָּמָה אוּנ עֶר הָאט זֶעהֶער גֶערִיהְמְט דֶעם רַב מִיט זַיין טְהַייעֶרֶען סֵפֶר.

מִיר קֶענֶען יֶעצְט נִיט אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִיא נֶאמֶען פוּן אַלֶע גְאוֹנִים, צַדִיקִים, וּתְמִימִים וִירֵאִים וָואס הָאבֶּען גֶעמַאכְט שָׁלוֹם מִיט אנ"ש, אוּנ הָאבֶּען פִיעֶל כָּבוֹד גֶעגֶעבֶּען דֶעם רַב, מִיר קָאנֶען נוּר זָאגֶען אַז פִיעל גְרוֹיסֶע מֶענְשֶׁען גְרוֹיס אִין תּוֹרָה, יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים זֶענֶען גֶעוָוארֶען דֶעם רַבְּ'ס חֲסִידִים, אוּנ דֶער גְרוֹיסֶער שְׁטוּרֶם וִוינְד אִיז שְׁטִיל גֶעוָוארֶען בִּיסְלֶעכְוַויז הָאט דִיא מַחֲלוֹקֶה אוֹיפְגֶעהֶערְט, עֶס אִיז כִּמְעַט פַאר גֶעסֶען גֶעוָוארֶען, אוּנ דִיא אנ"ש הָאבֶּען גֶעלֶעבְּט רוּהִיג בִּיז דֶעם יָאהר תקנ"ז, נָאכְדֶעם אִיז דִיא מַחֲלוֹקָה נָאךְ פִיל שְׁטַארְקֶער אוּנ גְרֶעסֶער גֶעוָוארֶען ווִיא מִיר וֶועלֶען אי"ה וַויטֶער עֶרְצֶעהְלֶען רִיכְטִיג אוּנ קְלָאהְר.

---

פרק טו. דֶער רַב הָאט גֶעדְרוּקְט דֶעם „תַּנְיָא". דִיא מַחֲלוֹקָה אִיז שְׁטַארְקֶער גֶעוָוארֶען.

אִין יָאהְר תקנ"ז הָאט דֶער רַב אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ דְרוּקֶען זַיין הֵיילִיגֶען סֵפֶר „לִקּוּטֵי אֲמָרִים" (תַּנְיָא) דֶער תּוֹכֶן פוּן דֶעם סֵפֶר אוּנ זַיין יְסוֹד אִיז גֶעגְרִינְדֶעט אוֹיף דִיא כִּתְבֵי הארי"ז ז"ל אוּנ אוֹיף דִיא קַבָּלָה וָואס עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע רַבֵּיים נ"ע.

אִין יָאהְר תקנ"ז צְוַואנְצִיג טָאג אִין חֹדֶשׁ כִּסְלֵו אִיז דֶער תַּנְיָא אַרוֹיס פוּן דְרוּק אוּנ עֶר אִיז גֶעבְּרַאכְט גֶעוָוארֶען אִין פִיעל שְׁטֶעדְט, אוֹיךְ אִין ווִילְנָא. דֶער הגר"א הָאט אִיהם גֶעלֶעזֶען אוּנ עֶר הָאט גֶעזָאגְט דָאס אִין תַּנְיָא אִיז פַארַאן אֶפִּיקוֹרְסֶת אוֹיךְ דֶער סֵפֶר „צַוָּאַת הריב"ש" להבעש"ט, אִיז דֶעם הגר"א נִיט גֶעפֶעלֶען גֶעוֶוען, אוּנ דֶערְפַאר הָאט מֶען דֶעם סֵפֶר בַּן גֶעוֶוען צוּ פַארְבְּרֶענֶען אִין ווִילְנָא אֶפֶענְטְלִיךְ אוֹיף דֶער גַאס.

דִיא ווִילְנֶער אנ"ש הָאבֶּען דָאס מוֹדִיעַ גֶעוֶוען דֶעם רַב אוּנ זַייא הָאבֶּען אִיהם גֶעבֶּעטֶען דָאס עֶר זָאל הָאבֶּען אַוִכּוּחַ מִיט דֶעם הגר"א, עֶר זָאל זִיךְ פֶערְטְהֵיידִיגֶען אוֹיף דֶעם טָעוּת „וָואס דֶער הגר"א רוּפְט דָאס אַפִּקוֹרְסֶת", וֶועט וֶוערֶן שָׁלוֹם, הָאט דֶער רַב זַייא גֶעעֶנְטְפֶערְט אַגְרוֹיסֶען בְּרִיעף, עֶר הָאט זַייא גֶעוִויזֶען אַז עֶר זוּכְט נוּר שָׁלוֹם. אוּנ שׁוֹין לַאנְג הָאט עֶר גֶעוָואלְט הָאבֶּען מִיט דֶעם הגר"א אַוִכּוּחַ אָבֶּער דֶער הגר"א הָאט נִיט גֶעוָואלְט, אוּנ עֶר אִיז נִיט זִיכֶער אַז דֶער הגר"א וֶועט יֶעטְצְט יָא וֶועלֶען, עֶר וָואלְט אָנְוֶוענְדֶען אַלֶע קְרֶעפְטֶע נוּר צוּ הָאבֶּען מִיט אִיהם אַוִכּוּחַ אוּנ או"ב אִיהר ווַייסְט נִיוּוִים – הָאט דֶער רַב צוּ זַייא גֶעשְׁרִיבֶּען – אַז דֶער הגר"א ווִיל יֶעצְט הָאבֶּען אַוִכּוּחַ זָאלְט אִיהְר זֶעהֶן אַז דֶער הגר"א זָאל אַלֶע זַיינֶע טַעֲנוֹת אוּנ תְּבִיעוֹת גֶעגֶען מִיר, מִיט מַיין סֵפֶר תַּנְיָא אוֹיפְשְׁרַייבֶּען בִּכְתָב, אוּנ אִיךְ וֶועל אי"ה עֶנְטְפֶערְן אוֹיךְ בִּכְתָב, נָאכְדֶעם זָאל מֶען דֶעם כְּתָב אָבְּדְרוּקֶען אוּנ אַוֶועקְשִׁיקֶען צוּ אַלֶע רַבָּנִים דִיא סְפָרַדִים וָואס גְלֵייבִּין אִין קַבָּלַת הארי"ז ז"ל, אַז

איז בייא האר"י ז"ל בקבלה פון אליהו הנביא ז"ל) אונ זייא זאלען פסקענען ווער עס זאגט רעכט, לא אלמן ישראל, בייא אידען זענען פאראן גרויסע גאונים אונ צדיקים וואס קאנען מכריע זיין, וואס שעמען זיך פאר קיינעם ניט צו זאגען דעם אמת.

אונ דאס וואס איהר האט מיר מודיע געוועזן פון דיא שרפה וואס אין ווילנא האבען זייא פארברענט דעם ספר פון בעש"ט, מוז איך אייך זאגען אונ בעטען דאס איהר זאלט אייך ניט קרינקען פאר בעש"ט, נאטש ב"ה וויל ניט זעהען אזא מחלוקה, בייא אייך איז דאס אנייעס, דער פאר וואונדערט איהר זיך, אבער באמת האט שוין אזעלכע מעשיות געטראפען בייא אידען, הייליגע ספרים זענען דורך קנאים פארברענט געווארען נאכדעם אין אלאנגע צייט שפעטער האט מען זיך ארומגעזעהען דעם גרויסען טעות *).

דעם אמת מוז איך זאגען פאר דיא לעזער דאס דעם רב'ס בריעף וויא ער איז געדרוקט אין טהייערן ספר „בית רבי" האב איך ניט געפונען פאר גאטהיג מעתיק צו זיין ווארט אין ווארט וויא ער האט געשריבען, עס איז גענוג דעם תוכן פון בריעף, פון דעם הכן זעהט יעדער לעזער דיא גרויסע צדקות, ענוות, אונ חסידות פון דעם רב וויא ער האט געוואלט שלום, נור מעשה שטן, וואס מעהר דער רב האט געוואלט שלום, איז מעהר אונ גראסער געווארען דיא מחלוקה, אין יענעם זומער האט דער הגר"א אנגעפאנגען צו רודף'ן דעם רב מעהר וויא אלע מאל, דיא סבה פון דעם הגר"א'ס התעוררות איז געוועזן אזא מעשה:

מיט עטליכע יאהר פריהער איז דיא מחלוקה שטיל געווארען, ביידע צדדים זענען געוועזן רוהיג, דער הגר"א האט אויך געשוויגען.

פלוצלונג איז געווארען אנייעס, מענשען האבען געזאגט, גערעדט, ערצעהלט, געפלודערט אז דער הגר"א האט חרטה אויף דיא רדיפות וואס ער האט גערודפ'ת דיא חסידים בכלל, אונ דעם רב בפרט, ווער דאס האט אויסגעטראכט אזא ליגען ווייסען מיר עד היום ניט. נור פון סוף מעשה קאן מען פארשטעהען אז דאס האבען דיא מחרחרי ריב אויסגעקלונגען כדי דער מיט מעורר צו זיין דעם הגר"א ער זאל אפפרישען דיא מחלוקה פון דאס נייא מיט מעהר פרישקייט, אונ באלד נאכדעם האבען מענשען, (דיא מחרחרי ריב), ערצעהלט דאס דיא חסידים בארימען זיך דער מיט וואס דער הגר"א שווייגט, ווייל ער האט חרטה פאר וואס ער האט גערודפ'ת דעם רב.

פון דיא נייעס האט זיך דער הגר"א דער וואוסט, האט ער מודיע געוועזן ברבים אז ער האט קיין חרטה ניט וואס ער האט גערודפ'ת דיא חסידים בכלל

אונ

*) מען האט גיברענט אמאל דעם ספר היד פון רמב"ם ז"ל ווייל זייא האבען אים ניט פארשטאנען, ביז נאכדעם האט דער רמב"ן ורד"ק גיגעבען צוא פארשטיין, איז אין אצינד ארום האבען דיא קנאים שטארק חרטה גיהאט, אונ זייא האבען אן גיהויבען זאגען אז משה אמת ותורתו אמת, אונ האבען דיא ספרים פארגעטטערט, איך האף אז מיט אונז וועט אין גיכען אויך אזויא זיין:

אונ דעם רב בפרט, דער הגר"א האט אויפגעשריבען אבריעף וואס דער אינהאלט איז געוועזען אזויא: בהיות וויא איך האב געהערט דאס דיא כת' (שם כינוי לגנאי) בארימען זיך דאס איך האב חרטה פון אלץ וואס איך האב אמאל גערעדט אדות דעם רב זייערן, בין איך מודיע אז דאס זאגען זייא נור פון זייער טובה וועגען, אונ באמת האב איך קיין חרטה ניט וכו'.

דעם בריעף האט דער הגר"א געגעבען זיינע צוויא תלמידים הר"ר סעדי' (דער שוואגער פון הרב הגאון ר' זלמן זלה"ה פון וואלאזין) אונ הרה"ג ר"ח פון משעריי, דיא שלוחים זיינען געפאהרען פון שטאדט צו שטאדט ווייזען אלעמען דעם בריעף, אז זייא זענען געקומען אין מאהליב, האבען זייא דעם בריעף דארטען פארלאהרען, האבען זיי נאכהער אין יעדען ארט וואו זייא זענען געקומען איבערגעגעבען אויסווענינג וואס אין בריעף איז געשטאנען געשריבען.

אין מינסק איז אויך געהערט געווארען דיא נייעס אז דער הגר"א האט חרטה פאר וואס ער האט גערעדט שלעכטעס אויף חסידים, דערפאר אז דיא צוויא תלמידים זענען דארט געקומען אונ האבען איבער גיגעבען בע"פ וואס עס איז גישטאנען אין דעם פערלארענעם בריעף האבען דיא מינסקער זייא ניט געגלויבט, האבען זיבען אונ צוואנציג מענשען פון דיא פני העיר געמאכט אבריעף אונ געשיקט איהם דורך אשליח מיוחד קיין ווילנא פרעגען דעם הגר"א וואס איז אמת, צו וואס מיא דערצייל'ט אז ער האט חרטה, אדער וואס זיינע צוויא תלמידים ערצעהלען אז דאס איז אליגען?

דער הגר"א האט באלד געענטפערט איין בריעף, זיין תשובה, האט ער גערופען "תשובת אליהו קנאה שקנא קנאת ה' צבאות" אין דעם בריעף האט ער מעורר געוועזען דיא רבנים פון ווילנאר אקרוג אויך פון וויטעבסקער גובערניע, פאלצק, מינסק, מאהיליב, זיטאמער, קאמניץ פאדאלסק, וואליניה וכו' אז זייא זאלען רודף זיין דיא חסידים עד חרמה... זייא אויסוואורצלען פון שורש, כדי דיא אמת'ע פרומע אידען זאלען זיך פרייען ווייל פאר דעם צדיק איז אשמחה ווען ער טהוט אמשפט צדק וכו'.

אזא מין בריעף אין דעם זעלביגען סגנון האט געשריבען הר"ר שמע' פון סלוצק אונ ער האט פיל קאפיעס פונאנדער געשיקט אין ווייטע אונ נאהנטע שטאדט וואו חסידים וואהנען.

---

**פרק ט** דיא הסתלקות פון הגר"א, רדיפות דיא אנ"ש, דעם רבי'ס בריעף בעטען שלום, זיין בריעף צו אנ"ש זייא שטארקען מוטהיגען וכו'.

נאכדעם וויא דיא בריעף זענען פונאנדער געשיקט געווארען צו רודף זיין דיא חסידים אונ דעם רב איז געווארען אגרויסער רעש אין דיא גאנצע אידען־וועלט אז דער הגר"א איז נסתלק געווארען (הוה"ם תקנ"ח) אז דער רב האט דיא

טרויעריגע נייעס געהערט, האט ער באלד געשיקט בריעף צו אנ"ש מיט אגרויסער אזהרה: אז זיי זאלען חיו קיין שלעכטס ווארט ניט ריידען אויף דעם הגר"א און זיי זאלען לעבען פריינדליך מיט אלעמען אפילו ווען יענע וועגען געגנער פון אנ"ש, זאלען זיי ריידען וואס זיי ווילען, אבער איהר אנ"ש זאלט זיך ניט קריגען מיט זיי.

עס איז קיין ספק ניט אז אנ"ש האבען מקיים געווען דעם רבי'ס בקשה. זיי האבען געזוכט נור שלום, אבער ליידער דאס האט אויך ניט געהאלפען. דיא קנאים, (מחרחרי ריב), וועגען ארויסגעגאנגען געגען אנ"ש מיט גרויס נקמה און כעס, זיי האבען געזאגט יעצט איז אגרויסע מצוה צו רודף'ן אלע חסידים, ווייל דער הגר"א איז שוין ניטא. וועלען זיי טאהן וואס זיי ווילען. עס וועט ניט זיין ווער עס זאל זיי ניט לאזען טהון, כבן דארף יעדער פרומער מאן טאהן מיט אלע זיינע קרעפטע אנחת רוח דעם הגר"א וואס ער האט נאך אין יאהר הקל"ב געשריבען אויף זיינע נייע דרכים, און ביז זיין הסתלקות האט ער זיך געהאלטען ביי זיין אידעע דאס יעדער איד דארף אויסרייסען דעם "שורש פורה ראש ולענה". א. ז. וו.

דיא מחרחרי ריב האבען אזויא לאנג געשריען ביז זיי האבען געוואונען דעם דעת הקהל, פיל מענשען פון פאלק האבען איינגעשטימט צו רודפ'ן דיא "כת", צו זייער חברה זיינען צוגעשטאנען גרויסע צדיקים, ערליכע אידען וועגען אין זייער גענץ אריינגעפאלען, אלע איינשטימיג האבען מסכים געווען אז זיי זאלען בעגייען דיא מחלוקה מיט אנ"ש און דיא רדיפות זאל זיין פיל שטארקער וויא ביז היינט, זיי האבען געמאכט אסיפות אודות דעם, און זיי האבען בוחר געווען ליידינגעהער וואס האבען קיינע געשעפטען נור אשטארקע האנד. דיא ליידינגעהער האבען זיך גענומען צו דער גרויסער מצוה (אזויא האבען זיי דאס גערופען) רודפ'ן דיא כת מיט אלערלייא רדיפות ביז דיא כת מוז פארטיליגט ווערען פון דער וועלט, און אויב אלע זייערע מעשים וועלען ניט העלפען עס וועט זיי ניט מצליח זיין אבצושאפען דיא כת פון דער וועלט האבען זיי אנגעטע עצה וואס דאס מוז היירקען, נאמליך מסר'ן דעם רב מיט אלע חסידים פאר דיא ממשלה (רעגירונג) אבער מסר'ן וואס מסר'ן הייסט, ניט קוקען וואס עס איז אמת און וואס שקר, אבי דיא מסירה זאל זיי אונגליקליך מאכען. און אזא מסר'ן – האבען זיי געזאגט – איז כשר, מותר, און אמצוה אויך. ווייל דער הגר"א זלה"ה האט זיי אפגעמשפט אז זיי האבען דעם דין פון מורידין וכו':

דיא קנאים האבען געפונען אגוטען עסק צו רודפ'ן דיא אנ"ש אהן אשום ערבארמונג. אלץ וואס זיי האבען נור געקאנט האבען זיי דיא אנ"ש געטאהן. געשלאגען, אין חרם זיי אריינגעלייגט, און נאך וואס מיר קאנען ניט אויסרעכענען אלע זייערע בלבולים, שקרים. וואס זיי האבען געברויכט געגען אנ"ש.

עס איז שרעקליך געווען צו זעהן די לאגע פון אנ״ש. זיי האבען געהאט פיל צרות, און גרויסע רדיפות, און דאך זעגען זיי געגאנגען ווייטער הכך ווי דער רב האט זיי געלערנט דורך זיינע הייליגע ספרים, און דורך גרויסע בריעף און מונדלעך.

אין יענער צייט האט דער רב געשיקט א בריעף צו די פארשטעהער (טשלענעס) אין מאהליב. פון דעם בריעף זעהט מען ארויס דאס ערשטע, די גרויסע אונבארמהערציגע רדיפות וואס אנ״ש זיינען געווען גערודפ׳ת פון די קנאים, דאס צווייטע די צדקות און ענוות פון רב, ווי ער האט זיך געבעטען כהמים עס זאל אויפהערען די רדיפות. הגם דער רב האט אין יענער צייט געהאט פיל חסידים וואס וואלטען זיך מוסר נפש געווען ווען ער וואלט זיי באפוילען צו געהען בחמת קרי מיט זייערע רודפים, און זיי באצאהלען מדה כנגד מדה. דענסטמאל ווען דער רב וואלט נור געזאגט: אנ״ש, עס איז התורה הרצועה.., הבא להורגך וכו׳ דענסטמאל וואלט געווען חרב איש ברעהו, אבער דער רב. דער צדיק תמים. דער רודף שלום, דער אוהב ישראל, האט מקיים געווען בקש שלום ורדפהו. ער האט מיט זיינע דם שונאים געהערט זעהער פריינדליך. ער האט זיי כבוד געגעבען מעהר ווי זיי פארדינען. נור צו ליב שלום, אין זיינע בריף האט ער אויס געהערט זיין בעטריבטע הארץ ווי איהם ערגערט צו זעהן אז אידען זאלען איינער דעם אנדערן טאהן שלעכטעס. און וועלכע אידען? גרויסע רבנים. וואס איז אונזער זינד? טוהען מיר חלילה די קלענסטע זאך נעגען די תורה? הם מלהזכיר! מיר טרעטען חלילה ניט אפ פאן דעם קלענסטען מנהג. דאס וועלען עדות זאגען עהרליכע מענשען וואס קאנען אונז פון דער יוגענד ביז היינט, דאס איז דאך באמת צו בעוואונדערן: רבנים זאלען בן זיין דיגי נפשות אהן צו פרעגען די פארמשפטע. אפשר וועלען זיי מיינען בפירוש אז די עדות זאגען ליגען. זיי ווילען נור מאכען אינטריגעס. דארום רוף איך צו עהרליכע אידען בכלל און צו די רבנים בפרט לכו נא ונוכחה, לאמיר אונז דורכשמועסען דאן האף איך אז עס וועט ווערען שלום ביי אונז. אבער ניט פארשטויסען אגרויסע אידישע געמיינדע דורך פאלשע עדות. האט נאמט אין הארצען, פסקנת ניט דיגי נפשות ניט פרעגענדיג. די מענשען וואס ווערען פון אייך פארמשפט וכו׳ וכו׳.

אויך צו אנ״ש האט ער געשריבען אמרייסט בריעף. זיי זאלען האפפען צו גאטט און גלויבען דאס די רדיפות וועט אויפהערען–, איך פריייא מיך זעהער–האט דער רב געשריבען דאס אונזערע שונאים זאגען אזעלכע גרויסע ליגען, זיי טראכטען אויס אויף אונז אזעלכע שרעקליכע בלבולים, דאס יעדער איד פארשטייט אז דאס ליגען איז מחמת קנאה שנאה. למשל זיי שרייבען אז מיר זעגען פון די כת ש״ץ ימש״ו, און נאך אזעלכע נוזמאות. נאר וועלכער בעת פארשטייט ניט זייער כוונה, יעדער וואס האט אשטיקעל מארך אין קאפף מוז

פון

פון זייערע בלבולים לאבען וכו׳ וכו׳ וכו׳. דארום זאלט איהר אלץ מקבל באהבה זיין, אונ גאטט וועט געוויס העלפען.

---

**פרק יז.** דיא התעוררות צו מסרן דעם רב, וואדום האבען זייא געוואַרט אזאלאנגע צייט אונ זייא האבען באלד ניט געמסר׳ת.

קלוגע אונ גוטע רייד ווירקען נור אויף דעם מענש וואס וויל זייא הערען וואס זיין הארץ איז נאך ניט פארניפטעט מיט שנאה קנאה, אבער ווען דער מענש האט שוין פארהארטעוועט זיין הארץ מיט דיא גרויסע צוויא חטאים ״קנאה – שנאה״, אונ דער יצר הרע שטעהט וויא אגעטרייער שומר, ער היט זייא ער בעט זייא דאס זייא זאלען פון דארט ניט אפטרעטען, אונ ליהר בטחון בינדט ער זייא צו שטארק צום הארצען, כדי זייא זאלען דארטען בלייבען. אונ מיט דער צייט וואכסען זייא אוים זעהער גרויס, אזא מענש וויל ניט הערען יענעמ׳ס ריכטיגע רייד, וואס יענער רעדט מעהר מיט גוטען, מעהר וואכסט דיא קנאה שנאה, יענעמ׳ס קלוגע רייד שטעכען איהם אין זיין הערצען, אזויא וויא איינער וואלט איהם שטעכען מיט אשארפען שפיז אונ שניידען זיין פלייש מיט אשווערד.

אין דיא מחלוקה געגען דעם רב זענען געווען אגאנצער ״צבור״ *)

דיא צדיקים האבען געלעזען דיא בריעף פון רב, האבען זייא באלד געזעהען זיין גערעכטיגקייט זענען זייא געווארען פון זיינע חסידים.

דיא בינונים זענען געווארען ניט אהין ניט אהער זייא האבען ניט געקאנט אורטהיילען ווער עס האט רעכט, האבען זייא זיך מעהר ניט געמישט אין דער מחלוקה, זייא האבען ניט געוואוסט צו וועלכע פארטייא זייא זאלען זיך צייליען, זענען זייא געשטאנען פון ווייטען, (נייטראל).

אבער דיא רשעים האבען זיך געהאלטען בייא זייער פריהיגין פלאן, אויסצואורצלען דעם רב מיט זיינע חסידים. אונ אז זייא האבען געזעהען דאס דורך רדיפות געווינען זייא גאר ניט, עס העלפט ניט קיין חרם קיין שלאגען אונ זייא האבען גוט באַרעכענט אז דאס וועט ווייטער אויך ניט העלפען, האבען זייא אויסגעטראַכט אקורצען אונ אלייכטען מיטעל, זייא וועלען מסרן דעם רב פאר דיא רעגירונג, זייא וועלען מאכען אזעלכע פאלשע בלבולים אויף דעם רב וואס ער האט דאס קיין מאל ניט געטאהן אונ אפילו ניט געטראכט קיין מאל דאס צו טאהן.

דיא חברה פושעים וואס בייא זייא איז געבליבען דער פלאן צו מסרן דעם רב, האבען זיך פארזאמעלט צוזאמען, קלעהרען ווער זאל זיין דער מסור אונ וואס זאל ער מסרן אונ נאך אסאך (פיעל) עצות, איז בייא זייא בעשטימט געווארען

*) דער ווארט צבור איז אראשי תיבות דאס מאכט צ״דיקם ב״ינונים ר״שעים:

געווארען: דאס דער בעסטער שליח (לדבר עבירה) איז אביגדור דער פינסקער רב.

דער אביגדור האט זיך וועהער געפרייט צו זיין א שליח ביי אזא הייליגען געגענשטאנד, א קלייניגקייט, האבען אזא זכיה מקריב זיין הייליגע נשמות אויף א מזבח, ברייגגען דיא נשמות פאר קרבנות וויא מען פלעגט אמאל שלאכטען שאף אונ רינדער פארגיסען זייער בלוט...

צו א אביגדור'ן, איהם העלפען אויספיהרען זיין טיראנישען פלאן, זיינען צו געשטאנען נאך עטליכע נדיבי לב, דען זייא האבען איהם ניט פארגונען דאס ער איינער אליין זאל האבען דעם גרויסען שכר פאר דיא גרויסע מצוה, זייא האבען געוואלט אויך געהמען א חלק אין דער מצוה, אונד דיא גבירים האבען גיגעבין געלד אויף דעם אלס לשם מצוה.

עהדער מיר וועלען איה"ה ערצעהלען דיא גאנצע מעשה פון דער מסירה, ווילען מיר ערקלעהרען דיא אורזאכע פאר וואס האבען דיא מוסרים געווארט אזא לאנגע צייט. ווארום האבען זייא פריהער ניט געמסרת? דיא מחלוקה האט אנגעפאנגען אין יאהר תקל"ב אונ דיא מסירה איז געווען אין יאהר תקנ"ח, איז דאס א צייט מעהר וויא 25 יאהר, אונ דער רב איז שוין געווען 20 יאהר אלבי אונ דער הגר"א האט אונטער געשריבען דעם חרם באלד אין אנפאנג מחלוקה, האבען זייא דאך געקאנט באלד מסרן?—

נור דיא קשיא צו פארענטפערן מוזען מיר ערקלעהרען דאס ערשטע, וויא לאנג דער הגר"א האט געלעבט. וואלט ער בשום אופן ניט ערלויבט צו מסרן, דער הגר"א איז געווען א צדיק תמים אונ ער האט אלץ געטאהן לשם שמים ער האט געזוכט דיא חטאים צו פארטיליגען אבער ניט דיא חוטאים אונ אזויא וויא אין יענער צייט האבען אידען געמענט אויסרופען א חרם אפענטליך, דענסטמאל איז דאס געווען מותר אונ כשר... האט דער הגר"א גערעכנט דאס דורך דעם חרם אליין וועט ער דיא חסידים מחזיר למוטב זיין.

אבער נאך דעם הגר"א'ס הסתלקות, אונ דיא רוסישע רעגירונג האט שטרענג פארבאטען דעם חרם, ער זאל ניט געבאכט ווערען, זענען דיא אלע שונאים געבליבען אהן ארבייט האבען זייא מעהר ניוועען אלע שונאים דאס זייא זאלען מסכים זיין אויף דיא מסירה.

דיא מתחרי ריב האבען אויס גיקלערט שקרים אונד דאמיט מעורר גיוועען דיא מסירה צוב"ש, זייא האבען ערצעהלט דאס בעת דער הגר"א איז נסתלק געווארען, האט איהם א מגיד מספיד געוועען אלע וואס זענען געגאנגען צו דער לויה האבען שטארק געוויינט בעת זייא האבען געהערט דעם הספד, אבער צו בעוואונדערן דאס דארטען ביי דעם הספד זענען געוועען צוויי חסידים פון רב, איינער הגביר ר' מאיר רפאל'ס, אונ דער צווייטער: הרב הגאון החסיד ר' ברוך מרדכי פון באברויסק (ער איז געוועען אג אידעם ביי הגאון ר"ש אב"ד

אין

אין ווילנא). זייא ביידע זענען געשטאנען ניט ווייט פון דעם מגיד וואס האט מספיד געווען און זייא האבען זיך אנגעקוקט מיט אשמייבעלדיגען פנים.

דיא מעשה איז א אויסגעטראכטע נור אבלבול צו מאכען דיא חסידים איז עס גיווען גענוג, דען אשקר לאזט זיך גלויבען און בפרט אויף דיא חסידים. (יעדער קען פארשטעהען דאס אזעלכע צוייא וויכטיגע לומדים וועלען ניט לאכען בעת אלע וויינען, און בפרט פון הגר"א וואס דער רב האט איהם אין זיינע בריעף גערופען „הגאון החסיד", און האט בפירוש געשריבען אז קיינער פון אנ"ש זאלען חלילה קיין שלעכט ווארט ניט ריידען אויף איהם, היינט וויא אזויא וועלען אזעלכע גרויסע חסידים טאהן געגען דעם רבנ'ס ווילען, און אין וועלכע צייט? בעת דיא לויה, וואס אפילו פון אפראסטען מענשען וואס איז שוין געשטארבען, דארף מען אויך ניט לאכען ווייל אלע לעבעדיגע מוזען שטארבען, פריהר אדער שפעטער, און דער וואס איז געשטארבען האט אבגעטאנצט דעם טאנץ. געפטרת דיא נארעשע וועלט'ל, איהם איז שוין גוט, אלע זיינע חטאים ווערן פארגעבען אויף איהם דארף מען זאגען שבחים וויא שלמה המלך ע"ה זאגט: ושבח אני את המתים וגומ' (קהלת ד' ב').

בקיצור: אביגדור האט געדרייט דעם רעדעל אזויא לאנג, ביז זיינע חברים און חכמים (להבדיל) האבען מסכים געווען ער זאל זיך נעהמען צו דעם עסק צו מסרן, אבער מסרן וויא עס דארף צו זיין אז דיא רעגירונג זאל איהם ניט אויסלאכען.

צו דעם צוועק האבען דיא רייכע שונאים געגעבען גרויסע נדבות, עס איז געווארען צוזאמענגעזאמעלט אגרויסע סומע געלד, זייא האבען דאס געלד אבגעגעבען אביגדור'ן אין האנד, ער האט צו גענומען דיא גרויסע סומע זילבער און גאלד אויף צו מאכען דערפון איין עגל...

## פרק יח. אביגדור אין פעטערבורג. זיין גרויסע מסירה.

נאך דעם בעשלוס צו מסרן דעם רב און וויא אביגדור האט שוין געהאט אגרויסע סומע געלד אין זיין האנד, איז ער אוועקגעפאהרען אין פ"ב ער האט זיך ניט באנוגענד צו מסרן דעם רב אליין, דאס איז בייא איהם געווען צו ווייניג, ער האט אלע גרויסע חסידים געמסרת, למשל: הרה"ק רל"י פון בערדיטשוב, און הרה"ק ר' אשר פון סטאלין, און הרה"ק ר"מ פון לעבעוויץ, אויף דעם רב האט ער געמסרת אז ער איז אמורד במלכות, און דערפאר זאמעלט ער פיל חסידים ער זאל האבען פיל מענשען... נור אזויא וויא דער רב ווייסט דאס רוסלאנד איז שטארקער פאר איהם, שיקט ער געלד צום שולטן אין תורקייא ער זאל איהם העלפען, און אויף דיא איבעריגע וואס ער האט זייא געמסרת האט ער געזאגט: אז זייא העלפען איהם זאמלען געלד, ...

איך

אויך האט אביגדור איהם געמסרת דאס ער וויל די גאנצע אידישע תורה אומקעהרען ווי ער פאסט צו זיין פלאן פון דער מרידה.

דעם דאנאס האט ער דערלאנגט דעם קייזר אליין. געוועהנליך קאן אזא זאך ניט געשוויגען ווערען, דאס מוז באלד אונטערזוכט ווערען.

דער קייזר האט באפוילען מען זאל דעם רב אליין ברינגען קיין פטערבורג פון איהם וועט מען פארשטעהן אויב יענע חסידים האבען אויך געזינדיגט געגען רוסלאנד, וועט מען זיי נאכדעם בעשטראפען.

אין אנפאנג האט די רעגירונג, געוואלט שרייבען צו די דארטיגע פאליציא אז זיי זאלען זאגען דעם רב דאס ער זאל פאהרען אין פ״ב מען האט איהם דארטען נאטהיג, נור די מלשינים האבען געזאגט: דאס דער רב וועט געוויס אנטלויפען אין אויסלאנד, ווייל ער האט אגרויסען קאפיטאל געלד געזאמעלט, דערפאר איז ארויס דער באפעהל: דאס פון פטערבורג זאל פאהרען אבעאמטער אין לאזני, ברענגען דעם רב צופיהרען אין קייטען געשלאסען, ווי א מורד במלכות.

## פרק יט. דער פטערבורגער בעאמטער אין לאזני, ער דערשרעקט זיך פאר דעם רב׳ס תפילין, דער רב אנטלויפט, דער רב אין קייטען געשלאסען, אוועקגעפיהרט איהם אין אשווארצע ביידעל פאן לאזני.

ווי דער בעאמטער מיט עטליכע זאנדארען מיט אשווארצע קארעטע זענען בעקומען אין לאזני (דאס איז געוועזן נאך חג הסוכות תקנ״ט) איז געווארען "ותהום כל העיר", די קארעטע איז צו געפאהרען צום רב׳ס הויז, אונ דער בעאמטער מיט די זאנדארען זענען אריינגעגאנגען אין זאאל, זיי האבען זיך געזעטצט, נור דער בעאמטער אליין איז אריינגעגאנגען צום רב אין זיין יחידות שטיבעל.

דער רב האט אין יענער צייט געטראגען תפילין אונ געלערנט ווי זיין שטייגער פלעגט זיין.

דער בעאמטער האט דערזעהען די תפילין האט ער זיך ערשראקען, דער בעאמטער האט געמיינט דאס דער רב דאווענט, האט ער איהם ניט געוואלט מבטל זיין פון דער תפלה, ער איז אריינגעגאנגען אין זאאל צו די זאנדארען אונ זיי האבען זיך געזעצט עססען.

ביי דעם רב אין יחידות שטיבעל איז אין יענער צייט געווען אלאזנער איד זיין נאמען איז געוועזן ר׳ דובער ליטמאנס, דער בעאמטער האט איהם גראדע ניט באמערקט.

— רבי! האט ר׳ דובער געפרעגט — וואס האט זיך דער בעאמטער אזוי שטארק ערשראקען פאר אייך?

— ווייל אונזערע חכמים דרשנען דעם פסוק "וראו כל עמי הארץ ונו׳ ויראו ממך, אלו תפילין שבראש" — האט דער רב געענטפערט דערפאר האט ער זיך ערשראקען.

רבי

— רבי! — האט ר׳ דובער נאך אמאל געפרעגט — פאר וואס שרעקט זיך קיינער ניט פאר מיינע תפילין?

— אין גמרא שטעהט תפילין שבראש און ניט של הראש — האט דער רב געענטפערט — דיינע תפילין זענען „על הראש״, דער פאר שרעקט זיך קיינער ניט, און מיינע תפילין זענען „שבראש״ (והמבין, יבין) נור ניט אצונד איז צייט צו ריידען איך מוז אנטלויפען אויף אקליינע ווייל, זיך בעהאלטען פון דעם בעאמטען, ווייל אונזערע חכמים זאגען: בית דינא בטל דינא (סנהדרין נ״ה) דורך דעם אנטלויפען אויף אקורצע צייט ווערט דער גזר גרינגער.

ביי דעם רב אין חדר איז געווען נאך אטהיר ארויס צו געהען אויף דעם הויף, ער האט אויסגעטאהן דעם טלית און דיא תפילין צו זאמענגעלעגט אין טלית זעקעל און ער מיט ר׳ דובער זענען ארויסגעגאנגען אויפ׳ן הויף. זייא זענען ביידע צוגעגאנגען צום טייכעל (ניט אטיפער) ר׳ דובער האט גענומען דעם רב אויף זיינע שולטערן ער האט איהם אריבערגעטראגען דעם טייכעל און זייא זענען אוועקגעגאנגען אויף דעם בית עולם.

ר׳ דובער האט זיך צוריקגעקערט אין שטאדט, ער האט געדונגען אבעל עגלה און ער האט דעם רב אוועקגעפיהרט אין קרעטשמע סיראקאראטניע. און ר׳ דובער איז מיט דעם בע״ג געפאהרען אין שטאדט האהען פילייכט וועט זיך נייעס וועט ער לויפען צום רב ערצעהלען.

דער בעאמטער מיט די זשאנדארען זענען געזעסען אין זאאל גאנץ רוהיג, ווייל דער בעאמטער האט אין אנפאנג גאר ניט באמערקט דיא הינטער טהיר ביי דעם רב אין צימער, עס איז איהם ניט אין זיינע געדאנקען געקומען דאס דער רב זאל אנטלויפען פון חדר, דער בעאמטער האט אבגעזעסען, דיא גאנצע צייט האבען איהם געקלונגען אין דיא אויערן וויא איינער דאוונט מיט גרוים דביקות ווייל ער האט אין חדר קיינעם ניט באמערקט, האט ער געגלויבט דאס דער רב דאוונט אזויא לאנג, אבער וויא לאנג דארף דויערן אדאוונען? צוויא שעה צייט איז דער בעאמטער געזעסען אין זאאל נאכדעם האט ער געעפענט דיא טהיר פון רב׳ס חדר; און האט געזעהען דארטען אפרויענצימער זיטצט און וויינט, און דער רב איז ניטא.

אין אנפאנג האט זיך דער בעאמטער זעהער געוואונדערט, ווייל פריהער האט ער געזעהען אין חדר נישט מעהר וויא דעם רב, און יעטצט זעהט ער דארטען נור איין פרויענצימער.

— ווער בינסטו דוא? — האט דער בעאמטער געפראגט.

— דעם רב׳ס פרויא — האט זיא געענטפערט.

— וואו איז דיין מאן? — האט ער געפראגט מיט גרוים כעס — זאג שנעל, ווען ניט מאך איך פון דיר א תל. ענטפער, רייד, דעם אמת, ווען דוא שווייגסט נאך איין מינוט שיס איך אין דיר, זיא האט נישווייגן און האט אים קיין ווארט ניט געענטפערט.

דער בעאמטער איז געווארען שרעקליך אין כעס און מיט גרויס צארן האט ער איהר געגעבען אפאטש און האט געשריען זאג וואו איז דיין מאן? עס האט אבער ניט געהאלפען דיא געשריי מיט דיא פעטש, זיא האט געשוויגען און ניט געאנטווארט.

דער בעאמטער מיט דיא זאנדארן זענען געגאנגען אין שטאדט, זייא האבען זיך געשטעלט אויף דעם פלאץ פאראד, פיעל אידען זענען צוזאמענגעקומען.

—הערט אויס אידען! — האט דער בעאמטער געזאגט — אויב איהר וועט מיך פאלגען, וועט זיין גוט אייך, און אייער רב און מיך, איהר זאלט וויסען דאס דער קייזר בכבודו ובעצמו האט מיך געשיקט אהער ברענגען אייער רב צו איהם. וועט ער מיט מיר פאהרען מיט גוטען וועט דער סוף געווים גוט זיין, אבער ווען ניט. וועל איך אייער גאנצע שטאדט פארוויסטען (חרוב מאכען) און אייך אלעמען אבגעבען אין געריכט. איהר וועט אלע אונגליקליך ווערען, ביז צוועלף אזייגער ביי נאכט האט איהר צייט מיר צו זאגען וואו ער איז. נאכדעם אויב איהר וועט ניט זאגען וועל איך אייך אלעמען שליסען אין קייטען און אוועקשיקען צום קייזר. ער זאל טאהן מיט אייך וויא איהם וועט געפאלען זיין.

ער האט אויך געהייסען אנצינדען אין שטאט אונד ארום שטאט פעסער מיט פעך, אונד פון ווייטען האט מען געמיינט אז דיא גאנצע שטאט ברענט, דאס האט אבער גאר ניט געהאלפען. און קיינער פון דיא אידען האט איהם קיין ווארט ניט געענטפערט, דער בעאמטער האט דערזעהען אז מיט בייזען וועט ער גאר ניסט מאכען האט ער אנגיהייבען בעטען מיט גוטען וואס וועט העלפען דער אנטלייפען? אייביג וועט ער זיך דאך ניט בעהאלטען, צוא וואס דארפט איהר אנמאכען אומזיסטע עג"נ אונז אלעמען, זאגט מיר וואו ער איז וועט אונז אלעמען זיין גוט.

ר' דובער איז מיט נאך איינינע מענשען זיינען געפאהרען צום רב אין קרעטשמע און האבין איהם ערצעהלט. אלעס וואס דער בעאמטער האט גערעדט.

— איך האב אויף אזייליִנקע געמוסט אנטלויפען — האט דער רב געענטפערט — וויא דיא תורה שרייבט: ויברח יעקב. אבער יעטצט קאנסט דוא גיין איהם זאגען וואו איך בין, דער נזר מיינער איז שוין אביסעל גרינגער געווארען, דער בעאמטער מעג שוין וויסען וואו איך בין און מיר ארעסטירען.

ר' דובער מיט דיא איבעריגע מענשען האבען אזויא געטאהן. דער בעאמטער איז מיט זייא געפאהרען אין קרעטשמע און ער האט דעם רב געשלאסען מיט קייטען, און ער האט איהם אריינגעזעטצט אין אשווארצע בידעל וויא דער זאקאן איז און זייא זענען אוועקגעפאהרען. אונד אין לאנגע איז געווארען אלעמען זעהר טרויעריג.

**פרק כ.** די גרויסע אסיפה, געזאמעלט געלד, געפאהרען אין פ״ב, אין עצה ואין תבונה.

אלע חסידים וואס האבען געהערט דאס דער רב איז נתפס געווארען, האבען זיי געפאסט, געוויינט געקלאגט, געטרויערט, געזיפצט, געיאמערט.

די גרויסע פארנעהמע מענשען פון אנ״ש האבען זיך פארזאמעלט מישב צו זיין וואס מיזאל טאהן, צוויי זאכען האבען זיי בעשלאסען, דאס ערשטע: איינער פון אנ״ש זאל ארומפאהרען אויף דער מדינה זאמלען געלד פאר דעם רב׳ס פרויא אונ קינדער אונ משפחה זיי זאלען האבען לעבענסמיטעל, דאס צווייטע די חסידים וואס קאנען גוט רעדען רוסיש אונ זיי ווייסען אזאקאן זאלען פאהרען אין פעטערבורג, חוקר ודורש זיין פאר וואס דער רב איז נתפס געווארען, איבער וועלכע אורזאכע. דאס האבען זיי ריכטיג געוואוסט אז דער רב איז נקי וצדיק אונ זיי האבען געוואלט וויסען דעם כלבול וואס די מלשינים האבען אויף איהם געמאכט, וועלען זיי דאן וויסען וואס זיי האבען צו טאהן.

באלד נאך דער אסיפה איז הרה״ק ר׳ אהרן הלוי דעם רב׳ס אתלמיד מובהק, (דער שטאראשעלער רבי) ארויסגעפאהרען אויף דער מדינה אונ ער האט געזאמעלט פיעל געלד פון אנ״ש, (א יש אומרים אז ער האט צוזאמענגעזאמעלט זעכציג טויזענד רובל), אונ פיל גבירים נכבדים זענען געפאהרען אין פ״ב אויסער די גרויסע גבירים פון אנ״ש וואס זענען פריהער אויך געווען אין פעטערבורג צו ליעב זייערע געשעפטען, זיי האבען נוט איינער געקאנט ערפאהרען די סיבה פאר וואס זייער רב זיטצט אזויא שטארק בסוד, אין עצה ואין תבונה, עס האט קיין זאך ניט געהאלפען, זיי האבען ניט געוואוסט וואס מיט דעם רב האט זיך געטאהן.

דעם רב׳ס שוואגער הר״ר ישראל קאזיק איז אויך געפאהרען אין פעטערבורג, דען עהדער דער רב איז נתפס געווארען, איז זיין שוואגער צו איהם אריינגעגאנגען אונ געפרעגט. וואס זאל מען טהאן?

—דו— האט דער רב געענטפערט — זאלסט באלד, טאקע באלד פאהרען אין פעטערבורג, אט ווי דו געהסט יעטצט אזויא זאלסט דו פאהרען. אונ נאך אמענש זאל תיכף ומיד פאהרען אין בארדיטשוב כדי דער הרה״ק רלוי זאל מאכען אפדיון נפש.

דעם רב׳ס פערלאנג איז געטאהן געווארען, ר׳ ישראל זיין שוואגער איז באלד אוועקגעפאהרען אין פטרבורג אין די זעלביגע קליידער ווי ער איז געווען אנגעטאהן, אין אהיטעל וואס מהאט דאס גערופען אויער-היטיל מיט א־אנגען ראק פארבונדען מיט אגארטעל, אין שיך אונ זאקען, אפאספארט האט ער גליהען ביי זיינעם אגוטען פריינד, ווייל דער רב האט איהם געזאגט ער זאל באלד פאהרען, האט ער קיין צייט ניט געהאט צו פאהרען אין זיין שטאדט (באבינאוויטש) נעהמען צריכטיגע פאס אויף זיין נאמען.

נאך

און אין בֶּערְדִיטְשׁוּב הָאבֶּען דִיא אנ"ש אוֶועקְגֶעשִׁיקְט אַמֶענְטְשֶׁען, נוּר דֶער מֶענְשׁ הָאט פַארְגֶעסֶען צוּ פְרֶאגֶען וִויא דֶער נָאמֶען אִיז פוּן רַבְּ'ס מוּטְטֶער, וָואס דָאס דַארְף וִויסֶען דֶער וָואס מַאכְט אַפִּדְיוֹן נֶפֶשׁ.

דֶער מֶענְשׁ אִיז גֶעקוּמֶען אִין בַּרְדִיטְשׁוּב צוּם רַבִּי לֵוִי יִצְחָק, הָאט עֶר אִיהם עֶרְצֶעהְלְט וָואס מִיט דֶעם רַב הָאט גֶעטְרָאפֶען.

וִויא רל"י הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גֶעפַאלֶען אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר הָאט זִיךְ גֶעקַייקֶעלְט אוּן בִּיטֶערְלִיךְ גֶעשְׁרִיעֶן.

נָאכְדֶעם הָאט עֶר בַּייא דֶעם שָׁלִיחַ גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ דֶער רַב אִיז גֶעוֶועןְ דֶערְפוּן צוּטְרָאגֶען.

– יָא! — הָאט דֶער מֶענְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט –

– אִיז עֶר גֶעוֶוען צוּ מְרָאגֶען אוֹיסֶערְלִיךְ אָדֶער אִינֶערְלֶעךְ? – הָאט רַבִּי לֵוִי יִצְחָק גֶעפְרֶעגְט.

– נוּר אוֹיסֶערְלִיךְ אוּן נִיט אִינֶערְלֶעךְ – הָאט דֶער מֶענְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט – וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהֶען דָאס דִיא פַּאנְטָאפְעל הָאט עֶר פַארְגֶעסֶען מִיט צוּנֶעהְמֶען אוּן דֶעם טַלִית מִיט דִיא תְּפִילִין הָאט עֶר נִיט פַארְגֶעסֶען מִיט צוּ גֶעהְמֶען.

רל"י אִיז שְׁטַארְק נִתְפָּעֵל גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם אַנְטְוָוארְט, אַיי – הָאט עֶר גֶעזָאגְט – דֶער לִיטְוואק קִיקְט נִיט! – נָאכְדֶעם הָאט רל"י גֶעפְרֶעגְט וִויא אִיז דֶער נָאמֶען פוּן רַבְּ'ס מוּטְטֶער?

– פַאר מַיין פָּאהְרֶען – הָאט דֶער מֶענְשׁ גֶעעֶנְטְפֶערְט – הָאבּ אִיךְ פַארְגֶעסֶען צוּ פְרֶאגֶען וִויא דֶער נָאמֶען פוּן זַיין מוּטְטֶער אִיז גֶעוֶוען, אוֹיף דֶעם וֶועג הָאבּ אִיךְ מִיךְ עֶרְרִינֶערְט דָאס אִיךְ וַוייס נִיט אִיהר נָאמֶען אָבֶער אִיךְ הָאבּ מוֹרָא גֶעהַאט צוּ פָאהְרֶען צוּרִיק, וַוייל דֶער רַב הָאט גֶעזָאגְט דָאס אִיךְ זָאל בַּאלְד פָאהְרֶען.

בַּייא דֶעם הרה"ק רל"י אִיז גֶעלֶעגֶען אַחוּמָשׁ אוֹיף דֶעם טִישׁ, הָאט עֶר אִיהם גֶעעֶפֶענְט אוּן בַּאלְד דֶערְזֶעהֶען דֶעם פָּסוּק וַיַּרְא יַעֲקֹב כִּי יֶשׁ שֶׁבֶר בְּמִצְרָיִם, הָאט עֶר גֶעזָאגְט דָאס דֶער וָוארְט שֶׁבֶר אִיז אַרָאשֵׁי תֵּיבוֹת דָאס מַאכְט שְׁנֵיאוּר בֶּן רִבְקָה, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע גֶעטְרָאפֶען, דֶער רַב הָאט אַמָאל גֶעהַאט זַיין נָאמֶען שְׁנֵיאוּר בֶּן רִבְקָה *).

## פרק כא דֶער רַב אוֹיף דֶעם וֶועג, שַׁבָּת רוּהְט עֶר אִין אַקְרֶעטְשְׁמֶע. דֶער רַב אִין גֶעפֶאנְגֶנִים, דֶער רַב וַויינְט פוּן שְׁרֶעק, דֶער רַב בֶּערוּהִיגְט זִיךְ.

דֶער בֶּעאַמְטֶער מִיט דִיא זָאנְדַארֶען הָאבֶּען דֶעם רַב גֶעפִיהְרְט קַיין פֶּטֶערְבּוּרְג, זַייא זַיינֶען גֶעקוּמֶען בַּייא דִיא קְרֶעטְשְׁמֶע חֲוָואטִינְקֶע נִיט וַוייט פוּן

בעוועל

*) פון וואנען האט זיך רל"י גענומען, אז דער ר' פון שבר מאכט רבקה. טאמער רחל? ער פון דעם ווארט רבקה געפינט זיך אין שבר צווייא אותיות, און פון רחל נור איין אות.

גֶעוֶועל דָאס אִיז גֶעוֶוען פְרַייטָאג נָאךְ הַאלְבֶּען טָאג, דֶער רַב הָאט גֶעבֶּעטֶען דֶעם בֶּעאַמְטֶען זַייא זָאלֶען בְּלַייבֶּען אִין קְרֶעטְשְׁמֶע הַאלְטֶען שַׁבָּת, וַוייל עֶר וִויל נִיט מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין. דֶער בֶּעאַמְטֶער הָאט אִיהם גֶעעֶנְטְפֶערְט דָאס עֶר קָאן אַזאַ זַאךְ נִיט טָאהן עֶר הָאט אוֹיף דֶעם קֵיין עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ נִיט.

דֶער רַב הָאט זִיךְ זֶעהֶער שְׁטַארְק מְצַעֵר גֶעוֶוען פַאר וָואס עֶר וֶועט מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין.

דֶער רַב הָאט אִיהם דְרַייא מָאל גֶעבֶּעטֶען עֶהֶדֶער זַייא זַיינֶען צוּא גֶעפָאהְרֶען צוּם קְרֶעטְשְׁמֶע, אָבֶּער דֶער בֶּעאַמְטֶער הָאט נִיט גֶעוָואלְט פָאלְגֶען.

ווִיא זַייא זָענֶען עֶטְלֶעכֶע טְרִיט פוּן קְרֶעטְשְׁמֶע פַארְבַּייגֶעפָאהְרֶען זַיינֶען דִיא אַקְסִין צוּבְּרָאכֶען גֶעוָוארֶען. דֶער בֶּעאַמְטֶער הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִיט אַמִקְרֶה זַאךְ הָאט עֶר גִיהֵייסִין בְּלַייבֶּען בִּיז זָאנְטָאג שְׁטֶעהֶען אִין קְרֶעטְשְׁמֶע. דֶער רַב הָאט דֶעמְסְטְמָאל גֶעזָאגְט בְּדֶרֶךְ הַלָּצָה: צְוָוהִין אַף אַקְסִין בְּטֵלִין זִשְׁבִיתִין כו' (דָאס הֵייסְט דִיא אַקְסִין הָאבִּין אוֹיךְ גִישְׁרִיעֶן זַייא ווִילִין רוּהֶען דֶעם שַׁבָּת קֹדֶשׁ כו') נָאךְ שַׁבָּת, אַז דֶער רַב אִיז גֶעבְּרַאכְט גֶעוָוארֶען אִין פֶּטֶערְבּוּרְג הָאט מֶען אִיהם אַרַיינְגֶעזֶעצְט אִין טוּרְמֶע.

דֶער בֶּעאַמְטֶער וָואס הָאט אִיהם גֶעבְּרַאכְט אִין פֶּעטֶערְבּוּרְג הָאט דֶעם שֶׁעף זַאנְדַארְמֶענְקֶען עֶרְצֶעהְלְט וָואס אוֹיף דֶעם וֶועג הָאט פַּאסִירְט. הָאט זִיךְ דֶער שֶׁעף ז. גֶעוואוּנְדֶערְט אוּנ גֶעזָאגְט מִיר וֶועלֶען זֶעהֶען דִיא נִסִּים וָואס גָאט וֶועט מִיט אִיהם דָא מַאכֶען, נוּר אוֹיף יֶעדֶען פַאל אִיז עֶר — חָיא עֶם זַייאט אוֹים אַגְרוֹיסֶער וִויכְטִיגֶער מֶענְשׁ.

עֶטְלֶעכֶע בֶּעאַמְטֶע גְרוֹיסֶע שָׂרִים זֶענֶען צוּ אִיהם גֶעקוּמֶען אָנְגֶעטָאהן אִין גְרַאנְדַאנְסְקִי קְלֵיידֶער זַייא הָאבֶּען אִיהם גֶעבֶּעטֶען: עֶר זָאל גֶעהֶען מִיט זַייא. אִיז עֶר מִיטְגֶעגַאנְגֶען. זַייא זָענֶען גֶעקוּמֶען צוּם טַייךְ גֶעוַוא. אַשִׁיף אִיז גֶעשְׁטַאנֶען גֶעוַוארְט אוֹיף זַייא, דֶעם רַב הָאבֶּען זַייא בַּאפוֹילֶען עֶר זָאל אַרַיינְשְׁטַייגֶען אִין שִׁיף, הָאט דֶער רַב גֶעמֵיינְט אַז זַייא ווִילֶען אִיהם אַוֶועקְפִירֶען ווַייט פוּן שְׁטָאדְט כְּדֵי אִיהם דֶערְטְרִינְקֶען אָדֶער אַרַיינְזֶעטְצֶען אִין אַטוּרְמֶע וָואס עֶר וֶועט דָארְטֶען בְּלַייבֶּען זַיין גַאנְצֶען לֶעבֶּען, הָאט עֶר שְׁטַארְק גֶעוויינְט.

— פַאר וָואס ווֵיינְסְט דוּא? — הָאט צוּא אִיהם גֶעזָאגְט אֵיינֶער פוּן דִיא שָׂרִים — ווֵייסְט דוּא דֶען נִיט דָאס אֱמֶת בְּלַייבְּט אֱמֶת אִין אַלֶע אָרְטֶער וואוּ מֶען אִיז.

דֶער רַב הָאט זִיךְ אַבִּיסֶעל בֶּערוּהִיגְט, פָארִינְדִיג אוֹפְ'ן פַארַאהָאד הָאט עֶר מְקַדֵּשׁ גִיוֶוען דִיא לְבָנָה, בְּעֵת עֶר הָאט גִיזָאגְט תִּפֹּל עֲלֵיהֶם אֵימָתָה וָפַחַד אִיז אוֹיף אַלֶעמֶען וָואס זַיינֶען דָארְטִין גִישְׁטַאנֶען גִיפַאלִין אַצִיטֶערְנִעס.

נָאכְדֶעם הָאבֶּען זַייא אִיהם גֶעבְּרַאכְט אִין טַאיינֶע קָאוֶועט (דֶעמְסְטְמָאל הָאט מֶען דָאס גֶערוּפֶען טַאיינֶע קָאלִיגִי') אוּנ עֶר אִיז דָארְטֶען גֶעבְּלִיבֶּען זִיטְצֶען.

דֶער רַב הָאט גֶעוָואלְט ווִיסֶען אוֹיבּ פוּן דֶעם אָרְט וֶועט אַגֶעפַאנְגֶענֶער אַמָאל בֶּעפְרַייט, אָדֶער וֶוער עֶס פַאלְט אַרַיין אִין דִיא טוּרְמֶע בְּלַייבְּט זִיטְצֶען

וויא לאנג ער לעבט, האט ער געפרעגט איינעם פון דיא שומרים וויא לאנג ער דינט שוין אלס שומר? דער שומר האט איהם געענטפערט פיל יאהר ער דינט.

— טרעפט ביא דיר — האט דער רב געפרעגט — אז דוא בעקומסט אמתנה פון דיא געפאנגנע וואס ווערען פון דעם ארט בעפרייט?

— עס טרעפט זעהער אפט אז דער געפאנגענער וואס ווערט פון דאגען בעפרייט שיינקט מיר אמתנה.

דער רב האט פון שומר'ס ענטפער פארשטאנען דאס פון זיין טורמע ווערט מען אויך בעפרייט האט ער זיך אביסעלע בערוהיגט. ער האט געהאפט צו גאט דאס ער וועט איהם בעפרייען.

אין עטליכע טאג ארום האט דער רב געהערט פון שומר דאס נאך ערב איז געבראכט געווארען אין דיא וועלביגע טורמע, דער רב האט זיך דערשראקען, ער האט געמיינט דאס רל"י האט מען געפאנגען ווייל אויף איהם איז אויך געווען דער זעלביגער דאנאס, נאכדעם האט יענער רב גיזאגט תהלים. דורך דעם האט דער רב דערקאנט דיא שטימע אז דאס איז ניט רבי לוי יצחק.

פרק כב. דער שעף זאנדארמי ביא דעם רב, אנייער טייץ אין אפסוק, דיא גוטע פארשטעלונג פאר דעם קיסר, אבינדור הינטערן טהיר.

עס האט ניט לאנג געדויערט איז דער שעף זאנדארמי געקומען צוא איהם געהמען אראפראס.

וויא דער שעף זאנדארמי האט אויף איהם אקוק געטאהן וויא דער געזיכט איז שרעקליך אונ ער זיטצט פארקלעהרט אין וויכטיגע געדאנקען, האט ער באלד פארשטאנען אז דער רב איז גאר אהויכער זארט מענטש, אונ דורך גאטטעס הילף האט דער רב ביא דעם שעף זאנדארמי נושא חן וחסד געווען.

דער שעף זאנדארמי איז געווען אגרויסער חכם אונ אבקי אין גאנץ תלמודישע ליטעראטור (ער איז געוועזן אגיטויפטער) זיין נאמען ווערט געבראכט צו זוכען אין ספר שו"ת „בשמים ראש" נאך דיא הקדמה פון המו"ל, אונ אין נאך פיל אנדערע ספרים אין דער צייט וואס ער איז געווען א איד איז זיין פאמיליע נאמען געווען צייטלין, ער האט געהאט אטהייערן קאפף אונ האט געהאט ביכולת צו דערקאנען אמענשען אויב ער איז אזכאי אדער אחייב; אויף דעם רב'ס פנים האט ער דערקאנט דאס דער רב איז אצדיק תמים אונ ער האט קיין מאל ניט געזינדיגט דערפאר האט דער שר גערעדט מיט איהם זעהער פריינדליך אונ ער האט איהם געוויזען אפריילליך פנים.

— איך וויל דיר פרעגען אשאלה אין חומש — האט דער שר געזאגט אונד אויב דוא וועסט מיר פארענטפערן מיין קשיא, וועל איך דיר זעהער דאנקען.

פראגט

— פרעגט וואס איהר ווילט — האט דער רב געענטפערט, מיט גאטעס הילף וועל איך מסתמא פארענטפערן.

— זאג מיר דעם געדאנקען פון פסוק: ויקרא ה' אל האדם ויאמר לו: איכה? ווי איז דאס מעגליך אז גאט זאל ניט וויסען וואו אדם איז הגם רש"י ז"ל זאגט אויף דעם אדרש, אבער איך וואלט וועלען וויסען אין פשט די כונה פון איכה!

גלויבט איהר אז די תורה איז אנצחיות? — האט דער רב געפרעגט — אז די עקזעסטירט (איז פאראן) אין יעדער צייט, אין יעדען דור און ביי יעדען מענשען, די בלייבט אויף אימער און עביג.

— איך גלויב דאס מיט אנאמת — האט דער שר געענטפערט —. די תורה בלייבט אויף עוויג.

דער רב האט זיך דערפרייט צו הערען פון איהם דאס ער גלויבט אין דעם, ווייל דאס איז די דעה פון בעש"ט וואס דערפאר ווערט ער (דער רב) געמשפט ווערען, און ווי באלד ער האלט פון בעש"ט מיט זיין תורה וועט דער משפט פיל לייכטער זיין.

— אז איהר גלויבט אין דעם — האט דער רב געזאגט וועל איך אייך זאגען דעם פירוש אין פסוק: ויקרא ה' אל האדם, גאטט רופט צו יעדען מענשען ויאמר לו און ער זאגט צו איהם „איכה"? וואו האלסט דו אין דער וועלט? גאט האט יעדען מענשען בעשטימט ווי פיל טאג און וויפיל יאהר ער זאל לעבען כדי ער זאל טאהן גוטעס מיט מענשען און ער זאל זיין פרום צו גאטט, דער פאר דוא מענש באדענקען באקלערר זיך וויפיל יאהר דוא האסט אבגעלעבט, און וואס האסט דוא געטאהן גוטעס אין דער צייט, למשל דוא האסט שוין אבגעלעבט אזויא פיל און אזוי פיל יאהר (ער האט איהם געזאגט אזוי פיל יאהר פונקט ווי דער שר איז אלט געווען דאמאלסט) האסט דוא וועמען געטאהן אטובה?

דער שר איז שטארק נתפעל געווארען, פון וואס ער האט געטראפען ריכטיג פיל יאהר איהם איז, ער האט זיין האנד ארויפגעלעגט אויף זיינע שולטערן און ער האט געזאגט: בראווא!

נאכדעם האט דער שר גענומען פון רב דאפראסען, און דער רב האט איהם אויף יעדער פראגע געענטפערט מיט גרויס חכמה. און אויף די פראגען דאס זיינען געווען נוגע צו דער תורה האט ער געענטפערט פון גמרא מיט וואונדערליכע תירוצים, אז דער שר האט געזאגט אז דאס איז גאטליך.

הינטערין טהיר האט דער שר אוועקגעשטעלט דעם מסור אבגדור'ן ער זאל הערען, אפשר וועט דער רב זאגען א מאמר פון גמרא וואס איז ניט אמת. נור ניט אביגדור און ניט קיין מענש וועלען האפען דעם רב ביי א ליגען. דען אלץ וואס ער האט געזאגט איז געווען אמת. ריכטיג ווי עס איז געשריבען אין תלמוד אהן א שום ענדערונג.

אויסער אין דיא געגענשטענדע וואס זעגען געווען נוגע צו זיין משפט, האבען זייא אויך געזעהען פון איהם פיעל גרויסע חכמות אין פיעל פערשידענע ענינים, למשל: אמאל האבען זייא איהם אריינגעזעצט אין אפינסטערן צימער וואס בייא טאג איז געווען פינסטער פונקט וויא בייא נאכט. אליכט האט געברענט אין חדר.

צווייא אזייגער נאך האלבען טאג איז צו איהם געקומען דער שר אונ ער האט איהם געפרעגט: וואריום שלייגסט דוא דיך ניט שלאפען עס איז דאך שוין נאך האלבע נאכט.

–ניין – האט דער רב געענטפערט – יעטצט איז צווייא אזייגער נאך האלבען טאג מיט פינף מינוט מיט דרייא זעקונדען.

– פון וואנען ווייסט דוא דאס אזויא ריכטיג – האט דער שר געפרעגט?

–ווייל – האט דער רב געענטפערט – בייא טאג לייכטען (שיינען) צוועלף צירופי ה', אונ בייא נאכט שיינען צוועלף צירופי אדני, דער פון ווייס איך דיא שעה אקוראט.

דער שעף זאנדארמי האט אמאל געזאגט צום קיסר! נאך מיין מיינונג איז דער רב גאר אין גאנצען אונשולדיג, דיא מוסרים האבען איהם געמאכט אבלבול גאר אפאלשען דאס איז נור מחמת קנאה, שנאה, וכו'.

פרק כג. דער קיסר צוזאמען (פארקלידעט) בייא דעם רב, דער רב האט איהם ערקאנט, דיא שרעק פאר אקייזר, דיא אונשולד פון רב, קיינער ווייסט ניט וואו ער איז אונ אויב ער לעבט.

דיא גוטע פארשטעלונג פון שעף זאנדארמי פאר דעם קיסר דאס דער רב איז אגרויסער חכם אין וועלטליכע זאכען אונ אהייליגער מאן אגאטליכער מענש. האט דער קיסר געוואלט זעהען דעם רב אונ ריידען מיט איהם.

דער קיסר האט זיך פארקליידעט וויא אהוסר דין (אסלוזעדענאטיל) אונ איז געגאנגען ריידען מיט דעם רב זעהען זיין חכמה.

וויא דער קיסר איז אריינגעגאנגען צום רב האט דער רב איהם ערקאנט אז דאס איז דער קיסר בכבודו ובעצמו. האט ער איהם געגעבען כבוד וויא עס פאסט פאר אקייזר.

– ווארום גיבסטו דוא מיר אזא כבוד וואס פאסט פאר אקייזר? – האט דער קייזר געפרעגט – בין איך דען דער קייזר?

– יא – האט דער רב געענטפערט – דוא בינסט דער קייזר. איך וויים דאס געוויס.

– ויא אזויא ווייסט דוא דאס? – האט דער קייזר געפרעגט ווידער גייגעריג.

– ווייל אונזערע חכמים זאגען – האט דער רב געענטפערט – מלכותא דארעא

כען

כעין מלכותא הקיעא (ברכות נ"ח) אזוי ווי דער פחד פון גאטט איז נרדים, אזוי האב איך געפילט אפחד ווי דוא בינסט צו מיר אריינגעקומען וואס אזא שרעק האב איך ניט געהאט פאר קיין שר, דער פאר ווייס איך אז דוא בינסט דער קיסר.

דער קיסר איז פון איהם אוועקגעגאנגען מיט דיא געדאנקען אז דער רב איז אגעטליכער מאן און דער שעף זאנדארמי האט ריכטיג געזאגט אז דער רב איז אונשולדיג, זיינע שונאים האבען איהם געמסרה'ט מחמת קנאה שנאה.

הגם אלע האבען געזעהען און פארשטאנען דאס דער רב האט קיין חטא ניט געטאהן, ניט געגען גאטט, ניט געגען דיא רעגירונג. ניט געגען קיין מענשען, און ער איז אצדיק בכל דרכיו א חסיד בכל מעשיו, נור איהם בעפרייען האבען זייא ניט געקאנט ביז דער משפט וועט זיין פאר דיא סענאט, און דער קיסר בכבודו ובעצמו וועט נאכדעם אונטער שרייבען דעם פראטיקאל אז דער רב איז אונשולדיג, ווי דער זאקאן זאגט אין אזא משפט.

דער ווייל איז דער רב געזעסען אין געפאנגנים. קיין מענש האט ניט געוואוסט וואו ער איז, און אויב ער לעבט, אלע שתדלנות פון אנ"ש האט ניט געהאלפען, ווייל אין יענע טורמע קאן קיינער ניט צוקומען.

פרק כד. דער שעף זאנדארמי וויל טאהן אטובה דעם רב, הר"ר ישראל קאזיק, דיא פלוצער מיט דעם רבי'ס צעטעלע, דער רב לעבט, עס איז פאראן האפנונג.

אלאנגע צייט האט קיינער ניט געוואוסט וואו דער רב איז געבליבען, אויב ער לעבט, און וואו ער איז, לסוף האט גאטט געהאלט אז אנ"ש זאלען אביסעל רוהיגער ווערען, מאכט זיך אזא מעשה: מיר ווייסען אז „לב מלכים ושרים ביד ה'" גאטט האט אריינגעשיקט אגוטען ווילען ביי דעם שעף זאנדארמי אין הערצען, ער איז געקומען צום רב און האט געזאגט: אגרויסע טובה קאן איך דיר ניט טאהן, ווייל פאר דעם סוד האב איך קיין פראווע ניט, נור איך וויל דיר טאהן עפעס אטובה, אבער איך ווייס ניט וואס פאר אטובה. בעט זאג מיר וואס דוא פארלאנגסט אויב איך וועל נור קאנען מקיים זיין דיין רצון וועל איך דאס געוויס טאהן.

— איך פערלאנג פון אייך – האט דער רב געענטפערט אז איהר זאלט אייך מטריח זיין געבען א ידיעה מיינע הויז געזינד דאס איך לעב,.. און האפפ צו גאטט אין גיכען בעפרייט צו ווערען פון געפענגנים.

— ווי אזוי קאן איך דאס אבער טאהן–האט דער שר געפרעגט–דיא מסרים זיינען אידען, אלזא ווען איך וועל טרעפען א אידען ווי אזוי קאן איך וויסען אויב ער איז אפריינד אדער אפיינד ד. ה. אחסיד אדער אמתנגד?

האט דער רב איהם געענטפערט אז איר וועט טרעפען א אידען אנגעצונדען אין

א אייער

א איינער היטעל, מיט אלאנגען ראק ארומגעבונדען מיט א נארטעלע מיט זיך און זאקען, קאנט איהר איהם זאגען דאס וואס איך האב אייך געבעטען, פאר איהם דארפט איהר קיין מורא ניט האבען, ווייל דאס איז מיינער א שוואגער ר' הייסט ישראל קאזיק, (דען איידער מען האט מיך גינומען אין פ"ב האב איך איהם גיזאגט ער זאל פארן תיכף אין פעטערבורג וויא ער שטייט כו' איז ער געווים דא אונד איהר וועט איהם טרעפען).

דער שעף זאנדארמי איז שטארק נתפעל געווארען און ער האט איהם פארשפראכען (מבטיח געווען) אזויא צו טאהן, און באלד איז ער געפארין אין דיא נאכין און ער האט איהם געטראפען און באלד ערקאנט, (נאך דיא סימנים וויא דער רב האט איהם געזאגט) אז דאס איז ער.

דער שעף זאנדארמי איז צו געגאנגען צוא איהם און האט געפרעגט: וויא רופט מען דיר, וויא איז דיין נאמען?

דער ר' ישראל, איז געקומען אין פעטערבורג מיט אפרעמדען פאספארט (וויא מיר האבען פריהר געשריבען) האט ער דעם שר געענטפערט דאס איהם רופט מען מיט דעם נאמען וויא אין פאס שטייט:

ווראש! דאס הייסט — דו זאגסט ליגען האט דער שעף זאנדארמי געענטפערט און איז פון איהם אוועקגעגאנגען,

ר' ישראל קאזיק האט זיך שטארק געוואונדערט אויף דעם ציפאל, איז ער געלאפען צו דיא חסידים מפורסמים וואס זענען דענסטמאל געוועז אין פ"ב און ער האט זייא ערצעהלט וואס איהם האט געטראפען.

— דאס איז ניט אצופאל — האבען יענע געזאגט — געווים איז שר אשליח פון רב, און דאס איז אגוטער סימן דער אנפאנג פון דיא בעפרייאונג זיינע.

בכן האבען זייא אלע מסכים געווען דאס מארגען זאל ער אויך געהען אין דיא זעלבע גאסען, און אויב דער שר וועט איהם טרעפען און פרעגען זיין נאמען זאל ער איהם זאגען דעם ריכטיגען נאמען.

אויף מארגען איז דער שר געווען ביא דעם רב און ער האט איהם ערצעהלט דאס ער האט געטראפען אזא אידען מיט דיא סימנים, ער האט איהם געפרעגט זיין נאמען האט ער איהם געענטפערט זיין נאמען אנדערש ניט וויא איהר האט מיר גיזאגט.

דער רב האט באלד פארשטאנען אז ער האט איהם געזאגט דעם נאמען וויא עס שטעהט געשריבען אין פאספארט, האט ער דיא זאכע ערקלעהרט דעם שר און איהם געבעטען ער זאל זיך אצווייטען מאל מטריח זיין געהען פארין איבער דער שטאט טאמער וועט ער איהם טרעפען, און וועט איהם איבער געבען דעם צעטעלע.

דער שר האט איהם געפאלגט, ער איז גיפארין נאך אמאל איבער שטאט און ער האט איהם געטראפען.

– וויא איז דיין נאמען ? - האט דער שר געפרעגט.

– ישראל קאזיק – האט ער געענטפערט.

– געה מיר נאך פון וויטען ביז מיין וואהנונג - האט דער שר צו איהם געזאגט –.

דער שר איז געגאנגען אהיים אונ ר׳ ישראל איז איהם נאכגעגאנגען פון וויטען, דער שר איז אין זיין הויז געקומען אונ ר׳ ישראל איז געבליבען שטיין אויף דער גאס, באלד האט זיך געעפינט דיא פענצטער אונ א פלוצער איז ארויס געפאלין, ר׳ ישראל האט פאר שטאנען באלד אז דאס מיינט מען איהם האט ער אויפגעהויבען אונ איז שנעל געגאנגען צו זיינע חסידים, דארטען האבען זייא דעם פלוצער געאפענט אונ געפונען אצעטעלע. דעם רב׳ס כתיבת יד דיא ווארטער: שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד. זייער פרייד איז געוועזען זעהער גרויס דאס דער רב לעבט גאטט צו דאנקען נור וואו ער זיצט איינגעשפארט האבען זייא ניט געוואוסט אלאנגע צייט, נור דער האפפענונג אז ער וועט פרייא ווערען איז ביייא זייא געווארען שטארקער.

פרק כה אנ״ש האבען זיך ערוואוסט וואו דער רב איז איינגעשפארט, דער רב וויל ניט עסען טריפה מאכלים, דיא משרתים ווילען איהם מיט געוואלד אריינשטאפען אין מויל, דיא איינגעמאכץ פון רעטעך.

– האט אונז השי״ת געהאלפען – האבען דיא אנ״ש געזאגט איינער צו דיא אנדערע – אז מיר וויסען דאס אונזער רב לעבט, קאנען מיר האפפען אז מיר וועלן קירצליך וויסען וואו ער זיצט, אונ קוים וועלען מיר דאס זוכה זיין צוא וויסען, דארפען מיר טאהן וואס מיר וועלען קאנען אונ גאטט וועט אונז געוויס מזכה זיין צו זעהען זיין הייליגען פנים.

זייער האפפענונג צו וויסען וואו דער רב זיצט איז אין אקורצע צייט געקומען, דען מיט דעם רב האט זיך געטראפען אזא מעשה: דער רב האט אלאנגע צייט ניט געגעסען, ווייל ער האט ניט געהאט כשרה מאכלים, דער סמאטריטעל פון טורמע האט געדיינקט אז ער וויל שטארבען פון הונגער ווייל ער האט מורא פאר זיין יום הדין, האט ער געהייסן מען זאל איהם מיט געוואלד שטאפין עסין, ער האט אבער פאר קוועטצט דעם הייליגען מויל אונ מען האט ניט געקאנט עפענען, איז דארטין געווארין א גרויס געשריי. דער חייל איז אן געקומען דער שעף זאנדארמי פרעגט ער וואס איז דאס, האט מען איהם דער ציילט, זאגט דער שעף אזא מענטשין פאסט ניט שטאפין מיט געוואלד דעם עסין, מען דארף מיט איהם ריידין מיט גוטין ביז וואנענט ער וועט אליין עסין, ער איז אריין געגאנגען צו איהם אונ פרעגט ביייא איהם מיט גוטין פאר וואס עסט דוא ניט? דוא ביגסט אהער געבראכט געווארען ניט צו טאדטען

דיך

דיך, נור צו זעהען וואס מיט דיר טוהט זיך. עס קאן מעגליך זיין אז קדרצליך וועסט דוא פריא ווערען, דיין אנשולד וועט זיך בעווייזען אין סוד. אבער אז דוא וועסט ניט עססען, וועסט דוא דאך געוויס שטארבען, אונ דער וואס איז מאבד עצמו לדעת פארשפיעלט ער עוה"ב.

– טריקענע ברויט קאן איך ניט עססען -- האט דער רב געענטפערט – וויל איך בין ניט געזונד, אונ טרפה מאכלים וועל איך ניט עססען ווען אפילו איך זאל פארשפילען עולם הבא.

– זאג מיר – האט דער שר געפרעגט – ווען מען וועט דיר דערקאנען כשרה מאכל צוא וועסטו עסין. דער רב האט איהם גיענטפערט, איצט דארף איך ניט קיין מאכלים. דער מאגין איז פארשלאפט גיווארין. נאר איך האב גידארפט פלוימען קאסקע פאר שטארקען דעם מאגין, אונ ווען מען וואלט באקאזין כשרה איינגימאכין פון רעטעך מיט האניג געפרעגעלט וואלט איך גיגעסין.

דער רב האט גיזאגט אוערטיל איינגימאכין איז פון ביטער זיס' איך דארף דאס איצט האבין.

– אז איך וועל דאס דיר ברייגען פון א אידען – האט דער שר געפרעגט – וועסט דוא מיר גלויבען אונ עססען.

– יא – האט דער רב געענטפערט – נור מיט דעם תנאי אז איהר, גנאדיגער הער. זאלט אליין מיט אייערע האנד צו געהמען ביא דעם אידען אונ מיר אבגעבען, קיין אנדער מענש זאל דאס ניט אנריהרען אויב איהר פארשפרעכט מיר אזויא צו טהון גלויב איך אייך אונ וועל דערפון עססען.

– איך זאג דיר מיין עהרען ווארט – האט דער שעף זאנדארמי געענטפערט – אז איך וועל אזויא טאהן, ווייל דוא האסט ביא מיר געפונען חן.

---

פרק כו. ר' מרדכי ליעפלער, די איינגעמאכטש, דער צעטעל, דעם רב'ס צעטעלע.

ר' מרדכי פון ליעפלי איז שטענדיג געוועסען אין פעטערבורג, ער איז געוועזען א גרויסער פאדראטציג דורכדעם האט ער געקאנט פיעל פון די שרי המלוכה אונ זייא האבען איהם געקאנט פאר א גרויסען עהרליכען מאן, דארום האבען זייא איהם ליב געהאט.

איינער פון דיא גרויסע שרים וואס זענען געוועזען בעפריינדעט מיט ר' מרדכין, איז געוועזען דער שעף זאנדארמי, ער האט איהם געקאנט פאר אנערליכען אונ אפרוטען מאן, דארום האט ער געשיקט צו ר' מרדכי ער זאל איהם שיקען דורך א אידען כשרה איינגימאכין.

ר' מרדכי האט געקלעהרט ביא זיך: פארוואס קאן דער שר בעטען אזא זאך? עס איז איהם אויף זיינע געדאנקען געקומען, פיליייכט איז דאס פאר דעם רב (אונ דער ר' מרדכי איז געוועזען דעם רב'ס א גרויסער חסיד) האט

ער

ער באלד בעקומען אטעלער איינגעמאכטש און אויפגעשריבען אצעטעלע: איך וויל וויסען ווער עסט מיינע איינגעמאכטש און אין וועלכען אָרט, כתבי מרדכי.

ער האט דעם צעטעלע אריינגעלעגט אין טעללער אונטער דיא איינגעמאכטש צו געדעקט מיט נאך אטעללער און אוועק גישיקט צום שר.

דער עדעלער ערליכער שעף וואנדארמי האט זיין הבטחה צו דעם רב מקיים געווען, ער האט אפילו ניט געאפענט זעהען וואס איגעווענינ ליגט, און אזויא וויא רבי מרדכי האט דאס איהם גישיקט אזויא האט ער דאס אוועקגעפיהרט צום רב און ער האט איהם אבגעגעבען און איז אוועקגעגאנגען.

דער רב האט געפונען דעם צעטעלע. ער האט דיא איינגעמאכטש געגעסען מיט גרויס פערגעניגען - רבונו של עולם - האט דער רב געזאגט - או מענשען קאנען מאכען אביטערע זאך (וויא רעטעך) זיס. קאנסט דוא דאך געוויס מאכען פון אביטערע פאלאזעניע זאל זיס ווערען.

דער רב האט אביסעלע פון דיא איינגעמאכץ איבער געלאזען אויף דעם טעלער, און האט אויפגעשריבען אקליינעם צעטעלע: איך עם דעם איינגעמאכץ דא אין דעם אָרט, און אמענטש זאל תיכף ומיד פאהרען אין ווילנא. ער האט דעם צעטעלע אריינגעלעגט אין טעלער און האט צו געדעקט מיט אביסעל איינגעמאכטש וואס ער האט איבער געלאזען.

אויף מארגען איז דער שעף וואנדארמי געקומען צו איהם און האט איהם געפרעגט: האסט דוא הנאה געהאט פון דיא איינגעמאכטש? איך זעה אויף דיין פנים אז דוא ביסט אביסעל פריילעכער. און דאס פריידט מיך זעהער.

- דער וויל האב איך ניט מיט וואס אייך צו דאנקען גרויסער גנאדיגער הערר - האט דער רב געזאגט - פון דיא איינגעמאכטש האב איך אגרויסע הנאה געהאט איך בין פיעל מונטערער געווארען. (מען קען פארשטיין דיא מצוה וואס דער שעף האט דא גיהאט כל המקיים נפש אחת מישראל מעלה עליו הכתוב כאלו קיים עולם מלא (סנהדרין לז׳. ב״ב יא. מדרש רבה פ׳ מסעי), און פשיטא אז ער האט אויף גיהאלטען אמענטשין וואס אן איהם איז תלוי עולם מלא) הילסט דוא נאך איינגעמאכטש? - פרעגט דער שעף ביי דעם רב.

- עס איז מיר זעהער שווער אייך אזויא פיעל מטריח צוא זיין - האט דער רב געענטפערט - נור אז אייער גוטער ווילען איז זיך מטריח צו זיין, ערלויב איך מיך אייך צו בעטען נאך איינגעמאכטש.

- דוא האסט דאך דיא ערשטע איינגעמאכטש נאך ניט אין גאנצען אויפגעגעסען האט דער שר גיזאגט, - האט דער רב געענטפערט - איך האב איבער גיאזען כדי די ברכה זאל אויף דעם רוהען. דאס איז אמנהג דרך ארץ.

דער שעף וואנדארמי האט דאס אנגענומען פאר אגוטען ריכטיגען תירוץ, ער האט ביידע טעלער צוגענומען, געקומען אהיים און האט באלד געשיקט צוא ר׳

ר' מרדכין, ער האט איהם אבגעגעבען ביידע טעלער אונ געבעטען ער זאל איהם שיקען נאך אזעלכע איינגעמאכטעס.

ר' מרדכי האט אין טעלער געפונען דעם צעטעלע, האט ער באלד גישיקט דיא איינגימאכץ צום שעף, אונ אמענטשין האט מען גישיקט אין ווילנא. (אין די פריהערדיקע ספורים שטייט אז דער מענטש האט זיך גירופין ליב מיאנאוויץ אונ ער איז גיוועזן אפליטעניק דעם הגר"א אונ האט גיזאגט פאר'ן הגר"א אז ער איז גיקומען בעהעלפין זיך, ציא האט מען איהם גירופען ליב מיאנאוויץ, אונ ציא ער גיוועזן אפלימעניק דעם גאונ'ס, ווייסין מיר ניט, נאר דאס וואס זייא שרייבען אז ער איז גיקומען צום גאון בעטען הילף איז געווים ניט אמת, דען דער גאון איז דאמאלסט נפטר גיווארין וויא מיר האבען פריער געשריבען):

---

## פרק כז. דער בעש"ט מיט דעם מעזעריטשער מגיד אלס געסט בייא דעם רב אין טורטשין, זייער עצה, זייער ברכה, אמת'ע תורה.

איינגע טעג איידער מען האט גיבראכט דעם רב צום משפט איז גיקומען דער בעש"ט אונ דער הייליגער מעזיריטשער מגיד פון יענעם עולם צום רב, דער רב האט דעם בעש"ט ניט גיקענט נאר ער האט גיזעהען אז ער גייט אריין פאר דעם מגיד האט ער פארשטאנען אז דאס איז דער בעש"ט. דער מגיד זאגט צום בעש"ט דאס איז דער רבי פון רייסען, דער רב האט זיך זייער פאר שעמט אז דער מגיד זאגט אויך פאר דעם בעש"ט אז ער איז דער רב.

דער רב האט זייא גיפרעגט פאר וואס קומט איהם צו ליידין אזויא פיעל צרות? וואס ווילען מיינע רודפים פון מיר? מה פשעי ומה חטאתי?

– אויף דיר איז פאראן אקטרוג – האבין זייא איהם געענטפערט – ווייל דוא האסט מגלה געוועזן פיעל חסידות.

– אז איך וועל יעצט בעפרייט ווערן אי"ה – האט ער געפרעגט – זאל איך מעהר קיין חסידות ניט זאגען?

– פארקערט – האבין זייא געענטפערט – אז דוא האסט שוין אנגעהויבען צו זאגען, זאלסט דוא ווייטער זאגען נאך מעהר וויא פריער, אונ אזויא איז טאקע געווען ביז דאמאלסט פלעגט ער זאגען נור איין מאל אין חדש (שבת מברכין), אונ אז ער איז נאך דעם בעפרייט גיווארין האט ער אן געהייבען זאגען חסידות אלע שבת.

נאך דעם האט ער זייא גיבעטען זייא זאלין זיך שטארען פאר אים. ער האט גיטענה'ט איך זאג דאך ניט מיינע נאר וואס איך האב מקבל געווען פון אייך אונ איהר פון דעם בעש"ט.

– זאג אביסעל חסידות – האט דער בעש"ט געבעטען איך וויל האבען וויא דוא האסט מקבל געוועזן, אויב מיין תלמיד האט דיר ריכטיג איבערגעגעבען.

שנעל

– שנעל האט ער געזאגט אגוטע תקידות (דעם דרוש וואס הייבט זיך אן מראיהם זמעשיהם ער איז גידרוקט אין תורה אור), האט דער בעש"ט געזאגט אמתע תורה האב איך יעטצט געהארט – אקוראד וויא דוא הה"מ האסט פון מיר מקבל געווען אזויא האסט דוא איהם ריכטיג איבערגעגעבען, בבן דארפען מיר איהם העלפען פרייא ווערען.

האבען זייא איהם געזאגט דוא וועסט גערופען ווערען צו דיא שופטים, זייא וועלען דיר פרעגען צווייא אונ צוואנציג שאלות, אזויא וויא דיא מוסרים האבען אויפגעשריבען, זאלסט דוא אויף אלע שאלות ענטפערן אתשובה אזויא אונ אזו, נור אויף דיא לעטצטע שאלה זאלסט דוא קיין ווארט ניט ענטפערן, נור דוא זאלסט שמייכלען וועלען דיא שופטים דיין שמייכלען אנגעהמען פאר אגוטע תשובה אונ דורכדעם וועסט דוא געוויס פרייא ווערען.

זייא בידע האבען איהם נאך אמאל געבענשט אונ געזאגט: זארג גאר ניט. זייא לוסטיג מונטער געברויך קיין עצבות ניט. גאטט וועט אריינגעבען צו דיא שופטים אין הערצען אז זייא זאלען משפטן וויא דער אמת איז. זייא אליין וועלען אויך זיין פרעהליך אז דוך זייא וועסט דוא בעפרייט ווערען, דוא זאלסט וויסען אז דיא שופטים בכלל (פון דער גאנצער וועלט), אונ אין רוססלאנד בפרט זענען זעהר צוא פרידען בעסער אמענשען צו בעפרייען עהדער איהם צו בעשטראפען.

פרק כה דער רב ביא דיא שופטים אין זאאל. אין דער מיטען אלאך אריינצופאלען. דער רב געהט רעכטס ארום.

עס איז גיקומען דיא צייט פון משפט, דער רב איז גיבראכט געווארען אין אגרויסען זאאל דער טיש וואו דיא שופטים זיינען געזעסען איז ניט געשטאנען געגען טהיר, נור וייט פון טיהר, אזויא וויא דער בעשולדיגער פלעגט געהען פון טיהר צום טיש, אונ ער איז געקומען אין מיטען זאאל, פלעגט זיך ארפאלאזען אשטיק פאמאסט (אזויא איז געווען געמאכט מיט אשפרונזינגע).

דיא שופטים האבען געמיינט אז דער רב וועט אויך אהין אריינפאלען וועלען זייא פון אהים לאכען, דער רב איז אבער געגאנגען אונ האט זיך אקער געגעבען צוא דיא רעכטע האנט אונ צוא גיגאנגען צום טיש:

וויא דער רב איז געקומען צום טיש האט דער עלטערער שופט געפרעגט דעם רב דיא ערשטע שאלה: פאר וואס בינסטו דוא געגאנגען ארום זאאל אונ ניט אין מיטען וויא אלע געהען גלייך פון טיהר צום טיש. דוא האסט דאך געוויס געהאט אכוונה דער ביא.

– ניט אומזאנסט – האט דער רב געענטפערט – האבען דיא חכמי התלמוד געזאגט: כל פינות שאתה פונה לא יהיו אלא דרך ימין (יומא מ"ו. י"ז. וצ"ה. זבחים ס"ב)

ווען

קען אמענש געהט אהן דעת אין אנארט וואו דיינע אויגען ווייזען אירם קאן ער אריינפאלען אין אנעץ וואס מענשען האבען פאר איהם געמאכט.

– האט מען דיר פון הימעל מודיע געווען אז דא אין מיטען זאל פאלט מען אריין אין אנעטץ – האבען די שופטים געפראגט – אדער דוא האסט דאס אליין מיט דיין שכל פארשטאנגען?

– איך האב באמערקט – האט דער רב געענטפערט דאס אין מיטען זאלל איז דער פאקאסט אביסעל אנדערש. האב איך פארשטאנגען אז דאס איז ניט נאר אגלאטע זאך. האב איך ניט געוואלט געהען דארטען. פילייכט איז דאס אסכנה בין איך דערפאר געגאנגען ארום.

אלע שופטים האבען בעוואונדערט דיא גרויסע חכמות וואס זייא האבען געהערט פון רב. אונ דערצו האבען זייא באמערקט אז דער רב איז גאנץ רוהיג זייא ניט ער וואלט געמשפט ווערען:

---

## פרק כט, דיא שאלות פון דיא שופטים. דיא תשובות פון רב, דעם רב'ס רייד צום ווילנער אונ קיעווער צענזור.

באלד האט מען אים אן גיהייבין פרעגין דיא גרויסע שאלות וועלכע דיא מוסרים האבען אויפגעשריבען.

דיא ערשטע פראגע איז געווען: אויב ער איז פון דיא מענשען וואס גלויבען אין בעש"ט?

ווען דער רב וואלט געענטפערט: "ניין"! עס לעבט זיין איינקעל, זאל ער פארענטפערן דיא שאלות. וואלטען דיא שופטים איהם באלד פרייא געלאזען. אבער דער רב האט ניט געוואלט זיך אבשיידען פון בעש"ט וזה"ס אפילו אויף איין מינוט, אונ אפילו נישט מעהר וויא מיט אווארט. ער האט באלד געענטפערט: יא!

נאך דעם ענטפער האט זיך אנגעפאנגען דיא צווייא אונ צוואנציג שאלות פון דיא אלע שאלות ווייסען מיר נור עטליכע. אבער דאס ווייסען מיר אז אויף אלע שאלות האט ער געענטפערט ווער קלוג אז דיא שופטים האבען זיך שטארק פארוואונדערט.

אויף איין שאלה פון דיא 22 האט ער געענטפערט דיא פראגע איז געווען פאר וואס לערנט ער די חסידים פיעל צו דאווענען אונ דורך דעם זייגען זייא מבטל דעם לערנען תורה.

דער רב האט ניט באליידיגט דעם וואס גייט אים אקעגין, ער האט געענטפערט: עס זענען פאראן נשמות וואס זייא זענען שייך מעהר צו תורה, אונ נשמות וואס זייגען שייך מעהר צו תפלה, אונ אזויא געפינען מיר אין תלמוד וואס האבען אגאנצען טאג געלערנט, אונ דאווענען פלעגען זייא ווענג. אויך פאר קעהרט וואס האבען פיל געדאווענט אונ וועניגער געלערנט. דער פאר דיא

נשמות

נשמות וואס ציהען זיך נאך הגר"א זענען שייך מעהר צו תורה, אונ די נשמות וואס ציהען זיך נאך דעם בעש"ט אונ זיינע תלמידים זיינען שייך מעהר צו תפלה.

אט אזעלכע תירוצים האט ער געענטפערט אויף אלע שאלות, ער האט קיינעם ניט באליידיגט ער האט געוויזען אז דער הגר"א געהט לשיטתו אונ דער בעש"ט מיט זיינע תלמידים געהען לשיטתם וויא בית שמאי אונ בית הלל וואס פון הימעל האט מען געזאגט אלו ואלו דברי אלהים חיים.

אויף די לעצטע פראגע האט דער רב אנגעפאנגען צו לאכען.

– אט זעהסט דוא – האט איין שופט געזאגט צום אנדערן, די שאלה איז אזויא נארעש אז ער לאכט דער פון, געוויס וועט ער אונז ענטפערן אזא תירוץ אז מיר וועלען זיך דארפען שעמען, דארום זאל זיין גענוג פרעגען איהם שאלות.

איינע פון די שאלות איז געוועזען פאר וואס ער רעדט אין חסידות אז מלכות איז די נידעריגסטע מדרגה, זיא רופט זיך אן ארץ (ערד) די שאלה האט דער רב גיזאגט, איז דער תירוץ פון איר זייער אסיפער אין דיבור קען מען דאס ניט ארויס געבין גוט, נאר ער וועט דאס אויפשרייבען בכתב.

ער האט אויפגעשריבען זעהער באריכות, נאכדעם האט ער הערפון געמאכט אקיצור, אונ ער האט דאס אבגעגעבען די שרים.

די שופטים האבען זיינע תירוצים אוועקגעשיקט צו צווייא צענזורען זייא זאלען דאס איבער זעטצען אויף רוסיש אונ זאגען זייער מיינונג איב די תירוצים זענען ריכטיגע אדער פאלשע.

איינער פון די צווייא צענזארען וואס צו זייא האבען די שופטים געשיקט דעם רבס התנצלות איבער צו זעטצען אויף רוסיש – איז געוועזען דער צענזאר אין ווילנא. אונ דערפאר האט דער רב מורא געהאט פילייכט וועלען די מוסרים זיך משתדל זיין ביים דעם צענזאר ער זאל איבער זעטצען ניט ריכטיג, האט ער געשריבען אין זיין צעטעלע דאס אמענטש זאל פאהרען אין ווילנא.

---

פרק ל. דער מענטש אין ווילנא. זיינע השתדלות בייא דעם צענזאר. די מוסרים מיט געלט. די עהרליכקייט פון צענזאר. אנאמתע איבערזעטצונג אונ אפאלשע העתקה. דער מענטש פאהרט אוועק פון ווילנא.

דער מענטש איז גיקומען אין ווילנא האט ער איבער געביטען די תפלין דעם סידור מען זאל דערקענען אז ער איז אמתנגד אונ האט זיך גיזעצט לערנען.

אין גאון'ס קלויז, פיל מענשען זענען דארטין געזעסען אונ געלערנט. זייא האבען געוואוסט פון אלע נייעס וואס טרעפט, ניט נאר אין ווילנא אליין נייערט פון דער גאנצער וועלט, זייא האבען גערעדט איבער אלע וועלטליכע

נייעס

נייעס בכלל אונ אידישע נייעס בפרט קאן יעדער מענש זיך פארשטעהען וויפיל זייא האבען צורעדט פון רב, פון דיא חסידים אונ דעם רב'ס פראצעס, יעדער ווארט וואס יעדער שופט אדער דער רב אין פעטערבורג האבען גערעדט אדער אפילו ניט מעהער וויא געטראכט צוא רייצען האבען דיא לערנער פון אלין געוואוסט.

דער מענטש איז געווען ביי זיי אחשוב, ער איז גיוועזען מיט זיי אגוטער ברודער. אונ דער צו איז ער געווען אגרויסער מתמיד, ווען זיינע גוטע פריינד האבען איהם ערצעהלט נייעס פון פ"ב וואס זייא האבען געהערט וועגען רב מיט זיין פראצעס, פלעגט ער זייא ענטפערן לאמיר בעסער ריידען תורה, וואס פאר אנוצין וועלען מיר האבען פון דיא נייעס וועגען דיא כת מיט זייער רב? ווער עס האט געהערט זיינע רייד האט ער געמיינט דאס ער האט אזויא שטארק פיינד דעם רב, אז ער וויל גאר ניט הערען אונ ניט וויסען פון איהם. ער האט אין דעם עסק גאר קיין אינטערעס ניט. אבער באמת האט ער געהאט אגרויסען אינטערעס פון אלין וואס זייא האבען ערצעהלט פון רב.

עטליכע טאג איז ער געזעסען אין קלויז ער האט געקלערט ביי זיך וואס זאל ער טאהן? אין קלויז זיצט ער אזויא וויא צו וויסען דארנער, יעדער ווארט וואס זייא ריידען אויף דעם רב אונ פון זיינע חסידים שטעכט איהם אין הארצען. ער קאן דאס גאר ניט גלייכגילטיג אויסהערען, אוועקפאהרען פון ווילנא קאן ער ניט, ווייל דער רב האט געשריבען אין זיין צעטעלע צו דיא פעטערבורגער חסידים דאס ער זאל פאהרען אין ווילנא, וויכטיגע נייעס הארט ער גוט פון דיא קלויזניקעס. יעדען טאג ערצעהלען זייא ליגענס, נור ניט נייע ליגען, נור איבער גענוטצעוועטע שקרים, נוא פון דעסט וועגען האט ער געמאכט ביי זיך אהסכם צו זיטצען אין קלויז, ווייל ער האט געגלויבט אין רב אז לחנם וועט ער איהם ניט שיקען אין ווילנא.

וויא ער איז געזעסען אזויא פארטראכט, האט ער דער זעהען פיל "פנים חדשות" זייגען צו זאמענגעקומען אין קלויז. איינער האט צרויגענומען אגרויסען פאפיער אונ האט געזאגט, נאכטען האב איך בעקומען אבריעף פון אביגדור דעם פינקער רב ער זיטצט נאך אין פעטערבורג, ער שרייבט צוא מיר אויף אלע צוויא אונ צוואנציג שאלות וואס מיר האבען דערלאנגט אין אונזער מסירה אויף דעם רב מיט זיין כת, האט דער רב אפ גיענטפערט תירוצים, אונ איין תירוץ איז ארייגגעשיקט אין ווילנא צום איבער צענזאר ער זאל דאס מעתיק זיין אויף רוסיש אונ אפשיקען צוריק צום קייזר דארפט איהר וויסען וואס איהר האט צו טאהן, געהט צום צענזאר גיבט איהם געלט וואס מעהר. ער זאל אביסעלע אנדערש איבערזעטצען ער זאל משנה זיין דעם רב'ס בעיון, זאגט איהם אז ער איז באגלויבט אויף דיא העתקה אט וויא ער וועט מעתיק זיין וועט מען איהם גלויבען. פרן ווארט ניט, אט וויא איהר וועט

וועט בעקומען דעם בריעף זאלט איהר באלד געהען צום צענזאר. דען אויב דער צענזאר וועט מעתיק זיין ריכטיג וויא דער רב האט געשריבען וועט ער באלד פרייא ווערען. אונ אונזער גאנצע טרחה וועט זיין אומזאנסט. וכו׳ וכו׳.

— נוא וואס דארפען מיר פיל קלערען — האבען עטליכע פון דער אסיפה געזאגט — עס מוז ווערען געלט פאר דעם דירעקטאר-צענזאר אונ מיר דארפען איהם אנווייזען עטליכע ערטער וואו ער קאן אנדערע כונות אריינגעבען דענסמאל וועט דער רב זיין עדי אובד.

דער מענטש האט זיך ערשראקען הארענדיג זייער טיראנישען פלאן — יעטצט פארשטעה איך — האט ער זיך געטראכט — צו וואס דער רב האט מיר געהייסען פאהרען אין ווילנא. ער איז באלד אוועקגעגאנגען צום צענזאר, ער האט איהם געטראפען צום הויז, איז ער צו זיינע פיס געפאלען אונ האט שטארק געוויינט.

דער צענזאר האט געהאט זעהער אגוטען נאטור ער איז געווען אמענשען פריינד אז ער האט געזעהען אמענש האט זיך געווארפען צו זיינע פיס אונ וויינט, האט דער צענזאר פארשטאנען אז דיא הארץ איז איהם אזויא פיעל פארביטערט דאס ער קאן ניט ריידען.

דער צענזאר האט איהם אויפגעהייבען פון דער ערד אונ האט צו איהם געזאגט: אז איהר וועט ליגען אויף דער ערד פון היינט ביז איבער אנאהר וועל איך אויך ניט וויסען וואס איהר ווילט אלזא בערוהיגט זיך, האלט זיך איין פון וויינען אונ ערצעהלט מיר וואס איהר פערלאנגט. אונ אויב איך וועל נור קאנען ערפילען אייער ווילען וועל איך דאס געוויס טאהן.

ער האט זיך בערוהיגט אונ האט צו איהם אזויא געזאגט: אין אייערע הענד הערר צענזאר ליגט יעצט דער לעבען פון אהייליגען מאן אונ פון אלע זיינע אנהיינגער, איך בין געקומען אהער אין דיא שליחות פון דעם הייליגען רב וואס זיטצט אין פעטערבורג. ער האט מיר געשיקט צו אייך ער פערלאנגט פון אייך נור דעם אמת, איהר זאלט מעתיק זיין זיינע התנצלות אט וויא ער האט געשריבען, ניט מוסיף אונ ניט גורע זיין.

דער צענזאר האט איהם גיענטפערט דאס וואס איהר ביטעט בייא מיר איך זאל ניט ענדערן דיא העתקה פון זיינע הייד, איז דאס גאר איבעריג, איך וועל אונ מוז דאס טאן אן אשום ביטע. דאס ערשטע: איך בין דאך אגעשווארענער צו זיין געטרייא מיין סלוזבע ניט צו מאכען קיין פאלש. צווייטענס: דיא זעלביגע פאפירען האט מען געשיקט צו נאך אצענזאר דארפען זיין דיא העתקות ריכטיג וויא איינע אזויא דיא אנדערע, אונ דאס קאן נור זיין ווען מיר ביידע צענזארען וועלען מעתיק זיין ריכטיג אהן אשום פאלש. אונ דריטעס דער רב שרייבט אזויא דייטליך אונ פארשטאנדליך אז עס איז

ניט מעגליך צוא האבען אטעות אין זיינע הייד יעדער וואָרט איז ריין אונ קלאָהר.

— דער רב איז אהייליגער מאן — האט ר' ליב געענטפערט. אונ אז ער האט מיך געשיקט צו אייך איז דאס ניט גאר אומזאנסט, דארום קאן איך פון אייך ניט אוועקגעהען ביז איהר וועט מיר פארשפרעכען אויף אייער ערהרען וואָרט צו מאכען דיא העתקה וויא דער רב האט געשריבען, אונ אייער ערהרען וואָרט איז ביי מיר טהייער אונ הייליג, דאן וועל איך זיין רוהיג אז איך האב מיין שליחות אויסגעפיהרט ריכטיג.

— אז דער רב איז אהייליגער מאן — האט דער צענזאר געענטפערט — דאס זעה איך פון זיינע כתבים. צו ערקלעהרען אויף רוסיש זיין איין וואָרט דארף מען אויפשרייבען פיעל בויגען פאפיהר אלזא גיב איך אייך מיין האנד, אונ מיין ערהרען וואָרט, אז איך וועל מאכען העתקה גאמנה. אויך דארפט איהר וויסען אז זיינע שונאים זענען שוין ביי מיר געוועזן, זייא האבען מיך געבעטען דאס איך זאל מעתיק זיין וויא זייא וועלען מיר זאגען. וועט דער רב געווים פארמשפט ווערען, אבער איך וויל בשום אופן ניט, ווייל דער אמת איז ביי מיר טהייערער וויא אלס אויף דער וועלט. איך האב זייא מדחה געוועזן. זייא זאלען קומען אויף מארגען צוועלף אזייגער ביי טאג, זאלט איהר קומען צו מיר מיט אשעה פריהער, איך וועל אייך בעהאלטען אין צווייטען חדר וועט איהר הערען וואס זייא וועלען מיט מיר ריידען.

ער איז אוועקגעגאנגען אונ אויף מארגען פריציזע עלף אזייגער איז ער געקומען צום צענזאר. אשעה צייט האט ער גערעדט מיט דעם צענזאר, ער האט איהם ערצעהלט דיא גרויסקייט פון רב, זיין פרומקייט, פיינקייט. דער צענזאר האט געגעבען אקוק אין פענסטער אונ ער האט געזאגט: שנעל אין זייטיגען חדר אריין! דיא מוסרים קומען צו מיר.

ער איז אריינגעגאנגען אין חדר אונ דער צענזאר האט דיא טהיר פון חדר פארשלאסען.

ער האט געהערט וויא עטליכע מוסרים זענען געקומען אונ האבען געזאגט מיר האבען געבראכט דרייא טויזענד רובל פאר דער מצוה וואס איהר וועט האבען מקיים צו זיין ובעדת הרע מקרבך דיא דרייא טויזענד רובל דאס איז דיא פירות פון דער מצוה, אונ דער קרן בלייבט אויף יענער וועלט. איהר וועט זיך קויפען אגרויסען חלק עוה"ב דען איהר וועט אפשאפען פון דער וועלט אגרויסען שונא ישראל וויא דער רב איז. ע"כ זאלט איהר משנה זיין, וויא מיר וועלען אייך ווייזען.

אבער וויא קאן איך משנה זיין אז נאך צווייא קאפיטעס פון רב'ס כתבים איז געשיקט געוואָרען צו נאך צווייא צענזארען, טאמער וועלען יענע מעתיק זיין ריכטיג וועל איך דאך האבען שאנדע — האט דער צענזאר געענטפערט —.

— ניטא קשה — האבען זייא געענטפערט — דיא לשון הקודש שפראך לאזט זיך

שפראך לאזט זיך מעתיק זיין ווי מען וויל, און אזוי ווי איהר זענט דער גראסטער צענזאר, וועט מען אייך בעססער גלויבען איהר וועט זיי ווייזען אז איהר פארשטעהט בעססער ווי יענע צענזארען, און מיר בעטען אייך נעהמט צו די דרייא טויזענד רובל און מאכט שוין די העתקה, מיר וועלען דא ווארטען, ווייל מיר ווילען זעהען מיט אונזערע אויגען.

– דאס געלד וועל איך ביי אייך ניט נעהמען – האט דער צענזאר געענטפערט – און מעתיק זיין וועל איך ווי איהר פערלאנגט, מארגען וועט דאס געענדיגט ווערען, קאנט איהר שיקען איינעם פון אייך. דען צו וואס ברויכט איהר אלע קומען? וועל איך איהם ווייזען די העתקה וואס איך וועל שוין האבען פערטיג, וועט איהר זעהען דאס איך האב געמאכט נאך פיל שטרענגער ווי איהר פערלאנגט.

די מוסרים זענען אוועקגעגאנגען צופרידען, און דער צענזאר האט געאפענט די טיהר איז דער מענטש פון חדר ארויסגעגאנגען און האט געוויינט און געבעטען דעם צענזאר: ער זאל בחמנות האבען אויף דעם רבי, אויף זיין פרויא, קינדער און אויף זיינע חברים, תלמידים און אויף אלע חסידים, דען וואס פערלאנגען מיר פון אייך? נור דעם אמת אנ'אמתע העתקה.

– בלייבט רוהיג – האט דער צענזאר איהם געטרייסט האט קיין מורא ניט איך וועל מקיים זיין אקוראד ווי איך האב אייך פערשפראכען, איהר קאנט דאך פארשטעהען, ווען איך וואלט וועלען טאהן דעם היפוך ווי איך האב אייך פערשפראכען, וואלט איך דאך אייך ניט געבעטען קומען צו מיר הארען זייערע נארעשטע און פאלשע רייד, און וועגען די "עולם הבא" וואס זיי פאר־שפראכען מיך דער פאר צו האבען, גלויב איך אז פאר די אמת'ע העתקה וועל איך מעהר עוה"ב האבען, נור איך וויים אז זיי וועלען מיך קיין רוהע געבען, דערפאר וועל איך מאכען צוויא העתקות איינע ווי זיי ווילען די העתקה וועל איך זיי ווייזען אבער ניט אוועקשיקען און די צווייטע העתקה די וועל איך שיקען אין פעטערבורג, און כדי אייך צו בערוהיגען וועל איך אייך ווייזען די אמת'ע העתקה, איהר וועט זעהען ווי איך וועל דאס פאר אייערע אויגען אוועקשיקען איהר וועט מיט מיין משרת מיט געהען אויף דער פאסט און איהר וועט זעהען ווי ער אטפראוועט (שיקט) נאך פעטערבורג. יעצט זענט איהר שוין רוהיג?

אויף מארגען האט דער צענזאר געוויזען אים די אמת'ע העתקה, וואס דער צענזאר האט געזאגט זיין מיינונג דאס דער רב האט קיין חטא אויף זיך ער האט געגען די רעגירונג גאר ניט געזינדיגט פארקעהרט ער איז א גרויסער רוסישער פאטריאט, ער פארדינט פון די רעגירונג כבוד, ווייל ער לערנט אלע זיינע חסידים צוא זיין געטריא דעם קייזר און אלע זיינע שרים. א זא גרויסער הייליגער מאן בדארף בעלאהנט ווערען פון די רעגירונג מיט פיל גוטעם וכו' וכו'

נאכדעם האט ער די העתקה פארחתמת אין א קאנווערט און דער מענטש איז מיט געגאנגען אויף דער פאסט, ער האט געזעהען וויא דער משרת האט דאס צוועקגעשיקט אויף דער פאסט. אז ער געקומען צום צענזאר און האט איהם זעהער געבאנקט.

נאך דעם איז ער אקורצע צייט געבליבען אין ווילנא. וואס ער האט געהארט רייעדיג האט ער מודיע געוועזען ר' מרדכי ליעפלער, כיז ער האט געהארט רייעדיג דאס קורצליך וועט דער רב בעפרייט ווערען, האט ער גערונגען פאסט פערד און ער איז אוועקגעפארען אין פטרבורג אנזאגען דיא חסידים פון דער גוטער בשורה וואס ער האט געהארט אין ווילנא און וויא איהם האט השי"ת געהאלפען אום צו פיהרען זיינע שליחות נאך ווילנא על צד היותר טוב.

## פרק לא.

דעם צענזאר'ס ענטפער, ר' מרדכי ליעפלער, דער משפט פאר סענאט, דער סוף משפט, דער רב ווערט בעפרייט. זיין ברכה דעם שומר.

וויא דעם רב'ס שופטים האבען בעקומען דיא העתקה פון צענזאר, און זייא האבען געלייענט זיין מיינונג וועגען רב. דאס ער איז ארוסישער פאטריאט, און דיא תשובה איז זעהער ריכטיג, האבען דיא שופטים געזאגט זייער מיינונג אין אויך אזויא, וויא דער צענזאר שרייבט.

דיא גאנצע דיעלע האבען זייא אריינגעשיקט אין סענאט זייא זאלען (בעשטעטיגען) און נאכדעם דארף דאס דער קייזר אונטער שרייבען.

וויא דיא דיעלע איז אפגעשיקט געווארען אין סענאט, האבען דיא חסידים אין פטרבורג געוואוסט דאס דער ענין געהט גוט, דען דער גביר ר"מ ליעפלער איז געוועזען בעקאנט מיט פיעל שרים, זיי האבען איהם געשעטצט און געעהרט, און זייא האבען געוואוסט דאס ער איז פון דעם רב'ס חסידים, און ער האט גרויס ענמת נפש פון רב'ס זיטצען אין געפאנגנים, דערפאר אז דיא דיעלע איז אריין צו זייא, הגם ערצעהלען אקורצאד האבען זייא קיין פראוו געהאט עהדער דער קייזר וועט אונטערשרייבען, נור אזוי פיל האבען זייא דאס רעכט זיך געקומען איהם צו זאגען דאס דיא דיעלע געהט גוט, כדי איהם אביסעל צו בערוהיגען און זייא (דיא שרים) האבען שוין געוואוסט דאס דער רב איז אונשולדיג. און אומזאנסט מוטשעט ער זיך אין געפענגנים, ער קוועלט זיך נור פון דיא מוסרים איבער שנאה קנאה.

אז ר' מרדכי האט געוואוסט דאס דער רב וועט קורצליך פרייא ווערען האט ער מסתמא ערצעהלט דיא חסידים וואס זענען דעמאלסט געוועזען אין פטרבורג, אזא גרויסע ביזעס קאן נישט געהאלטען ווערען בסוד, דער פאר האבען דיא גאנגער אויך געהערט דיא ביזעס, אט דאס איז שנעל געהערט געווארען

אין

אין ווילנא, און פון דעם נייעס האט דער מענטש געהערט אין גאון'ס קלויז, נור דיא גענגער האבען נור געהערט א קלאנג, ערצעהלענדיג אז דער רב וועט בעפרייט ווערען, אבער אגעוויסע זאך פון דאנען דאס שטאמט האבען זייא ניט געוואוסט, דער פאר האבען זייא זיך געטרייסט אז דאס איז ליגען, און פאר דיא חסידים האבען זייא געזאגט דאס זייא ווייסען געוויס אז דער רב וועט אהעקגעשיקט ווערען אין סיביר אויף זיין גאנצען לעבען.

פרייטאג ט"ו כסלו האבען דיא חסידים געהערט אויף געוויס אז דיא סענאט האט אנערקאנט דאס דער רב איז ריין פון א"ע חטאים וואס דיא מוסרים האבען אויף איהם געזאגט, און דער באקלאד דארף דויערן נאך פיער טאג, היינו ביז דעם קינפטיגען דינסטאג, דיא אנ"ש זענען געווען זעהער פריילוך, יעדער מינוט איז געווען בייא זייא לאנג ווייא א יאהר, דיא פיער טאג האבען זייא פארבראכט אין פאסטען. און אין בעטען נאטש ער זאל וואס שנעלער מייזען דיא ישועה.

ויהי, און עס איז געווען ביום ג' דינסטאג י"ט כסלו, דער רב איז געזעסען און האט געזאגט תהלים, ווייא ער איז געקומען צו דעם פסוק: פדה בשלום נפשי (תהלים נ"ה פסוק י"ט) איז צום רב פלוטצלונג אריינגעקומען א שר און האט צוא איהם געזאגט: איהר זענט פרייא, דער סוד האט אייך בעפרייט נאר אין גאנצען וואו היין ווילט איהר געהען? וועל איך אייך אוועקפיהרען בשלום.

— איך וויל געהען צו ר' מרדכי ליעפלער — האט דער רב געענטפערט — נור איך דאנק אייך גרויסער העררע פאר דיא באגלייטונג איך וועל שוין אליין טרעפען.

ארויסגעהענדיג פון טורמע האט דער רב געטראפען דעם שומר וואס ער האט איהם דענסטמאל געזאגט דאס דיא בעפרייטע רעסטאנטען גיבען איהם אמתנה, און דער רב האט זיך דערנסטמאל דער פון מחיה געווען. יעטצט אז דער רב האט איהם דערזעהען האט ער איהם געגעבען עטלעכע רובל מיט אברכה דאס קורצליך זאל ער אויך פרייא ווערען פון זיין סלוזבע. דעם רבי'ס ברכה איז מקוים געווארען.

---

## פרק לב. 

אטעות, דער רב בייא אמסור אין שטוב, אגרויסע צרה, דער רב ווערט פרייא פון דער צרה, דיא פעטש, דיא צייט איז לאנגווייליג ערגער ווייא אין טורמע, דער פוילישער חסיד, דער משל.

אז דער רב איז ארויסגעגאנגען האט מען איהם געפיהרט צו רבי מרדכי ליעפלער, זייא האבען איהם צוגעפיהרט ביז דאס הויז וואו ר' מרדכי האט געוואהנט ער האט אבער געהאט אטעות דען רבי מרדכי האט געוואהנט אויף דעם צווייטען שטאק, און פארטער האט געוואהנט איינער פון רב'ס מוסרים, דער רב איז עפ"י טעות אריינגעגאנגען צום מסור אין זיין וואהנונג.

ווייא דער מסור האט דער זעהען דעם רב אפרייער מאן בייא איהם צו

הויז

הויז, האָט ער זיך וועהער ערשראָקען, פון דעכט וועגען האָט ער איהם געבעטען זיצען, אונ ער האָט בעפוילען זיין דינסט זיא זאָל וואָס שנעלער פערטיג מאַכען דעם סאַמאָוואַר, אונ ער אַליין האָט געוואַשען דיא גלאָזער, נאָכדעם האָט ער זיך געזעצט ניט וויט פון רב אונ האָט אָנגעהויבען מיט איהם צו רעדען. ביז ער האָט צו דעם רב געזאָגט: איהר מיינט אַז איהר זענט שוין פאַרטיג. זאָג איך אייך אַז איהר זענט אַריינגעפאַלען אין מיינע האַנד, וועט איהר פון מיר ניט אַרויסגיין ביז איהר וועט אונטערשרייבען אויף אַ פאַפּיער דאָס איהר זענט מבטל דעם נייעם נוסח וואָס איהר האָט מחדש געווען אין דאַוונען, אונזערע עלטערן זענען געווען אַזוינע גרויסע לומדים וויא איר אונ האָבען געזאָגט אין קדושה „נעריצך״ אונ ניט „כתר״ וכו׳ וכו׳ נוא פאַר וואָס געפעלט אייך ניט דער אַלטער נוסח? —

דער רב האָט ניט געוואוסט וואָס ער זאָל טאָהן, נור גאָטט וואָס האָט איהם אַלע מאָל געהאָלפען פון אַלע צרות דער גאָטט האָט איהם באַלד מציל געווען פון דעם מסור דורך אַזאַ סבה:

דיא חסידים האָבען גיוואַרט אויפ'ן רב'ס קומען ביי ר׳ מרדכי אונ זייא האָבען גיזעהן אַז עס איז שוין שפּעט אונ ער איז נאָך ניטאָ זייגען זיי גיוואָרען זייער ערשראָקען האָבען זייא זיך מיישב גיוועזן זייא וועלין אַראָפּ גיין אונטען צוא דעם מתנגד טאָמער איז חלילה ניט גוט אַרוים נייס מען דאָרטין, איז גיגאַנגען ר׳ מרדכי מיט אַפּוילעשין חסיד צוא דעם מסור'ס טיהר. האָבען זייא געהאָרט וויא דער מסור שרייט „נעריצך״ געפאַלט אייך ניט נור אַנייעם נוסח „כתר״ האָבען זייא באַלד פאַרשטאַנען אַז דער רב האָט געהאַט אַטעות אונ ער איז אַריינגעגאַנגען צום מסור, האָבען זייא געקלאַפּט אין טיהר אַזויא לאַנג אַז זייא האָבען באַלד דיא טיהר צוברעכען, דער מסור האָט געמוטט עפענען דיא טיהר, וויא זייא זענען אַריינגעגאַנגען צום מסור האָבען זייא געפונען: דער רב זיצט ביים טיש האַלט ביידע הענד אונטער געשפּאַרט דעם קאָפּ, וועהער פאַרטראַכט אונ ערשראָקען. דער מסור האָט זייא דער זעהען האָט ער אויפגעהערט צו שרייען אויף דעם רב. אונ האָט צו זייא געזאָגט: וואָס האָט איהר אַזויא מרעיש עולמות געווען? אַט איז אייער רב וכו׳.

ר״מ איז געלאָפען צום מסור איהם שלאָגען אָבער דער רב האָט צו איהם אַוואונק געגעבען ער זאָל דאָס ניט טאָהן האָט ר״מ געפאָלגט.

— הערט ר׳ מרדכי! — האָט דער פּוילישער חסיד געזאָגט—דער רב איז אייער רבי מוזט איהר איהם פאָלגען, אָבער מיין רבי איז ער ניט, איך בין ניט מחויב איהם צו פאָלגען. דאַרום וועל איך אייך מסור ערצעהלען אַמעשה: אַגרויסער קייסר פון אַווייטען לאַנד האָט אַמאָל בעפוילען זיינע צוויא גראָסטע מיניסטאָרען זייא זאָלען מאַכען פאַר איהם אַקרוין האָבען דיא מיניסטאָרען איינער מיט אַנדערן געהאַט אַמחלוקה. איינער האָט געזאָגט דער כתר מוז אַזוי געמאַכט ווערען, אונ דער צווייטער האָט געזאָגט פאַרקערט. דער קרוין וועט זיין שענער ער

זא,

זאל געמאכט ווערן אנדערש, וויא זייא קריגען זיך אזויא איז געקומען א פראסטער סאלדאט אונ האט געזאגט אויף איין מיניסטער דאס ער האט רעכט, האט דער צווייטער מיניסטער איהם גוט געשלאגען. אונ האט געזאגט: מילא מיר ביידע מיניסטארען קריגען זיך וויא צו מאכען דעם כתר איז קיין עולה ניט, ווייל מיר ביידע ווייסען דיא גרויסקייט פון דעם קייסר ווילען מיר ביידע אז דער כתר זאל זיין וואס שענער. מיר דוכט זיך דאס וויא איך זאג וואלט זיין שענער, אונ דעם צווייטען מיניסטער דוכט זיך אז וויא ער זאגט וועט זיין שענער. אבער דוא פראסטער אונוויסענדער סאלדאט, וואס מישט דוא זיך אין אונזער מחלוקה? דער פאר האט איהם דער מיניסטער געגעבען עטליכע פעטש, ביידענדיג האט דער פולישער חסיד מיט דיא איינגע פעטש בעפרידיגט דעם מסור, אבער טאקע פעטש נאר רעכטע אונ ניט ניזאלעוועט טאקע וואס מעהער, אונ ער האט געשריען: דוא פראסטער סאלדאט, מסור, וויא קומסט דוא צו מישען זיך אונד זאגען מבינות, ווענען כתר אונ גערייצך?

— קומט רבי לאמיר געהען — האט ר' מרדכי געזאגט — וואס זיטצען מיר דא ביא דעם מסור?

דער רב האט גיזאגט. הנו כבוד לאכסניא. אונ האט אויס גיטרונקען דארטין אגלאז טייא.

ר' מרדכי האט גענומען דעם רב פאר זיין האנד אונ ער האט איהם פון דארט ארויסגעפיהרט.

— הערסט דוא מרדכי — האט דער רב געזאגט — דו האסט מיך מחיה געוועזן, דיא גאנצע צייט וואס איך בין געזעסען אין טיינע סאוועט איז מיר ניט אזויא לאנגווייליג געוועזן וויא דיא קורצע צייט וואס איך בין ביא דעם מסור געזעסען.

---

## פרק לג. דיא שמחה פון אנ"ש, דער יו"ט י"ט כסלו, זייגע אזהרות צו אנ"ש זייא זאלען קיינע מחלוקת מאכען מיט קיין מענשען.

אלע חסידים וואס זענען געווען אין פעטערבורג זענען צו זאמען געקומען צו ר' מרדכי מקבל פנים זיין דעם רב, מיט גרויס שמחה האבען זייא דארט פארבראכט. ר' מרדכי האט געגעבען כיבוד, עססען אונ טרינקען לרוב כיד המלך.

דיא גרויסע, וויכטיגע נייעס דאס דער רב איז פרייא געווארען, האט מען געהערט אין נאהענטע אונ ווייטע ערטער. אלע חסידים האבען געמאכט דעם טאג י"ט כסלו פאר א יו"ט.

אין יענעם טאג י"ט כסלו געפאלט דער יא"צ פון דעם היילינגען מעזעריטצער מגיד, דעם רב'ס רבי, דער פאר איז דער י"ט כסלו א דאפעלטער יום טוב. חסידים זאגען קיין "תחנון" ניט, פאראויס. ד"ה מיט א טאג פריהער אונ דיא נאכט וואס

נעהערט

געהערט צו כ׳ כסלו מאכען חסידים נאך אנראסערן יו״ט, ווייל דער עיקר שמחה איז געווען אין יענע נאכט (כ׳ כסלו).

דער רב איז געפאהרען אהיים, דיא וויטעבסקער חסידים זענען געפאהרען אויף דעם וועג וואס מען פאהרט נאך געוועל כדי מקבל פנים זיין דעם רב. זייא האבען זיך צו זאמען געטראפען אין קרעטשמע חוואטינקע, וואו דער רב האט גערוהט שבת בעת דער פטרבורגער בעאמטער האט אידם געפיהרט נאך פטרבורג, דארטען האבען דיא חסידים געלעבט פראהליך. דער רב האט בייא זייא געפרעגט וואס זייא ווילען בעססער הערען א חסידות אדער א מעשה פון בעש״ט. האבען זייא געענטפערט בעססער מעשיות פון בעש״ט. דאט ער זייא ערצעהלט צווייא שרעקליכע מעשיות פון בעש״ט.

אז דער רב איז געקומען אהיים האט ער געשריבען בריעפע צו הרה״ק רל״י אין בארדיטשוב אונ צו הרה״ק ר״ב אין מעזיבוז, ער האט זייא ערצעהלט דיא נסים ונפלאות וואס גאטט האט מיט איהם געטאהן דיא גאנצע צייט וואס ער איז געזעסען אין טאיינע סאוועט. אונ ניט מיט איהם אליין נור מיט אלע תלמידים פון בעש״ט ווייל דיא מסירה איז געווען אויף דעם בעש״טס נאנג אין עבודת ה׳ ית״ש, מיט זיינע נייעם אין חסידות.

אויך האט דער רב געשריבען אזא מין בריעפע צו זיין חבר הרה״ק בעל „הפלאה" אין פפד״מ.

צו אנ״ש האט דער רב געשריבען מיט גרויסע שרעקליכע אזהרות אונ דאפפעלטע בקשות דאס זייא זאלען זיך חלילה ניט אבלאזען אין מחלוקה מיט זייערע שונאים אונ אפשיטא ניט רייען קיין שלעכט ווארט אויף דעם הגאון החסיד הגר״א אונ ניט אויף קיין עהרליכען אידען, אלמכן, דער הגר״א זצ״ל האט קיין חלק ניט אין דער מסירה, דערפאר מוזען אנ״ש נייזען אפריינדליך פנים צו זייערע געגנער אפשר וועלען יענע מקיים זיין כמים הפנים וגום׳ אונ וועלען ווערען גוטע פריינד איינער מיט דעם אנדערן.

אויך האט ער אין זיינע בריעף געבעטען דיא אנ״ש זייא זאלען זעהען מתקן צו זיין זייערע מעשים אין אלע ענינים׳ ער האט זייא אין דיא בריעפע געשריבען נייע אונ אלטע טהייערע סדרים וויא זייא זאלען זיך נוהג זיין, אונ דורכדעם וועט דיא קנאה שנאה איינער פון דעם אנדערן אפגעטאהן ווערען, אויף מעהר וויא אלין האט ער זייא געלערנט זייא זאלען זיך מעורר זיין אויף דיא דרייא וויכטיגע טהייערע ענינים וואס דיא וועלט האט דורך דעם אקיום דאס איז, תורה עבודה אונ גמילות חסדים, זייא זאלען געבען פיעל צדקה, טאהן גרויסע גמ״ח, דאווענען מיט גרוים כונה, אונ זיך שטארקען אין לימוד התורה ניט נור אין נסתר אליין אויך אין נגלה.

אויך האט דער רב געבעטען זיי זאלען אויף זיך מקבל זיין דאס אלע יאהר זאלען זייא מאכען אסיום אויף גאנץ ש״ס אין י״ט כסלו. אין אלע בתי מדרשים

און

און די חסידים האבען אנגענומען זיין בקשה נאך ביז היינט זייגען אנ"ש אין אלע שטאדט מסיים גאנץ ש"ס און מאכען דעם סיום י"ט כסלו*) .

פון דעם ספור קענען די לעזער וויסען וואס עס איז פיר איום טוב ביי חסידים י"ט כסלו .

## פרק לד. דער סוף פון די מוסרים אביגדור ביי דעם רב אביגדורס קינדער .

דער הגאון הקדוש מהר"ל פון פראג האט געזאגט (דאס ווערט געבראכט אין תוי"ט פ"י אין נדרים משנה ג) פאר וואס רופט מען אמאלשן מיט דעם נאמען „מסור" און ניט „מוסר" ? וויל פריהער גיבט ער איבער יענעם און נאכדעם זיך אליין , ער ווערט בעשטראפט . דער פאר רופט מען איהם מסור על שם סופו , וויא ריכטיג דאס איז זעהען מיר פון די אלע מוסרים וואס האבען געמסרת דעם רב , האבען לסוף געהאט אגרויסע שטראף . דאס הויפט אביגדור , אין אנפאנג איז ער געוועז א רב אין פינסק , נאכדעם וויא ער האט געמסרת דעם רב , האט ער פארלארען זיין ווערטה , ער האט נאכדעם געמסרת נאך אנדערע רביים , אבער די שרים האבען זייגע באנאקען ניט אנגענומען , זיי האבען , אים פארטריבען פון זיך .

לסוף איז ער ארויסגעטריבען געווארען פון פינסק ער איז געווארען אגרויסער ארעמאן , און ער איז געגאנגען בעטען נדבות פון שטאט צו שטאט ביז ער איז געקומען אין דער שטאט וואו דער רב האט געוואהנט דעם אביגדור'ן איז געווען אזויא שלעכט אז ער איז געגאנגען צום רב בעטען אנדבה .

דער רב האט איהם צו זיך ניט אריינגילאזען ער האט איהם ניט געוואלט אנזעהען נור א שייגע נדבה האט ער איהם ארויס געשיקט דורך זיין משרת , די איבעריגע מלשינים האבען אויך בעקומען אגרויסען שטראף פון גאט יעדערער מסור איז אויף אנאנדער אופן אונגליקליך געווארען .

אונזערע חכמים זאגען . מבני בניו של המן למדו תורה וכו . (גיטין נ"ז) די זעלביגע זעהען מיר או אביגדור'ס צוויא זאהנע זענען געווען גרויסע חסידים , זייא האבען דעם פאטערס נאמען ניט געוואלט ערמאנען , אז מען האט זייא אויפגערופען צו דער תורה האבען זייא ניט געוואלט דאס דער שמש זאל זאגען יעמוד ר' ב"ר אביגדור נור אויפען שווערס נאמען וויל זייא האבען זיך געשעמט מיט זיין נאמען .

אין דער שטאט ליעפלי האט געוואהנט דעם אביגדורס א אייניקעל אגרויסער

הסיד

---

*) אזויא וויא איין מענש , ווען ער זאל זיין דער גראסטער מתמיד קאן ניט מעגליך זיין אז ער זאל אויסלערנען גאנץ ש"ס אין איין יאהר , האבען די אנ"ש געפונען אן עצה דער צוא , זייא צוא טיילען גאנץ ש"ס יעדען חסיד אנאנדער מסכת , און דורך די חלוקה קאנען זייא האבען א סיום אלע יאהר אויף גאנץ ש"ס און דאס איז גערעכענט וויא יעדער וואלט אויסגעלערנט גאנץ ש"ס .

חסיד ווערער א פרומער, ער האט געקאנט גוט לערנען אונ ער איז געווען שטארק צו געבונדען צום רב. נאכדעם איז ער געווארען א חסידישער רב: אין א גרויסע שטאדט, ער פלעגט זאגען חסידות וועהער פיל אונ אז ער איז נסתלק געווארען האבען איהם אלע חסידים געגעבען גרויס כבוד.

---

## פרק לה. דער רב אצווייטען מאל אין פעטערבורג.

צוויי יאהר צייט איז דער רב געזעסען במנוחה ובשלוה, נאכדעם האט מען איהם געמסרת אצווייטען מאל פאר וואס ער זאגט דאס א איד דארף האבען מסירת נפש אונ ביטול. דיא ערשטע (מס"נ) קאן שאדען פאר דיא מלוכה דער איד וועט זיך מוסר נפש זיין אונ וועט טאהן וויא ער וויל, אונ דיא צווייטע (ביטול) קאן שאדען צום געשעפט, ווייל דורך ביטול דארף דער מענש ניט בויען קיין הייזער, קיין פאבריקען אונ קיין זאך ניט.

דער רב האט דארויף געענטפערט אונ ריכטיג ערקלעהרט דאס מסירת נפש שטערט ניט צו זיין אגעטרייער דינער פאר דאס לאנד. פארקעהרט, דער וואס איז זיך מוסר נפש פאר גאטט איז זיך מוסר נפש פאר דעם קאניג וויא אונזערע חכמים זאגען: „מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיעא" (ברכות נ"ח) אדער: הוי מתפלל בשלומה של מלכות (אבות פ"ג מב) דער אמתר פרומער איד וואס גלויבט אין גאטט אונ איז מקיים דיא תורה וועט קיין מאל ניט מאכען אמרידה חס וחלילה, ווען דיא רעגירונג וועט איהם אפילו בעהאנדלען ניט וויא ער וויל וועט ער נאר בעטען גאטט וויא אלע אידען בעטען יעדען שבת אונ יו"ט אין דער ערהאבענע תפלה „הנותן תשועה למלכים" זייא זאגען: מלך מלכי המלכים! (קאניג איבער אלע קעניגע) מיט זיין ערבארמונג זאל ער געבען בהמנות אין דעם הערצען פון קייזר אונ אין דעם הערצען פון אלע זיינע יועצים אונ שרים צו טאהן טובות מיט אונז אונ מיט אלע אידען וכו' וכו' אבער אז גאטט וועט זיין תפלה ניט צו הארען וועט דער פרומער איד מקיים זיין דיא רייד פון אונזערע חכמים וואס זאגען: „חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה" (ברכות לג' ונד') דאס איז טייטש: אמענש איז מחויב צו דאנקען גאטט פאר דיא שלעכטעס אזוי וויא ער דאנקט פאר גוטעס (מיט שמחה).

אויף דיא פראגע פון „ביטול" וואס דאס קאן שטערען צו אלע עסקים, האט דער רב געענטפערט אז ביטול קאן נור שטערען צו לוקסוס אונ מארעס דער מענש דארף האנדלען אונ ארבייטען אבער עהרליך. ניט פערלאנגען קיין מותרות דאס הייסט: אזעלכע זאכען וואס דער איד קאן לעבען אהן דעם, דורך דעם „ביטול" וועט ער זיך בעגנוגען, ער וועט זיין צופרידען וויפיל גאטט וועט איהם געבען ער וועט ניט גנבענען, ניט בעטריגען, ער וועט בהמנות האבען אויף דעם
אנדערין

אנדערן, ער וועט מקיים זיין דיא רייד פון אונזערע חכמים וואס זאגען: מאי חזית דדמא דידך סומק טפי דלמא דמא דההוא גברא סומק טפי (פסחים כ"ה, יומא פ"ב סנהדרין ע"ד).

באמת איז דאס זעהער אשווערערער און אטיעפער ענין צו ערקלערען דער וואס פארשטעהט ניט קיין קבלה קאן דעם ענין שווערליך פארשטעהען, הגם דער מיניסטער איז געוועזען א גרויס געלערנטער מאן, ער האט נעהאט א גרויס ידיעה אין קבלה, דאך האט ער דעם טיפען ענין שווערליך פארשטאנען ריכטיג, נור השם יתברך האט דעם רב געגעבען א לשון למודים, ער האט אזויא גוט און קלאהר ערקלערט דעם ענין, אז דער מיניסטער האט זיין ערקלערונג אנגענומען פאר ריכטיג און גוט, ער האט איהם בעפרייט פון געפאנגעניס, נור ער איז געוועזען פארזאראום פאליציע, פון חנוכה ביז פאר פסח תקס"א.

פרק לו. דיא פארשידענע דעות וועגען רבי'ס זיטצען אין פעטערבורג.

פון דעם רב'ס זיין אצווייטען מאל אין פעטערבורג און פון זיין ארויסקפאהרען פון דארט בשלום זענען פאראן פערשידענע דעות, איין דעה זאגט: דאס דעם צווייטען מאל איז דער רב ניט געוועזען תפוס אין טורמע, נור עס איז אן געקומען אבעפעל דאס דער רב זאל זיין אין פ"ב, זיטצען שטענדיג בייא סענאט, צו אנטווארט געבען אויף דיא אידישע פראגען, דיא סבה פון דעם באפעל איז געוועזען: וייל דער קייסר נ"ע און זיינע שרים האבען געזעהען דאס ער איז אקלוגער און אפראקטישער מענש דערצו אהויפט ארדענטליכער מאן האבען זייא געוואלט איהם געבען דיא וויכטיגע שטעלע.

פאר דיא אידישע לאגע אין גשמיות וואלט דאס געוועזען אגליק, דער אידישער וואפראס וואלט גענומען אנאנדער ווענדונג זייא וואלטין אנאנדער "פנים" בעקומען בייא דיא רעגירונג, אבער פאר דיא רוחניות, וואלט דאס געוועזען אגרויסער שאדען הייל דענסטמאלו וואלט דער רב קיין צייט ניט געהאט צוא זאגען חסידות, און דער צו ניט אלע חסידים וואלטען געקענט פאהרען אין פ"ב הערען זיינע חסידות.

אצווייטע דעה איז פאראן דאס מען האט איהם אצווייטען מאל אריינגעזעצט אין טורמע (ניט אין סאנעט) ביז חנוכה, און דאן האט מען איהם בעפרייט אין גאנצען און דיא סיבה פאר וואס האט מען איהם געזעצט איז אויך פאראנען דעות, אנדערע זאגין אז דורך אנאיע מסירה, און אנדערע זאגין אז דער רב איז גיוועזען אין פ"ב און דער קייזער האט דער וואוסט דער פון איז ער בייז געווארען און האט איהם ארעסטירט, גאר דער אמת איז, אז דעם צווייטען מאל איז אויך גיוועזען דורך אמסירה און ער איז דעם צווייטען מאל אויך געזעסען אין

טורמע

טורמע נאכדעם האט מען איהם בעפרייט יום ה' ד' דחנוכה נים אין גאנצען, ער איז געווען אונטער דיא השגחה פון פאליציא זיין משפט איז נאך גיט געענדיגט געווען דער מיניסטער „עדוואַרד" האט זיין פראיעקט געשריבען דאס דער רב זאל בלייבען אין פטרבורג אויף זיין גאנצען לעבען נור דער קייזער פאוויל נ"ע האט זיך נאך ניט אונטערגעחתמט, ווייל ער האט זיך נאך גיט געהאט בעשלאסען וויא צו טאהן, ווייל פון ביידע מאל וואס דער רב האט געענטפערט וועגין דעם למוד פון חסידות אונ קבלה, האט דער קיסר נ"ע געזעהען דאס דער למוד איז נאטהווענדיג פאר דיא חסידים, פון דעסט וועגען האט זיך דער קיסר נ"ע ניט געקאנט בעשליסען צו ערלויבען אזא למוד אין רוסלאנד, דיא זאכע איז געווען וויא דער „עולם" זאגט געהאנגען אין דיא לופט, ביז פאוויל האט זיך געשיידעט מיט דער וועלט אונ זיין זאהן אלכסנדר דער ערשטער נ"ע איז קייזר געווארען, דאן האט דער קייזר נ"ע איהם בעפרייט אין גאנצען אזויא וויא מיר וועלען אי"ה ווייטער שרייבען.

דיא צייט וואס דער רב איז געזעסען אין פטרבורג. זענען אויך פאראן פערשידענע דעות נור וויא דער מחבר פון ב. ר. שרייבט איז ער געזעסען פון נאך חה"ס ביז חנוכה, אין יאהר תקס"א דעם צווייטען מאל איז דער רב אליין געפאהרען אין פטרבורג אונ אז ער איז דארטען געקומען האט איהם דיא רעגירונג אריינגעזעצט אין טורמע, דיא מעשה איז אזויא געווען צו דיא צווייטע מסירה האט דיא רעגירונג פון פ"ב געשריבען צום וויטעבסקער גובערנאטאר: דאס ער זאל פריסטאווען דעם רב אין פטרבורג. דער פון האבען געהערט דיא וויטעבסקער רייכע חסידים, זיינען זייא געגאנגען צום גובערנאטאר איהם שטארק געבעטען אז ער זאל אנגעהמען זייערע ערבות פאר דעם רב אונ נאכדעם וועלען זייא איהם אוועקשיקען אין פטרבורג.

דער גובערנאטאר האט זייא געטאהן דיא טובה, אונ דיא בעלי ערבות זענען געפאהרען צום רב איהם מודיע געווען דיא נאנצע מעשה איז ער באלד געפאהרען אין פ"ב אזויא וויא מיר האבען שוין פריהער ערצייהלט.

## פרק לז. דער רב ווערט פרייא.

דער רב איז ארויס פון תפיסה חנוכה, גאר פאדנאזארם פאליציע איז ער געווען ביז קיזר פאוויל נ"ע איז געשטארבען, אונ זיין זאהן אלכסנדר דער ערשטער איז קיזר געווארען אין דעם זעלבינגען טאג וואס ער האט דעם טראהן בעשטיגען,
האט

האט ער בעפרייט דעם רב פון געפענגניס דיא מעשה איז אזוא געוועזן: אין פעטערבורג איז דערנסטמאל געוועזן אגרויסער חשוב'ער מתנגד זיין נאמען איז געוועזן ר' נטע נאטקין פון שקלאוו. ער איז געוועזן אגרויסער מקורב צוא דיא שרי הממשלה. דער נאטקין איז געקומען צום רב אונ האט צוא איהם געזאגט: אויב איר ווילט ווערען היינט פרייא אין גאנצען. זאלט איר מיר צו זאגען אז איר וועט פאהרען צוא דרייא גרויסע מתנגדישע רבנים צו הגאון ר' משה חפץ פון צאוום. אונ צוא הגאון ר' יהושע צייטלין אין שקלאוו. אונ צוא הגאון ר' יואל אין אמציסלאוו.

דער נאטקין האט געוואוסט אז עס ווערט אנייער קיסר אונ אויף דיא ערשטע ביטע וואס ווערט איהם דערלאנגט, בעטראכט ער מיט חסד. אונ אזוי ווי ער האט געוואוסט דאס דיא שרים וועלען דערלאנגען דעם קיסר דרייא בקשות, האט ער זיך משתדל געוועזן אז דעם רב'ס בקשה זאל זיין דיא ערשטע אונ אזויא איז געוועזן, ווי דער קיסר האט גיזעהען דיא בקשה פון רב, האט דער קייזער אונטער געשריבען אזוי: אונ איך אלכסנדר דער ערשטער בעפרייא איהם שאהן (תומ"י).

דער קייסר האט פארשטאנען צוא וואס דיא שרים האבען איהם דער לאנגט דעם רב"ס בקשה צום ערשטען, האט דער קייסר ג"ע געזאגט! דאס איז אין גאנצען איבעריג געוועזן. איך וואלט איהם אהן דעם אויך בעפרייט.—

דער קייסר האט איהם געגעבען אכתב אז ער איז פרייא אונ ער קאן זיך נוהג זיין ווי ער וויל, איז דער רב נאכדעם געפאהרען אהיים מיט גרויס כבוד, ביי דיא חסידים איז געוועזן ששון ושמחה, זייא האבען געבאנקעט השי"ת פאר דיא וואונדער וואס ער האט מיט זייער רב געטאהן דעם צווייטע מאל.

דער רב האט געזאגט אז דער נס פון דעם צווייטען מאל איז נאך גרעסער ווי דעם ערשטען מאל.

---

## פרק לה. דער רב איז מקיים זיין תקיעת כף.

עהדער דער רב איז אין פעטערבורג בעפרייט געווארען האט ער געגעבען (ר' נטע נאטקין פון שקלאוו) דעם ת"כ אז ער וועט פאהרען צוא דרייא גאונים, ווייא מיר האבען פריהער געשריבען ער האט זיין ת"כ מקיים געוועזן. אונ ער איז צום ערשטען געפאהרען אין צאווס.

אין צאווס איז געוועזן דער רב הגאון הגדול ר"מ חפץ, ער איז געוועזן אנאלטער מאן אונ זיך האט ער גערעכענט פאר דעם גרעסטען גאון פון זיין צייט, ווען צו איהם איז אמאל געקומען אגאון, פלעגט איהם ר"מ רופען מיט זיין נאמען, ניט רבי, אונ אז דער רב איז צו איהם געקומען האט ער איהם אויך

קין

קֵיין כָּבוֹד נִיט גֶעגֶעבֶּען , נוּר עֶר הָאט אִיהם גֶעפְרֶעגְט שַׁאֲלוֹת , לְמָשָׁל : וויא פִיל מָאל גֶעפִינְט מֶען אִין גַאנְץ ש"ס „הויות דאביי ורבא" ? אונ נָאךְ אַזֶעלְכֶע שַׁאֲלוֹת .

דֶער רַב הָאט אִיהם אוֹיף אַלֶע שַׁאֲלוֹת רִיכְטִיגֶע תֵּירוּצִים גֶעזָאגְט , אַקוּרַאט וויא דֶער גָאוֹן הָאט פֶערְלַאנְגְט . אַז דֶער גָאוֹן ר"מ הָאט גֶעזֶעהֶען דָאס דֶער רַב אִיז אַגְרוֹיסֶער בָּקִי אִין ש"ס , הָאט עֶר אִיהם גֶעוָואלְט פְּרוּבִירֶען אִין מִדְרָשׁ עֶר הָאט צוּ אִיהם אַזוֹיא גֶעזָאגְט : אִיךְ הָאבּ אַקַשְׁיָא אִין מִדְרָשׁ , דִיא קַשְׁיָא הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעפְרֶעגְט פִיעל גְאוֹנִים אוּנ קֵיינֶער הָאט מִיר נִיט גֶעזָאגְט קֵיין רִיכְטִיגֶען תֵּירוּץ , דֶער פַאר רוּף אִיךְ קֵיין גָאוֹן נִיט מִיט דֶעם נָאמֶען גָאוֹן . נוּר וֶוער עֶס וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן אַרִיכְטִיגֶען תֵּירוּץ , וֶועל אִיךְ אִיהם רוּפֶען רַבִּי אַלוּפִי וּמְיוּדָעִי וכו' .

בְּקִיצוּר דֶער גָאוֹן הָאט בַּייא דֶעם רַב גֶעפְרֶעגְט דִיא הַארְבֶּע קַשְׁיָא אוּנ דֶער רַב הָאט אִיהם בַּאלְד גֶעעֶנְטְפֶערְט אַרִיכְטִיגֶען תֵּירוּץ , אַזוֹיא גוּט אוּנ אֱמֶת , אַז דֶער גָאוֹן אִיז שְׁטַארְק נִתְפַּעֵל גֶעוָוארֶען עֶר אַלֵיין הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען (הֶערְלַאנְגְט) אַשְׁטוּהְל צוּ זִיצֶען .

— הֶערְלַאנְג גוּטֶע כִּיבּוּד — הָאט דֶער גָאוֹן גֶעזָאגְט צוּ דִיא רֶבֶּצִין — מִיר הָאבֶּען אַאוֹרֵחַ נִכְבָּד , דֶער לַאדִיעֶר רַבִּי , עֶר אִיז וֶוערְט גָאר אַגוּטֶען כִּיבּוּד .

דֶער רַב אִיז פוּן אִיהם אַוֶועקְגֶעפָאהְרֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד *) .

פוּן דָארְט אִיז דֶער רַב גֶעפָאהְרֶען צוּא הַגָאוֹן ר"י צֵייטְלִין . עֶר אִיז גֶעוֶוען אַתַּלְמִיד בַּייא דֶעם הַגָאוֹן בַּעַל „שַׁאֲגַת אַרְיֵה" זצ"ל .

אִין אָנְפַאנְג וויא דֶער רַב אִיז צוּ אִיהם גֶעקוּמֶען , הָאט דֶער גָאוֹן אִיהם צוּ גֶענוּמֶען קַאלְט , עֶר הָאט אִיהם קֵיין כָּבוֹד גֶעגֶעבֶּען . בַּאלְד וויא עֶר הָאט אִיהם גֶעזֶעהֶען הָאט עֶר אִיהם פִיל שַׁאֲלוֹת גֶעפְרֶעגְט , דֶער רַב הָאט אִיהם אוֹיף יֶעדֶער שַׁאֲלָה גֶעעֶנְטְפֶערְט אַרִיכְטִיגֶען תֵּירוּץ אַז דֶער גָאוֹן אִיז שְׁטַארְק נִתְפַּעֵל גֶעוָוארֶען , אוּנ דֶער רַב אִיז פוּן אִיהם אַוֶועקְגֶעפָאהְרֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד .

פוּן דָארְט אִיז דֶער רַב גֶעפָאהְרֶען נָאךְ דֶער שְׁטָאדְט אַמְצִיסְלַאוו וויא עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּא הַגָאוֹן ר' יוֹאֵל זלה"ה הָאט זִיךְ דֶער גָאוֹן פַאר אִיהם גֶעשְׁטֶעלְט אוּנ הָאט גֶעזָאגְט : שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם רַבִּי !

— פַאר וָואס רוּפְט אִיהר „מִיךְ רַבִּי ? — הָאט דֶער רַב גֶעפְרֶעגְט —.

איהר

---

*) אז דער רב איז שפעטער נסתלק געווארין אונ זיין זאהן דער מיטעלער אדמו"ר נ"ע איז געפאהרען אויף'ן פראווינץ וויא דאס איז ידוע , איז ער געקומען אין צאַוס , אז דער הגאון מ"ר רמ"ח האט נאך געלעבט נור ער איז געווען אלט , שלאף , בלינד , אונ זעהער אָרעם , דער מיטעלער אדמו"ר איז צו איהם ארייגעגאנגען מבקר חולה זיין , ער האט איהם פֿינף אונ צוואנציג רובל געשאָנקען , דער גאון האט איהם געפרעגט : זענט איהר אויך אַזאַ למדן וויא אייער פֿאטער ? איהם האב איך געקאנט , ער איז געוועז אגרויסער למדן .

– איר זענט מיינער ארבי – האט דער גאון געענטפערט אויב איר געדיינקט אז מיר זענען געווען יונגע לייט האבען מיר זיך בעקאנט אין וויטעבסק האב איך דארטען אמאל געפראגט ביא אייך א ענין אין גמרא האט איהר מיר געזאגט דעם פירוש.

– אויב אזויא – האט דער רב געפראגט – פאר וואס זענט איהר ניט געקומען מיר אויסלייזען – וויא דער דין איז (חייב אדם לפדות את רבו).

– גלויבט מיר – האט דער גאון געענטפערט – ווען דאס וואלט געהאלטען ביא געלד, וואלט מצדי קיין מניעה ניט געווען, אבער איהר ווייסט דאך אז דא האט געהאלטען ניט ביא געלד, וואס האב איך געקאנט העלפען דער צו?

דער רב האט ביא איהם פארבראכט אלאנגע צייט, נאכדעם איז ער פון דארט מיט גרויס כבוד אוועקגעפאהרען אהיים.

---

## פרק לט. שלום ושלוה.

דער רב אונ זיינע חסידים האבען אנגעפאנגען צו לעבען בשלום ובשלוה, דיא דיקים אונ פותים, דיא מתרהרי ריב האבען געזעהען דאס זייא מאטערן זיך נאר אומזיסט, זייא האבען קיינע קראפטען מלחמה צו האלטען מיט דיא חסידים וואס זענען שטארקער וויא זייא, אויך דיא מלשינות האט פארלארען דעם אמאליגען גלאנץ דיא רעגירונג האט געגעבען ערלויבניס דיא חסידים אונ דעם רב מיט זייער דת טאהן וויא אונ וואס זייא ווילען דארום האבען דיא מוסרים אויפגעהערט צו מסרן אונ דיא פרומע מנגדים האבען חרטה געהאט אויף דעם אנפאנג פון דער מחלוקה. דיא גרויסע וויכטיגע תלמידים פון הגר"א זלה"ה האבען מגלה געווען דעם סוד דאס דער הגר"א וואס האט געאסרת איינגע חסידישע זאכען, איז דאס טאקע ניט אסור עפ"י דין ער האט דאס געאסרת, נור כדי דיא מנגדים זאלען זיך ערווייטערן פון דיא חסידים.

אין יענער צייט אין יאהר תקס"ב איז בטל געווארען אלע גזירות געגען די חסידים מיט זייערע אמאליגע געגנער האבען די חסידים אנגעפאנגען זיך מתחתן צו זיין איינער מיטן אנדערן. אונ דיא געשליפענע חלפים איז נתפס געווארען ביא דיא מנגדים אויך אלע אידען האבען זיך בענוטצט מיט דיא געשליפענע חלפים עס איז נור געבליבען דער אונטערשייד פון חסידים ביז מנגדים דער נאמען אונ דער נוסח התפלה, צו דיא חסידים זענען צוגעשטאנען פיעל מנגדים, דיא חסידישע געמיינדע איז געווארען גראסער אונ גראסער דיא חסידים האבען אויפגעהערט מורא צוא האבען פאר זייערע געגנער, פארקערט

דיא

דיא געגנער, האבען זיך געפרייט ווען דיא חסידים האבען זייא געוויזען אפריינדליך פנים.

דער רב האט פיעל בריעף געשריבען צו אנ"ש אויך צו דיא גרויסע גאונים ער האט פון זיי געבעטען רחמים ותחנונים זייא זאלען איינער מיט דעם אנדערן לעבען בשלום ובשלוה דענסטמאל וועט השי"ת דער אבי השלום שיקען שלום אויף אלע אידען.

אז דער רב איז גיקומען דעם צווייטען מאהל פון פ"ב האט ער זיך איבער געקליבען פון לאזני (פאר וואס ווייסען מיר ניט) דיא לאזנער איינוואהנער האבען זעהר ניט גיוואלט לאזען נור עס האט ניט געהאלפען. דאס איז גיוועז אין תקס"ב.

---

## פרק מ. איניגע וואונדערליכע מעשיות פון רב. אפיערציגן יאהריגען קינד טראגט אוויגד אין דיא לופטען.

אלע יאהר, י"ט כסלו, דאס איז דער טאג וואס דער רב איז פרייא געווארען פון דעם געפאנגנים, פלעגט ער מאכען אסעודה פאר זיינע גוטע פריינד, דער רב פלעגט זיך זעהר פרעהליך מאכען, אונ ער פלעגט פיעל תורה זאגען.

אמאל האט געטראפען י"ט כסלו זענען פיעל חסידים צו זאמענגעקומען זיך משמח זיין מיט דעם רב, זייא האבען אויף איהם געווארט ביז נאך האלבע נאכט, ער איז געזעסען אין זיין חדר פערשלאסען.

נאך האלבע נאכט איז ער ארויסגעגאנגען צוא דיא אנ"ש אלע וואס זענען דארט געוועזן האבען באמערקט דאס דער רב איז זעהער פארטראכט.

דער רב האט זיך געזעצט ביים טיש אונ האט געזאגט: איך בין זעהער צו פרידען וואס איך האב אמאל מציל געוועזן א אידישען נפש פון טויט, דיא מעשה איז אזויא געוועזן, אז איך בין געוועזן אין מעזעריטש בייא מיין רבי איז דארטען געוועזן אנאלמנה וואס זיא פלעגט פאר מיר יעדען טאג קאכען מיטאג אונ וואשען מיינע וועש, דיא אלמנה האט געהאט אבן יחיד, פיערצעהן יאהר אלט, ער האט געהאט אטהייערע קאפף צוא לערנען, אונ האט געלערנט אנדערע שפראכען אויך אוסער אידעש ער איז בעקאנט געווארען מיט אמחמדנישען גייסטליכען, האט איהם יענער איינגערעדט ער זאל איבערגעהען צו דעם מחמדנישען גלויבען, דער גייסטליכער האט איהם אוועקגעפיהרט אין אמאטשעד (אמחמדנישע בית תפלה) אונ האט איהם פארשלאסען אין אחדר אויף דעם דריטען שטאק.

זיין מוטער, דיא אלמנה, האט געוואלט בעטען מיין רבין ער זאל באטעווען איהר זאהן פון דיא מחמדנישע האנד. אבער דעם רבינס משרת

„פוליט" האט איהר צום רבין ניט אריינגעלאזען ווייל דער רבי איז דענסטמאל געזעסען אחלוש, דיא אלמנה איז געקומען צו מיר אונ האט שטארק געוויינט איך האב איהר געגעבען אן עצה: זיא זאל ווארטען ביז פרייטאג נאך האלבען טאג דענסטמאל געהט פוליט אין מרחץ, אונ איך בלייב היטען דיא טיהר. העל איך איהר דענסטמאל אריינלאזען צו מיין רבי, אונ איך וועל זיין אמליץ פאר איהר, זיא האט אזויא געטאהן אונ איז געקומען פרייטיג נאך האלבען טאג אונ איך האב איהר אריינגילאזען, אונ זיא האט דעם רבי ערצעהלט איהר גרויסען אונגליק, אונ איך האב איהם אויך געזאגט דאס דער זאהן איז זעהער אוואילער קינד, האט דער רבי געענטפערט געהט. אידענע אהיים נאט וועט אייך מן הסתם העלפען.

אויף יענעם שבת זענען געוועזען פיעל געסט פון זיינע תלמידים, זייא זענען שוין געוועזען רבנים מפורסמים, זייא פלעגען שבת דאווענען אין ווייסע קליידער, זייא האבען זיך שוין אנגעטאהן דיא בגדי שבת צוא געהען דאווענען.

פלוטצלונג איז דער רבי אריינגעגאנגען אין זאאל ער איז שוין געוועזען אנגעצויגען אין שבתדיגע קליידער, אונ ער האט אנגעהייבען זאגען תורה אויף דעם פסוק „נפש כי תחטא", אז דיא תלמידים האבען געהארט דאס דער רבי זאגט תורה, האבען זייא אויסגעטאהן דיא ווייסע קליידער (ווייל פאר דעם רבין אין זיין געגענווארט פלעגען זייא ניט געהען אין ווייסע קליידער) אונ האבען געהארט דיא תורה וואס האט ניט לאנג געדויערט, בייא דיא תלמידים איז דאס געוועזען אגרויסער וואונדער ווייל ער פלעגט קיין מאל ניט זאגען תורה אין דער צייט.

אז דער רבי האט געענדיגט זאגען, איז ער אריינגעגאנגען צוא זיך אין חדר אונ דיא תלמידים האבען ווייטער אנגעטאהן זייערע ווייסע קליידער.

אין אפיערטעל שעה ארום איז דער רבי נאכאמאל ארויסגעגאנגען פון זיין חדר אין זאאל אריין אונ האט אנגעהייבען זאגען תורה אויף דעם זעלביגען פסוק נפש כי תחטא...

דיא תלמידים האבען געמוזט נאך אמאהל איבערבייטען זייערע קליידער, אזויא איז געוועזען פיער מאל. בייא נאכט האט דער רבי אויך געזאגט דרייא מאל תורה אויף דעם זעלביגען פסוק נפש כי תחטא, דיא תלמידים האבען זיך דארויף זעהער געוואונדערט.

דעם זיבענטען מאל וויא דער רבי האט געזאגט תורה אויף דעם פסוק „נפש כי תחטא" איז געווארען אשטארקער שטורם — אווינד, אונ אז דער רבי האט געענדיגט זאגען, האבען מיר געהערט אקלאפף אין טהיר, האט דער רבי צו מיר געזאגט: געה אויף דרויסען נעהם דעם קינד פיהר איהם צו זיין מוטטער.

איך

איך בין פון הויז גינאנגען אויף דרויסען, אונ האב געפונען דעם בחור'ל ליגענדיג ביא דיא שטוב טהיר, איך האב איהם גענומען פארן האנד אונ אוועקגעפיהרט צו זיין מוטטער.

אז דער בחור'ל האט זיך אביסעל אבגערוהט, האב איך ביא איהם געפרעגט: וואס מיט איהם האט זיך פאסירט? האט ער מיר ערצעהלט אזא מעשה: דער גייסטליכער האט איהם פארשלאסען אין זייער געבעט הויז (מאטשעטע) מיט נאך אבחור'ל צוזאמען, עססענווארג אונ משקאות איז געווען גענוג, פרייטאג אנאנצען טאג האבען זייא פארבראכט זעהער פרעהליך פאר נאכט (דאס איז געווען ריכטיג ווען דער רבי האט געזאגט דעם ערשטען מאהל דיא תורה אויף דעם פסוק נפש כי תחטא) איז דער בחור'ל אומעטיג געווארען, ער האט אנגעפאנגען צו טראכטען: וואס טוהט ער אין אזא הויז? איהם יהאט פארדראסען דער גאנצער עסק... נור ער האט באלד געטרונקען משקה אונ דיא געדאנקען האבען אויפגעהערט צו טראכטען, אבער אין אפיערטעל שעה ארום איז איהם ווידער געקומען אויף זיינע געדאנקען אז ער טוהט ניט גוט, האט ער גענומען זיין פידעל אונ געשפילט, קורץ יעדען מאל וואס דער המ"מ האט געזאגט תורה אויף דעם פסוק איז אין דער זעלבער צייט דער בחור'ל פערטרויערט געווארען אונ האט גרויס חרטה געהאט אויף אלעס ער האט זיך בעשלאסען צו אנטלויפען ער האט געעפענט דעם פענסטער אונ האט געוואלט דורכשפרינגען, דער פענסטער איז געווען הויך דרייסיג מאן פון דער ערד, ער האט זיך בעשלאסען: בעסער געהרגעט צו ווערען, עהדער צו ווערן אמהומר'נער ער איז פון פענסטער ארונטערגעשפרונגען, באלד איז געווארען אשטורם ווינד אונ עס האט איהם אוועקגעטראגען ביז דעם רבי'ס הויז, ער איז געפאלען ביא דער טיהר וואס דורך זיין קלאפף מיט'ן קאפף אין טיהר האט זיך געהערט אין שטוב.

אזא מעשה האט דער רב ערצעהלט י"ט כסלו דיא חסידים האבען זיך געוואונדערט פאר וואס ערצעהלט ער גראדע היינט דיא מעשה, דער פאר האבען דיא חסידים געהיט אגאנצע נאכט, געלויערט ווער פאהן רבי'ס חדר ווערט ארויסגעהען אין דער פריה האבען זייא געזעהען ויא אמענש מיט אפארבונדענע קאפף איז ארויס געגאנגען פון רבי'ס חדר, האבען דיא חסידים פארשטאנען אז דאס איז דער געוועזענער בחור'ל וואס מיט איהם האט דיא מעשה געטראפען.

## פרק מ"א. דעם רבי'ס אין עצה.

בעת דער רב איז געוועסען אין פעטערבורג אין טייגע סאוויעט, איז געווען אין פעטערבורג א איד ר' חיים אנ'אלטער מאן אגרויסער חסיד, ער

האט

האט געהאט אטאכטער איהר נאמען איז געוועזן וויטיל. זיא פלעגט צוא געהמען אלע אידישע בריעף פון פאסט אונ פונאנדער טראגען. זייא צו דיא סוחרים אונ דערפון האט זיא זיך ערנעהרט, דיא חסידים האבען געבעטען דעם ר' חיים'ן אז ער זאל בעטען זיין טאכטער, דאס דיא בריעף וואס קומט אן צו דיא חסידים זאל זיא קיינעם נישט ווייזען, ווייל דיא מוסרים וואס זיינען געוועזן אין פעטערבורג פלעגען וועלען בייא איהר בעקומען די בריף צוא לעזען וואס די חסידים שרייבען אין פעטערבורג—, זיא האט אזוי געטאהן.

אז דער רב איז בעפרייט געווארען פון געפאנגנים, האט ער געזאגט ברכך הלצה אז חיים אונ זיין טאכטער וויטיל האבען געהאלפען איהם בעפרייט צו ווערען פון טורמע.

נאכדעם אין אצייט ארום האט וויטיל זיך באזעטצט אין אדארף נישט וויים פון טולטשין.

דיא וויטיל האט געהאט אקליינע טאכטער איהר האט אשרעקליכע סכנה געטראפען, זיא איז ארויסגעפאלען דורך אהויכען פענסטער אויף דער ערד אונ דורכדעם איז איהר געווארען אלאך אין האלדז, דיא דאקטוירים האבען געזאגט אז זייא האבען דער צו קיין מיטעל, דער וואונד איז געפעהרליך אונ זיא קאן נישט געזונד ווערען.

וויטיל'ס מאן האט געהאנדעלט מיט אקסען אין יענער צייט איז געווארען אפעסט בייא אקסען, וויטיל האט מורא געהאט טאמער חלילה וועלען איהר מאנס אקסען אויך פאלען פון פעסט, וועט זיא בלייבען אנ'אביונטע חלילה.

אונ וויטיל האט דאן געהערט דאס דער רב פאהרט אין טולטשין, זיא האט גערעכנט דאס אין טולטשין וועט זיא צוא איהם נישט קאנען אנקומען, איז זיא איהם ענטגעגען געפאהרען אין אקליינע שטעדטיל פאר טולטשין, אבער אין יענע שטעדטיל זיינען אויך פיעל מענשען צוזאמענגעקומען, אונ דער משרת וואס איז געשטאנען בייא דער טהיר האט איהר נישט אריינגעלאזען צום רב, זיא האט געגעבען אקלאפ אין טיהר אונ אגעשרייא: רבי, וויטיל וויל אייך זעהען, וויא דער רב האט דער הערט דעם נאמען וויטיל האט ער זיך באלד ערדינערט אז אין פעטערבורג האט זיא איהם אטובה געטאהן, האט ער דעם משרת בעפוילען ער זאל איהר באלד אריינלאזען צו איהם.

וויטיל האט אויף דעם טיש אוועקגעלעגט אקוויטעל אינוועניג איז געשטאנען געשריבען איהרע צווייא בקשות.

— צווייא בקשות — האט דער רב געזאגט — מוז זיין צווייא קוויטליך, האט בארטען גופא דעם רבי'ס גבאי ׳אויפגעשריבען צווייא קוויטליך.

— דיין בקשה פאר דיין טאכטער — האט דער רב געזאגט — האב איך שוין ממלא געווען דוא וועסט קומען אהיים וועסט דוא געפינען דיין טאכטער געזונד אונ

פריש, עס וועט ביא איהר בלייבען אויפ'ן האלדז גישט מעהר וויא אצייכען, אונ דיין מאן זאלסטו דוא זאגען אז מיין נאמען איז - דיא אכסען וועלכע ער האט יעטצט וועט ער פארקויפען מיט רוח, אבער מעהר זאל ער מיט אכסען ניט האנדלען.

וויטיל איז געקומען אהיים האט זיא געפונען איהר טאכטער געזונד אזויא וויא דער רב האט געזאגט, אבער-איהר מאן איז געוועז אמקורב מיט רבי ברוך, האט ער ניט געוואלט פאלגען דעם רב, ווייל ר"ב האט איהם ניט געהייסען.

מערקווירדיג איז געוועזען דאס אלע צוויא יאהר האט זיך געביטען זיין עסק, צוויא יאהר האט ער באגליקט, אונ צוויא יאהר איז ער געוועזען אן ארעמאן, אונ אזויא איז געוועזען כל ימיו ביז ער איז געשטארבען.

אלע וואס האבען געקאנט דעם רב אז ער האט פיינד צו ווייזען נסים ונפלאות, האבען זיך געוואונדערט אויף דיא מופתים.

## פרק מב.

דער טהייערער גארטעל, דיא צוויא טויזענד רובל, פארברענט דער קנה מיט דעם הנח, דער אלטער קרעטשמער, גאטס שפייזט אלע ברואים בכלל אונ דיא מאמינים בפרט.

דער רב האט געלעבט קארגליך, ער האט געזאגט דאס דיא תורה האט חס געהאט אויף אידישע געלד, אונ אזויא וויא ער לעבט פון דיא געלד וואס אידען גיבען איהם, דארף ער אויסגעבען וואס וועניגער, דיא זעלביגע פלעגט ער זיין אגרויסער מקפיד אויף דיא טהייערע קליידער, דערפאר ווען זיינע קינדער אדער איינקליך פלעגען אנטאהן אנאייעם טהייערען בגד, האבען זייא איהם ניט געוויזען:

אמאל האט זיין איינקעל אנגעטאהן אזיידענעם גארטעל ער האט פאר דעם גארטעל בעצאהלט צוועלף רובל דער רב האט דער זעהען דעם גארטעל האט ער מקפיד געוועזען.

– וויפיל קאסט דער גארטעל? – האט דער רב געפראגט.

אזוי פיל – האט דער איינקעל געענטפערט.

– בינסט דוא אזויא רייך – האט דער רב געפראגט – וויפיל געלד האסט דוא?

– צוויא טויזענד רובל – האט דער איינקעל געענטפערט, וואו איז דיינע געלט, פרעגט דער רב, ענטפערט דער איינקיל ביא ר' שמעי' פון דובראווגע ער איז ארעכטער גביר אונ אבטוח.

יא, זאגט דער רב, היינט איז ער אגביר אונ אבטוח, פון וואנען ווייסטו דוא אבער וואס שפעטער קען זיין?

אין עטליכע חדשים ארום איז דער גביר געווארען אגשרף, פון חובות בעצאהלען איז גאר קיין רייד ניט געווען.

דער איינקעל איז אריין גילאפען צום רב, איי ווידע וואס טוט מען, דער רב ענטפערט אים ווער איז אייך שולדיג אז איר האט קיין אמונה ניט אין ארבין, הער צו וואס איך וועל דיר דער ציילין אמעשה. בעת איך בין גינאנגען פון מעזעריטש בין איך פאר גאנגען אין אקרעטשמע, דער קרעטשמער האט מיך פיין אויף גינומען אונ גיגעבין עסין אונ טרינקען. נאך דעם פרעגט דער קרעטשמער ווער בין איך, זאג איך צוא אים איך בין דעם גרויסין מגיד'ם אתלמיד, נוא זאגט ער איך וועל בייא אייך פרעגין אעצה, דער פריין פון קרעטשמע וויל מיר העכערין דיא ארענדע, אונ ניט ווייט איז פאראנגען נאך אקרעטשמע, ציא זאל איך זיא געמען אדער מוסיף זיין דעם פריין אויף דער קרעטשמע. האב איך איהם גיזאגט מיין עצה איז דוא זאלסט ארוים אין יענער קרעטשמע. נאך דעם האב איך זיך גילייגט אפ רוהען.

דער קרעטשמער איז גלייך אוועקגעגאנגען אין דארף, געדונגען פוהרען, גיקומען מיט זייא אהיים, אלע זיינע זאכען פארפאקט אונ אויף דיא פוהרען ארויף געלייגט.

איך חאפ זיך אויף פון שלאף זע איך דיא קרעטשמע איז פוסט אלע זאכען ליגין גיפאקט אויף דיא פורין, אונ מען ווארט נאר אויף מיר.

מיר זיינען גלייך אוועק גיפארין צוא יענער קרעטשמע, דער ווייל האט זיך דער הימעל באדעקט מיט אשווארצען וואלקען אונ אדונער נאך אדונער האט געקלאפט אונ דיא קרעטשמע האט זיך באלד אן גיצונדין פון אבליץ מיט אדונער, אונ פאר ברענט גיווארין — , נוא זע, זאגט דער רב צום איינקיל, איך בין דאמאלסט קיין רבי ניט גיוועז נאר איך האב אים גיזאגט אז איך בין אתלמיד פון גרויסען מגיד האט ער גלייך גיפאלגט מיין עצה אונ האט קיין חרטה ניט גיהאט, איצט בין איך ארבי אונ זאג דיר אזייגע ווערטער וועגין דיין גביר האסטו גאר ניט גיטאן, היינט לייפסט דוא צוא מיר, וואס זאל איך דיר איצט העלפען השי"ת זאל דיר העלפין:

---

פרק ט"ג. צווייא חסידים מיט אין שאלה בייא דעם רב, דעם רבס ענטפער, איינעם גוט, דעם צווייטען ניט גוט, דעם רב'ס רייד ווערן מקוים.

ר' שלמה רפאל'ס פון ווילנא איז געוועזן אגביר אונ אגרויסער חסיד ער האט ערצעהלט דאס אמאל איז ער געפאהרען אין לאדי פרעגען דעם רב אנעצה; אויב ער זאל מאכען אגעשעפט פון ביער, דער ר' שלמה האט אין לאדי געטראפען דעם גרויסען מופלג ר' יוסף רפא"ם.

דער

דער ר' יוסף איז געוועזען בייא דעם רב אונ האט אויך געפרעגט: אויב ער זאל מאכען אַגעשעפט פון ביער?

— ערצעהל מיר אַקוראַט — האט דער רב געזאגט וויא מאכסט דוא דעם עסק?

— אין אנהייב ווינטער — האט ר' יוסף געענטפערט — גיעסט מען אָן פעסער מיט ביער מען שטעלט זייא אויף אייז, אונ זומער פארקויפט מען.

— דאס איז אַריזעקאלנער געשעפט — האט דער רב געענטפערט, שטעהענדיג אויף דעם אייז קאן טרעפען: אז עטליכע פעססער פלאטצען רינט אויס דיא ביר אונ מען האט היזק.

אויף מארגען איז אַריינגעגאנגען ר' שלמה רפאל'ס פרעגען דיא זעלביגע פראגע: אויב ער זאל ווייטער שטעלען ווינטער צייט פעססער ביער אויף דעם אייז אונ זומער איז דיא ביער גאר אַנאנטיק, עס ווערט טהייער פארקויפט ער אַזויא וויא ער טהוט אלע יאהר.

— דער עסק געפעלט מיר — האט דער רב געענטפערט — ווייל אַנאנק ווינטער שטעהט דיא ביער צוגעדעקט. קאן גאטט געבען הצלחה.

ביידע זענען געפאהרען אהיים אונ האבען געמאכט דעם זעלביגען עסק ר' שלמה איז דער פון רייך געווארען אונ ר' יוסף איז דער פון ארעם געווארען, בייא איהם אין אייז קעלער זענען דיא פעססער ביער צוא בראכען געווארען, אַזויא וויא דער רב האט געזאגט.

דיא סבה דער פון איז געוועזען; ווייל ר' יוסף האט געוואלט ,מסיג גבול' זיין דעם ר' שלמה'ן, ר' שלמה האט דעם געשעפט געהאלטען פיעל יאהרען אונ אלע יאהר איז ער געפאהרען צום רב אין לאדי בעטען זיין ברכה אז דער געשעפט זאל מצליח זיין, אונ ר' יוסף האט געוואלט מאכען דעם עסק צוא קאנקורירען ר' שלמן, דערפאר האט איהם דער רב געזאגט דאס דער עסק וועט איהם ניט מצליח זיין.

---

## פרק מד. דעם רב'ס זייגער אונ דער איטעל זייגער.

איינער פון די חסידים איז אמאל געקומען אין לאדי, ער איז אריינגעגאנגען צום רב אין זיין חדר, דער רב האט מיט איהם אלאנגע צייט גערעדט, אין מיטען ריידען איז דער רב ארויסגעגאנגען אין אצווייטען חדר.

בייא דעם רב אויפ'ן טיש איז געלעגען אזייגער. האט דער חסיד גענומען דעם זייגער אונ פערגליכט צו זיין זייגער, האט ער געזעהען דאס דעם רב'ס זייגער שפעטיגט זיך געגען זיין זייגער מיט צעהן מינוט, האט ער דעם רב'ס זייגער אנגעשטעלט מיט צעהען מינוט ווייטער, ער זאל געהען ריכטיג מיט זיין זייגער.

דֶער רַב אִיז נָאכְדֶעם אַריינְגֶעגַאנְגֶען צוּרִיק אִין חֶדֶר עֶר הָאט מִיט אִיהם גֶערֶעדְט אַ שָׁעָה צֵייט .

אַז דֶער חָסִיד הָאט גֶעבְּרוֹיכְט גֶעהַאט אָבְּשֵׁייד פוּן רַב , זִיךְ מִיט אִיהם גֶעזֶעגְנֶען , הָאט דֶער רַב אַקוּק גֶעגֶעבֶּען אוֹיף זַיין זֵייגֶער אוּנ הָאט בַּאלְד גֶעפְרֶעגְט : וָוער הָאט מַיין זֵייגֶער גֶערוּקְט דֶעם ווֵייזֶער מִיט צֶעהֶען מִינוּט שְׁפֶּעטֶער ?

— אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטְהָאן , רַבִּי — הָאט דֶער חָסִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט — ווייל אִיךְ הָאבּ אַטְהַייעֶרְן זֵייגֶער וָואס גֶעהְט רִיכְטִיג , הָאבּ אִיךְ אַייעֶר זֵייגֶער אָנְגֶעשְׁטֶעלְט רִיכְטִיג ווִיא מַיינֶעם .

פוּן וַואנֶען ווֵייסְט דוּא — הָאט דֶער רַב גֶעפְרֶעגְט אַז דַיין זֵייגֶער גֶעהְט ; רִיכְטִיגֶער ווִיא מַיינֶער ? טָאמֶער הָאסְט דוּא דַיין זֵייגֶער אָנְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אַנְאַנְדֶער זֵייגֶער וָואס יֶענֶער אִיז נִיט רִיכְטִיג ?

— דָאס אִיז דָאךְ נוּר „טָאמֶער" — הָאט דֶער חָסִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט — אָבֶּער אַנְאֱמֶתֶע רְאָיָה ווֵייס אִיךְ אַז מַיין זֵייגֶער גֶעהְט רִיכְטִיג , אִיךְ הָאבּ אִיהם אָנְגֶעשְׁטֶעלְט אַקוּרַאט ווִיא דֶער שְׁטָאדְט זֵייגֶער .

— אִין דִיא כִּתְבֵי האר"י ז"ל שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען — הָאט דֶער רַב גֶעעֶנְטְפֶערְט אַבִּיסֶעל מִיט קְפִידָא אַז בַּייא טָאג אִיז פַאראַן צְוֶועלְף צֵרוּפֵי שֵׁם ה', אוּנ דִיא שָׁעָה ווֶערְט צוּ טְהֵיילְט אוֹיף זֶעכְצִיג מִינוּט , יֶעדֶער מִינוּט הָאט אַנְאַנְדֶער צֵייכֶען , דֶערְפוּן ווֵייס אִיךְ אַז עֶס דַארְף יֶעצְט זַיין צֶעהֶען מִינוּט פְרִיהֶער , אוּנ דַאפִיר הָאבּ אִיךְ הֶערְקָאנְט אַז דוּא הָאסְט גֶערוּקְט מַיין זֵייגֶער אִין צֶעהֶן מִינוּט , יֶעצְט קָאנְסְט דוּא פַארְשְׁטֶעהֶען וֶועמֶעס זֵייגֶער עֶס גֶעהְט רִיכְטִיגֶער .

— רַבִּי ! — הָאט דֶער חָסִיד גֶעפְרֶעגְט מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת — ווִיא בַּאלְד אַז אִיר ווֵייסְט דִיא צֵייט אָהְן אַזֵייגֶער , צוּ וָואס בְּרוֹיכְט אִיהְר אַזֵייגֶער ?

— דָאס הַאלְט אִיךְ נוּר פוּן לֵייטֶענְס וֶועגֶען — הָאט דֶער רַב גֶעעֶנְטְפֶערְט — ווייל אִיךְ ווִיל מִיךְ בֶּענוּצֶען מִיט אַנַאטִירְלִיכֶען זֵייגֶער , נִיט מִיט אַהִימֶעל זֵייגֶער .

---

## פרק מה. צוואונדערליכע געשיכטע פון הרב האדמו"ר מיט ר' משה מרפיס מסלאוויטא.

אִין סְלַאווִיטָא אִיז גִיוֶוען אַדְרוּקֶער הָרַב הַצַדִיק ר' מֹשֶׁה . עֶר אִיז גִיוֶוען הָרַב הַצַדִיק ר' פִּנְחָס קָארֶעצֶערְס אַזָאהְן .

דֶער ר' מֹשֶׁה אִיז גִיוֶוען אַמְקוּרָב צוּם רַב , אוּנְד דֶער רַב הָאט אִיהם וֶועהְר מְקָרֵב גִיוֶוען צוּלִיב זַיין פָּאטֶער , ווייל אֵיידֶער דֶער רַב אִיז גִיוָוארֶען אַרַבִּי אִיז עֶר גִיוֶוען 2 מָאהְל בַּייא זַיין פָּאטֶער ר' פִּנְחָס קָארֶעצֶער אוּנְד הָאט פוּן אִיהם אַסַךְ גִילֶערֶענְט .

דֶער רַב הָאט אִיהם גִיגֶעבֶּען דְרוּקֶען אוּנְד פֶערְקוֹיפֶען זַייגֶע סְפָרִים , פוּן וֶועלְכֶע ר' מֹשֶׁה אִיז בַּייךְ גֶעוָוארֶען דֶען עֶר הָאט גֶענוּמֶען גוּטֶע מָקְחִים ; (פַאר דֶעם רַבְ"ס סְפָרִים) .

עס איז דאן ארויס. אזאקאן אז אמדפיס דארף האבען ,אראזרעקענע' אויף צו האלטען אדרוק, אונד אויסערדעם מוז יעדער מדפיס אליין קומען אין פט"ב מיזאל איהם זעהען וואס פיר איין מענש ער איז, וויא ער זייזט אויס. א. ז. וו.

ר' משה האט אויך געמוזט פארען אין פ"ב, ער איז געווען זייער אונרוהיג פון דעם, דען ער איז געווען אגרויסער בטלן אונד האט קיין מאהל נים אן גיזעהן קיין שר, זבפרט זיך שטעלען פיר שרי מלוכה, האט ער זיך זייער געשראקען.

אויסער דעם איז ער גיווען זייער אשוואכער מענש, אונ מיא האט געדארפט פארען מיטען פור פון קלאוויטע ביז פט"ב, אזא ווייטע רייזע (דער באן איז דאך נים גיוועז) איז דאס באמת געוועז אשווערע זאך נור עס איז דאך אבער קיין ברירא נים גיוועז, האט ער געדונגען אפור אונד איז אוועק געפארען.

אז ער איז אבגיפארען איינינע טעג איז ער געווארען זייער שוואך, מיד, פון דיא רייזע האט ער זיך געשטעלט אפ רוהען אין אקרעטשמע אין וויטעבסקער גובערניע.

דער קרעטשמער האט גיזעהן אז ער איז עפעס זייער פערזארגט, פרענט ער ביא איהם דיא אורזאכע; האט איהם ר' משה דער ציילט וועגען וואס ער איז פערזארגט, אונד וואו ער פארט.

זאגט דער קרעטשמער צוא איהם, לאזני איז דא נים וויים דארטען זיצט דאך דער רבי, האדמו"ר הקדוש פארט אריין צו איהם, אונד פרעגט איהם איין עצה.

אז ר' משה האט דער הערט אז לאזני איז נים וויים פון דארט האט ער גלייך געהייסען שפאנען דיא פערד אונ איז אוועק געפארען צום אדמו"ר.

דער רבי האט איהם זייער פיין אויפגענומען, האט געמאכט צוליב איהם אבייכען מאל צייט.

נאכהער פרעגט ער איהם וואו ער פארט.

האט איהם ר' משה דער ציילט אלעס וואו ער פארט אונ וועגען וואס.

מען דארף נים פארען אין פט"ב, ענטפערט איהם דער רבי פארט אין ווילנא, דארט איז דא אמלמד משה גיטעל-ם, וועט ער אייך אלם אויספירען.

ר' משה האט געהאט גרויס אמונה אין רב האט ער איהם נים איבערגיפרעגט וואס? ווען? אונד האט זיך אבגעזעגענט מיטען רב אונ איז גלייך אוועק געפארען אין ווילנא.

אז ער איז געקומען אין ווילנא, האט ער פרובירט אפרעגט טאהן ביין זיין בעל אכסניא צוא קען ער נים אמלמד משה גיטעל-ם? זאגט ער איהם אז ער וויים נים.

ר' משה האט זיך בערעכענט אז גיין פון הויז צוא הויז פרעגען איז דאך אונמעגליך, איז ביא איהם געבליבען אז ער וועט בעסער גיין פרעגען אין דיא בתי מדרשים דארטין קען מען גיכער הערגיין וועגען אמלמד.

ער האט אזויא געטאהן אונ איז יעדער טאג גיגאנגען אין 3 בתי מדרשים (ד.ה. שחרית, מנחה, ערבית אין אבעזונדער בית המדרש) אין יעדער בהמ"ד וואס ער איז געקומען האט ער געטיילט צדקה. אונד האט נאך געפרעגט אויף ר' משה גיטעלעס.

עס איז אוועק פיל טעג אזויא אונ ער האט גיט גיקאנט דער גיין דעם ר' משה גיטעלס. קיינער קען איהם ניט, דיא אמונה אין רב איז אבער ביא איס זעהר גרויס גיוועזן האט ער זיך ניט מיאש גיוועזן אונ איז ווייטער גיגאנגען זוכען.

איין מאהל איז ער געקומען דאווענען אין אקלויז האט ער געגעבען צדקה פאר דיא אָרעמע וויא זיין שטייגער איז גיוועזן. עס איז דאן גיוועזן ר"ח. האט ער נאך גיגעבין אפאר רו"כ פר די לערנער אויך אונ זייא האבען זיך זעהר נוט משמח גיוועזן, האט ר' משה גיזעהן אז ביין אויוועזן ליגט אמענטש זייער ארעם גיקליידעט אונד מען בעט איהם ניט צום טיש.

פרעגט ר' משה ביא דיא מענטשען פאר וואס זייט איהר איהם אויך ניט מכבד מיט וואס? — וואס רעדט איר וועגען דעם בזוי — ענטפערין זיי איהם, ער אליין האט זייער פיל געלד אונ האט זייער רייכע קינדער, דיא קינדער ווילין איהם האלטען ביא זיך מיט כבוד. וויל ער ניט אונד וואלגערט זיך בעסער דא אין קלויז אונד פון זיינע אייגענע געלד האט ער אויך ניט קיין הנאה ער קומט אפ מיט פת להם.

זאגט ר' משה פון דעסטוועגין אז ידען פערברייגען דארף מען א יודען ניט מרחק זיין אונד איהם אויך געבין, קיין גנב איז ער דאך ניט.

ער האט איהם צוא גערופען אונ מכבד געוועזן מיט וואס עס איז געוועזן דארט.

דער איד האט אלם צוא גענומען האט אפ געגעסען אונ האט זיך ווידער גיזעצט ביין אויוועזן, נאכהער פרעגט ר' משה ביא יעדען צוא ווייסען זייא ניט פון אמלמד משה גיטעלעס? — גיין ענטפערן אלע. — רופט זיך אפ דער איד וואס איז געלעגען ביין אויבען, וואס פרעגט איהר ביא זייא זייא ווייסען נור עסען אונ טרינקען, איך ווייס יא דא ניט ווייט אין אקרעטשמע קנעלט אמלמד הייסט ער משה גיטעלעס.

פרעגט ר' משה דעם אידען וועט איהר פיליכט מיט מיר פארען אין קרעטשמע ווייזען מיר?

פאר וואס ניט, איך וועל מיט אייך פארען.

ר' משה האט גלייך גענומען זיין פור אונ איז אוועק געפארען.

אז זייא זיינען געקומען אין קרעטשמע האט ער געזעהן וויא דער מלמד זיצט אונד לערענט מיט דיא קינדער. פרעגט ער ביין מלמד פון וואסער שטאט זייט איהר?

פון ווילנא.

וויא הייסט איהר?

משה גיטעלעס, — ענטפערט איהם דער מלמד.

פיל נעמט איהר דא אזמן?

15 רו"כ.

נוא מיט 15 רו"כ קענט איהר לעבען אהאלב יאהר?

בין איך טאקע אין עני ואביון.

איך האב פאר אייך אגוטען פלאן, אויב איהר ווילט מיט מיר פארען אין סלאבוטא לערנען מיט מיינע קינדער וועל איך אייך געבין 50 רו"כ אזמן.

איך וויל ניט.

פאר וואס? איז דען 50 רו"כ ערגער וויא 15 רו"כ.

50 רו"כ איז ניט ערגער וויא 15 רו"כ נאר דא לערן איך שוין פיל יאהרן. אונד האף נאך צוא לערנען פיל יאהרען. איך האב דא 30 רו"כ א יאהר שטענדיג, האט מיין פאמיליע פארט אוים קומענעש, זאגאר זייער ארעם, אבער ביא אייך קען זיין אז אויפען צווייטען זמן וועל איך אייך ניט געפעלען, וועל איך גאר ניט האבען.

איך וועל אייך אב צאלען פאר צוויא יאר פאר אוים, 200 רו"כ, ניט דאס אב אייער ווייב וועט זיא מאכען אגישעפט אונד וועט האבען פון וואנען צוא לעבען, אונ איהר פארט מיט מיר.

אויב אזויא בין איך צופרידען, אבער וואס טוט מען מיטען בעה"ב ער וועט מיר דאך ניט אב לאזען אין מיטען זמן.

איך וועל מיט איהם ריידען אונ בעטען וועט ער אייך אב לאזען;

אויב אזויא פאר איך מיט אייך.

ר' משה האט אריין גערופען דעם קרעטשמער, אונד האט איהם גיבעטען ער זאל איהם אפלאזען דעם מלמד. ביא אונז איז ניטא וואו צוא קריגען אמלמד, איהר אבער וועט בעקומען איין אנדער מלמד, דען אין דעם געגענד איז דא לערנערס זעהר פיל, אונ וואס אייך וועט קאסטען טייערער וועל איך דאס דער לייגען.

דער קרעטשמער האט איין געשטימט. ר' משה האט איהם גיגעבען היבשע עטליכע רו"כ פאר דעם, אונ דעם מלמד האט ער גיגעבען 200 רו"כ פאר אוים אונד האט איהם מיטגענומען אין ווילנא.

אז זיא זיינען גיקומען אין ווילנא, האט ר' משה געזאגט צום מלמד, אזויא וויא איך דארף דא נאך פערברייגען אייניגע טעג זאלט איהר לע"ע קומען צוא מיר יעדען טאג פערברייגען אביסעל גיין שפאצירען, א. ז. וו.

דער מלמד פלעגט קומען יעדען טאג צוא ר' משה'ן זייא פלעגען פערברייגען אונ גיין שפאצירען, ר' משה האט דעם מלמד נאטירליך קיין זאך ניט דער ציילט וועגען וואס ער דארף איהם.

וואס וועט זיין דיא ענדע קלערט זיך ר' משה, וואס וועט איהם דא דער מלמד אויף טאן? נור דיא אמונה אין בב-ם ווערטער איז ביא איהם גיוועזען גרוים האט ער גיווארט אונ געהאפט אז עס וועט זיך אויספירען.

אין מאהל זיינען זייא גיגאנגען ביידע אין גארטען שפאצירען אונ האבען זיך צוגיזעצט אויף א באנק, ווען זייא אז א-שר גייט צו זייא, האבען זייא גימיינט אז ער וויל זיך זעצען אויפען באנק זיינען זייא אוועק צו איין אנדער באנק, דער שר גייט צו יענעם באנק ווידער, האבען זייא ווידער גיוואלט אוועק אויף איין אנדער באנק, האבען זייא דער הערט ווי דער שר הייסט זייא ווארטען.

דער שר איז צו זייא צו גיגאנגען אונ פרעגט ביים מלמד, מען רופט דיר ניט משה גיטעלעס? —יא ענטפערט איהם דער מלמד זעהר ערשראקען.

דוא זאלסט היינט קומען צו מיר אין גאסטיניצע, אונ ער האט איהם גיזאגט ווען, אונ וואו, אונ איז אוועק גיגאנגען.

דער מלמד משה גיטעלעס האט זיך זעהר ערשראקען, נור ר' משה מסלאוויטע האט איהם א ביסעל בערוהיגט, ווייל ער האט פערשטאנען אז עס וועט זיין פיר איהם גוטע נייעס.

אז משה גיטעלעס איז גיקומען צום שר, פרעגט איהם דער שר, דוא קענסט מיר? —ניין ענטפערט ער איהם.

דיר קען איך אבער יא, דוא האסט מיר אמאהל גיראטעוועט, אונ דורך דיר בין איך גיקומען צו מיין יעצטיגע נוטעס, צום גליק.

ווען איז דאס גיוועזן? פרעגט איהם דער מלמד, איך גידיינק ניט, אונ איך דער קען אייך ניט.

איך וועל דיר דערמאנען זאגט דער שר. איך האב דא אין ווילנא אמאהל גילערענט אין איין ישיבה, איך האב גיהאט א גוטען קאפ אונ גוט גילערינט.

איין מאל האב איך עפעס פערזינדיגט האט מען מיר אין דער קונע אריין גישטעלט. אונ דאצוא פיל בזיונות גיטאהן, אונ אלע בחורים פון ישיבה זיינען גישטאנען אונ גילאכט פון מיר. איך בין דאן פון עגמת נפש אונ פון שאנדע אין אונמאכט פערבליבען, דו בינסט דאן גראדע פערביי דעם בית המדרש גיגאנגען אונד האסט דערהערט דעם גילעכטער מיט דיא גישרייען, בינסט דוא אריין אין בית המדרש אונד האסט מיר דערזעהן, האסט דוא אן גיהויבען שרייען אויף דיא בחורים, איהר וועט דאך הארגענען א מענטשען לאזט אים אפ, אונ האסט זייא צוטריבען איך בין דאן לויז גיווארען פון זיי, אונד פון דאן אן בין איך אוועק פון ישיבה שטודירען, איך האב זעהר פלייסיג גילערינט, פייהגקייטען האב איך גיהאט גוטע, איך האב גיענדיגט אין אוניווערזיטעט מיט דיא בעסטע מיינונגען נאכהער האב איך זיך געטויפט אונד האב געקראגען א גוטע שטעלע איך בין געשטייגען פון יאהר צו יאהר אלס העכער אונד יעצט בין איך א מיניסטער אין פ"ב.

אלזא צו דאס אלעם האסט דוא מיר געבראכט, וויל איך דיר יעצט עפעס אויך טאהן גוטעס, דערצייל מיר וואס מאכסט דוא, ווייא לעבסט דוא.

משה גיטעלעס האט זיך דערמאנט אונ האט אים דערקענט אונ האט אים

דערצײלט זײן אבּטאַטעלכטװאָ פון דאַן ביז יעצט. ער האָט איהם אױך דער צײלט אַז ער פאָרט יעצט אין סלאַװיטאַ זײן אמלמד.

גײן מעהר קײן מלמד דאַרפסטו ניט זײן, איך װעל דיר געבּין געלד גענוג דוא זאָלסט האָבּין פון װאַנען צוא לעבּין דוא זאָלסט ניט דאַרפען זײן מעהר קײן מלמד, אונד אױב דוא װעסט אַמאָהל דאַרפען מײנע אטובה װעל איך דיר אַלעס טאָהן װאָס נור מעגליך.

װאָס זאָל איך אָבּער טאָהן מיטען סלאַװיטער יודען איך האָב דאָך מיט אים אָפּ גערעדט אונ גענומען געלד פאָרױס אױף 2 יאהר.

זאָג איהם אַז איך האָב געבּעטען ער זאָל צוא מיר קומען אַז איך װעל מיט איהם רײדען אונ בּעטען װעט ער דיר אָפּ לאָזען.

משה ניטעלעס איז אַװעק צו ר׳ משה׳ן מסלאַװיטאַ, אונד האָט אים אַלעס דערצײלט אונ גיבּעטען ער זאָל גײן צום שר.

ר׳ משה האָט זיך זײער דערפרײט, ער האָט שױן געזעהן אַז זײן עגגן װעט זיך אױס פירען, אונ פון משה גיטעלעס װעט ער אױך לױז װערען, דען ער האָט איהם דאָך ניט גידאַרפט פאַר אמלמד, זאָגט ער צוא איהם אַז דוא װעסט בּעטין דעם שר ער זאָל מיר אַרױס געבּין דעם ראשון אָן שװעריגקײטען לאָז איך דיר אָב.

זײא זײנען אַװעק בײדע צום שר, דער שר האָט ר׳ משה׳ן זײער שױן אױפגינומען אונ ר׳ משה האָט איהם דערצײלט זײן בּיטטע װעגין װאָס ער איז אַהער גיקומען, אונד ער אױך משה ניטעלעס האָבּין איהם גיבּעטען אױב ער קען עפּעס טאָהן אטובה אין דעם.

זעהר גוט זאָגט צוא איהם דער שר דאָס גיהערט טאַקע צוא מײן פּריסוטסטװע, אַז דוא בּינסט אײן אָרענטליכער מאַן זעה איך דאָך, גיב מיר מיט דײנע דאָקומענטען איך װעל זײא מיט נעמען קײן פּעטערבּורג, אונ דוא װאַרט דאָ אין װילנאַ אײניגע טעג װעל איך דיר דאָ צוא שיקען דעם ראשון אױפען דרוק.

ער האָט דעם שר געגעבּען זײנע דאָקומענטען, דער שר האָט זיך מיט זײא גיזעגענט, אונ משה גיטעלעס האָט ער געגעבּען אַסאַך געלד, אונד ער איז אַװעק געפאָרען אין פּט״ב: ר׳ משה איז געבּליבּען אין װילנאַ. ער האָט ניט לאַנג גידאַרפט װאַרטען איז איהם אָן געקומען דער ראשון פון פּ׳ב.

ער איז געפאָרען אַהײם איז ער װידער אַרײן געפאָרען אין לאָזני צום רב. דער רב איז איהם אַרױס איבּערגעמען אונ האָט גיזאָגט צוא איהם, נוא ר׳ משה איהר האָט מיר געפאָלגט האָט איר ניט קײן חרטה?

אַלע האָבּען זיך דאַן געװאונדערט פון די געשיכטע דען דער רב האָט זיך זײער געהיט צוא װײזען אָפּענע מופתים, נור דאָ האָט ער עס גיטאָהן צוא ליב ר׳ משה׳ס פאָטער הרב הקדוש ר׳ פּנחס װײל ער האָט איהם זײער ליב גיהאַט ז״ע.

## פרק מו. דעם רב׳ס בילד.

בעת דער רב איז געוועזן אין פעטערבורג אין יאהר תקנ״ט האט דער שעף זאנדבארמע געלאזט דורך דעם הויזיק גלאוואטשעוויסקע אראפנעהמען דעם רב׳ס בילד. דעם בילד האט דעם רב׳ס אייניקיל ר׳ שמריה שניאורזאהן אפגעדרוקט און פיל טויזענדע עקזעמפלארען זיינען פארקויפט געווארען. דען פון בילד דערקאנט מען אז ער איז געוועזן א הייליגער מאן.

## פרק מז. דעם רב׳ס עלטערן מיט דיא גאנצע משפחה.

דעם רב׳ס פאטער האט מען גערופען הר״ר ברוך, ער שטאמט פון דיא פאמיליע מהגאון הקדוש מהר״ל מפראג.

דער הר״ר ברוך האט געוואהנט אין לאזני מיט זיין זאהן אין איין שטאדט, אז ער פלעגט אריינגעהען צוא זיין זאהן, פלעגט זיך דער רב שטעלען פאר איהם ביראת הכבוד.

הר״ר ברוך האט דאס ניט געקאנט זעהען ער האט געזאגט: אמענש וואס דיא שכינה רעדט פון זיין האלדז זאל זיך פאר מיר שטעלען? דער פאר איז ביי איהם געבליבען אוועק צוא פאהרען פון לאזני, און אזויא האט ער געטאהן ער איז נעגאנגען פון שטאדט צוא שטאדט ביז ער איז געקומען אין אונגארן אין דער שטאדט „סוקלית״.

אבייער מאן פון יענע שטאדט האט איהם געזעהען אין שול דאוונענדיג, האט ער פארשטאנען אז ער איז ניט אפראסטער ארעמאן, האט ער איהם געלאדען צוא זיך אויף מיטאג. און אויך צוא אוונד ברויט.

דער גביר האט געהאט אזאוואד פון שנאפס, אין יענעם טאג האט ער געפונען אין זאוואד שנאפס מעהר וויא אלע טעג, דער גביר האט זיך שטארק געוואונדערט, נור ער האט פארשטאנען אז דאס איז צוא ליב דעם זכות פון גאסט. דיא פרויא פון גביר האט איהם (איהר מאן) געבעטען אז ער זאל דעם גאסט ניט אוועקלאזען פון זיך, דער גביר האט איהם געבעטען ער זאל ביי איהם אין שטוב עסען, טרינקען שלאפען און ער וועט האבען אלס וואס אמענש געברויכט.

הר״ר ברוך האט איינגעוויליגט דארטען צוא בלייבען, דער גביר האט איהם געגעבען אחדר, און אלין וואס אזא מענש האט נאטהיג צוא זיין געברויך, הר״ר ברוך איז דארטען געבליבען ביז עס איז געקומען זיין צייט צוא שטארבען.

אז ער איז קראנק געווארען, זיינען צוא איהם — פיעל פארנעהמע מענשען פון שטאדט געקומען מבקר חולה זיין, זייא האבען איהם געפרעגט אויב ער האט זעהנע און וואו וואהנען זייא? הר״ר ברוך האט זייא געענטפערט דאס ער האט פיער זאהנע, צוא צווייא וועט מען דארפען שרייבען דייטליך, צוא איינעם נור מיט ארמז. און איינער וועט אליין וויסען. נאכדעם איז ער געשטארבען און

חברה קדישא האט איהם געגעבען אשאנעם ארט אויף דעם בית עולם. אונ זייא האבען געשטעלט אמצבה אויף זיין קבר. דיא גבירה' האט נאך זיין טויט געבארען אזאהן האט זיא איהם אנאמען געגעבען „ברוך״.

דער רב האט געשיקט אמענשען אין יענע שטאדט, ער האט איהם פיל געלד מיט געגעבען דאס ער זאל באצאהלען דעם גביר וואס איהם האט געקאסט דער האלטען זיין פאטער אונ פאר ח״ק קבורה געלד פאר דעם קבר אונ פאר דער מצבה, אבער דער גביר אונ דיא ח״ק האבען ניט געוואלט געהמען דאס געלד.

– איהר זאלט וויסען – האט דעם רב'ס שליח געזאגט, אז מיין רבי איז אהיילינגער מאן, אונ ער האט פארדרוס אז מען פאלגט איהם ניט, אונ זיין פארדרוס קאן חלילה פאר אייך זיין ניט גוט, דארום מוסט איהר איהם פאלגען אונ צוא געהמען דאס געלד וואס איך האב אייך געבראכט.

– אויב אזויא – האבען זייא געענטפערט – וועלען מיר האבען א דין תורה בייא דעם שטאדט רב.

דער פסק איז פון רב ארויס: חברה קדישא מוז פאר דעם קבר אונ מצבה צוא געהמען דאס געלד. נור דער גביר איז ניט מחויב צוא געהמען.

דעם רב'ס מוטער האט געהייסען רבקה.

דעם רב'ס שוועהר איז געוועזען הנגיד רי״ל סג״ל אין וויטעבסק, ער האט דעם רב (זיין איידעם) געהאלטען בייא זיך אויף קעסט. נור אזייא וויא איהם איז ניט געפעלען געוועזען דעם רב'ס אויפפיהרונג. דער פאר האט דער רב אונ זיין פרויא געליטען עגמת נפש פון איהם, נאכדעם איז ער געווארען ארעם אונ געשטארבען.

דעם רב'ס שוויגער, איהר נאמען איז געוועזען ביילא. זיא האט זוכה געוועזען צוא זעהען דיא גרויסקייט פון רב. זיא האט שטארק חרטה געהאט פאר וואס זיא מיט איהר מאן האבען איהם געמאכט הארין וואהטאג. זיא איז נאכדעם רייך געווארען האט זיא געבעטען דעם רב ער זאל מיט זיין פאמיליע קומען צוא איהר, אין וויטעבסק. אונ זיא וועט איהם געבען אלע זייגע הצטרכות, אבער דער רב האט ניט געוואלט. ער האט איהר מיט אנגלעכטער געענטפערט: וויא לאנג דאס קינד ליגט אין דיא מוטערס בויך איז איהם זעהער גוט, נור אז ער ווערט שוין געבארען אונ אייגער זאל איהם הייסען צוריק געהען דארטען וועט ער ניט וועלען איבער צווייא אורזאכען: דאס ערשטע: דער ארט ווערט קלענער, אונ דאס צווייטע: דער מענש ווערט גרעסער. א. ז. וו.

זיין ווייב הרבנית מ׳ סטערנא ע״ה זיא איז געוועזען אצנועה ותשובה, אגרויסע חכמה, אשטארקען דעת האט זיא געהאט, אונ אמאל האט מען געהערט פון איהר קלוגע רייד, זיא האט זיך מוסר נפש געוועזען פאר איהם עטליכע מאל, אונ דער פאר האט איהר דער רב געגעבען כבוד.

אז דער רב איז געקומען פון פטרבורג נאך לאזני אונ ער האט דורך דעם פענסטער געזעהען דאס פיל מענשען פאהרען צוא איהם, האט ער זיך אוואורף גיגעבען אויף דער ערד, ער האט זיך געקייקעלט אונ געשריען הויך: וואס וועלען

זייא

זַייא פוּן מִיר צוּא וָואס פָאהְרֶען זַייא צוּא מִיר, וָואס הָאבֶּען זַייא גֶעזָעהֶען פוּן מִיר, זַיין וַוייבּ הָאט דֶער הֶערְט זַיינֶע קוֹלוֹת אִיז זִיא צוּגֶעגַאנְגֶען צוּא אִיהם אוּנ זָאגְט הָאבּ קֵיין טָעוֹת נִיט, גִיט צוּא לֵיבּ דִיר פָאהְרֶען זַייא צוּא דִיר נוּר צוּא לֵיבּ דַיין רַבִּי הה״ם, זַייא וִוילֶען אַז דוּא זָאלְסְט זַייא עֶרְצֵייהְלֶען מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אִיהם וָואס דוּא הָאסְט גֶעהֶערְט פוּן אִיהם. — אוֹיבּ נוּר דָאס פֶערְלַאנְגֶען זַייא — הָאט דֶער רַב גֶעעֶנְטְפֶערְט — וֶועל אִיךְ זַייא עֶרְצֵייהְלֶען זֵייעֶר פִיל אוּנ עֶר הָאט טַאקֶע עֶרְצֵיילְט פִיעֶל מַעֲשִׂיּוֹת, גָאר אָהְן אַצְאהל.

עֶס פְלֶעגְט טְרֶעפֶען אַמָאל אַז זִיא הָאט אִיהם עֶרְצֶערְנְט, פְלֶעגְט זִיא הָאבִּין דְרַייא טֶעג קַדַחַת, אַמָאל הָאט זִיא צוּא אִיהם גִיזָאגְט אָ! דוּא בֶּעשְׁטְרָאפְסְט מִיךְ צוּא שְׁטַארְק.

— חָלִילָה — הָאט דֶער רַב גִיעֶנְטְפֶערְט נִיט אִיךְ בֶּעשְׁטְרָאף דִיךְ, וֶוען אִיךְ וָואלְט דִיךְ בֶּעשְׁטְרָאפְט, וָואלְסְט דוּא גֶעהַאט דִיא קַדַחַת גַיין טֶעג...

אַז דֶער רַב אִיז נִסְתַּלֵק גִיוָוארֶען הָאט זִיא גֶעהַאט אַסְבְּסוּךְ מִיט דֶעם מִיטֶעלְן רֶבִּין, הָאט זִיא גֶעהַאט אוֹיף אִיהם תַּרְעוֹמֶת אִיז גִיגַאנְגֶען אִיהר זָאהְן דֶער מִיטֶעלֶער רַב צוּא אִיהר מְחִילָה בֶּעטֶען. הָאט זִיא צוּא אִיהם גִיזָאגְט: דוּא הָאסְט רוּחְנִיּוֹת, זָאג אִיךְ דִיר אַז פוּן רוּחְנִיּוֹת וֵוייס אִיךְ בֶּעסֶער וִויא דוּא, וַוייל פוּפְצִיג יָאהר בִּין אִיךְ גִיוֶוען מִיט דֶעם הֵיילִיגֶען רַב, אוּנ אִיךְ וֶועל נָאךְ מַאכֶען אַ פְּדְיוֹן אוֹיךְ בֶּעסֶער פוּן דִיר, זִיא רוּהְט אִין ליוּבַּאוִויטְשׁ.

---

## פרק מח. דֶעם רַבְּ׳ס בְּרִידֶער.

א) הָרַב הַגָּדוֹל יְרֵא וְחָרֵד לִדְבַר ה׳ מוהר״ר יְהוּדָה לֵיבּ פוּן יַאנָאוִויטְשׁ, עֶר הָאט מְחַבֵּר גִיוֶוען מְהֵייעֶרֶע סְפָרִים. עֶר רוּהְט אִין יַאנְאוִויטְשׁ, תנצב״ה.

ב) הרה״ג ר׳ מָרְדְּכַי, עֶר אִיז גִיוֶוען אַרְב אִין אוּרְשָׁא עֶר רוּהְט אִין קָאפּוּסְט עֶר אִיז נִפְטָר גִיוָוארֶען י״א אֲדָר תקפ״ג תנצב״ה.

ג) הר״ר מֹשֶׁה, עֶר אִיז גִיוֶוען אַרְב אִין בַּאיֶיעב אוֹיךְ אִין לְיֶעפְּלִי, גָאבֶּרְעם אִין רוּדְנְיָא נָאהֶענְט פוּן ליוּבַּאוִויטְשׁ דָארְט רוּהְט עֶר.

---

## פרק מט. דֶעם רַבְּ׳ס שְׁוָואגֶער:

א) הר״ר יִשְׂרָאֵל קָאזִיק זלה״ה. עֶר הָאט גֶעהַאט מְסִירַת נֶפֶשׁ צוּא לֵיבּ דֶעם רַב, אַמָאל הָאט אִיהם אֵיינֶער אִיבֶּער גִיהַאקְט דֶעם מוֹחַ אוֹיף דִיא הֶעלְפְט אִיז עֶר אַרַיין גִילָאפֶען צוּם רַב, דָאס בְּלוּט הָאט פוּן קָאפּ גִירוּנֶען, הָאט אִיהם דֶער רַב מִיט זַיינֶע בֵּיידֶע הֶענְד צוּזַאמֶען גֶעפְּרֶעסְט דֶעם קָאפּ, הָאט דָאס בְּלוּט בַּאלְד אוֹפְגִיהֶערְט צוּא לוֹיפֶען אוּנ דֶער קָאפּ אִיז בַּאלְד גֶעזוּנְד גִיוָוארֶן. נאר

נם איז אבער געבליבען אצייכין פון דעם קאפ, דער קאזיק האט גילעבט פיל יאהרען מעהר וויא דער רב, נאכדעם האט ער זיך באזעצט אין ליובאוויטש אונ דארטין רוהט ער, תנצב"ה.

ג) דער גביר ר' עקיבא פראדקין פון שקלאוו זיין פרויא האט איהר שוועסטער (דעם רבנס פרויא) גיבעטען אז זיא זאל קיינעם ניט פאלגין וואס רעדען איהר אן צוא געהמען גט פון איהר מאן הרב שניאור זלמן. זיא האט איהם ערקאנט אז ער איז אהיילינגער מאן, זיא פלעגט איהם טאהן פיל טובות אהן דעם פאטערס וויסען, דערפאר האט איהר דער רב אלע מאל געדאנקט.

---

## פרק נ. דעם רבי׳ס זאהנע.

א) דער היילינגער האדמו"ר הר"ר דובער וואס ער איז מפורסם אויף דער וועלט מיט דעם נאמען: „דער מיטעלער רבי", וועגין איהם איז פאראן פיל צוא ריידען.

הרב הקדוש ר' חיים אברהם נ"ע ער איז גיוועזן גרוים אין תורה אונ חסידות, גוטע מדות אונ אוואונדערליבער חכם, אונ אנאמתער מענטש, ער איז נפטר גיווארין אין שנת תר"ח אין ליובאוויטש.

ג) הר"ר משה זלה"ה ער האט גיהאט אלשון למודים איבער צוא מזרן דעם פאטערס חסידות, נאכדעם איז ער פערפאלען גיווארען, זיין פרויא אונ קינדער זיינען אוועק גיפארין אין ארץ ישראל. איהם האבען מאנכע מענטשען גיזעהען אין דיא וועלדער ארום פוילין, אין אשטאדט פלעגט ער קומען נור אז ער איז גיוועזן שטארק הונגעריג, ער פלעגט געהמען נור אשטיקעל ברויט, אונ אביסעל וואסער, מעהר ניט. נעכטיגען פלעגט ער אין אבית המדרש, אשטיין צוא קאפענס, אייניגע מענטשען האבין געוואוסט אז דאס איז דעם רבנס זאהן, ווייל זיין פנים האט אויף דעם עדות גיזאגט. פיל מאל איז ער גיוועזן אין טשערקאס ביא דעם הרה"ק ר' יעקב ישראל אויך אין טשערנאביל ביא הרה"ק ר' אהרן. לסוף איז ער געקומען אין אשטאדט ביא זיטאמיר. דארטען איז ער קראנק געווארען, ח"ק האבין איהם געפרעגט וויא איז זיין נאמען אונ דעם פאטערס נאמען, אונ זיין פאמיליע וואו געפינען זיך. האט ער זיא געענטפערט אויף מיין מצבה וועט איהר שרייבען מיין נאמען משה בן . . . בלי שם, אונ צוא דיא פאמיליע דארפט איהר ניט שרייבען זייא וועלין אליין וויסען אונ איז דארטען געשטארבען.

## פרק נא. דֶעם רַבְּ'ס טָעכְטֶער.

א) הָאִשָּׁה הַצְּנוּעָה הַמְפוּרְסֶמֶת מ' פְרֵיידָא ע"ה, זִיא אִיז גֶעוֶוען זֶעהְר אַתְּשׁוּבָה. דֶער רַב הָאט אִיהר לִיבּ גֶעהַאט, עֶר פְלֶעגְט זָאגֶען חֲסִידוּת פַאר אִיהר. דֶער בְּרוּדֶער (וָואס אִיז נָאכְדֶעם גֶעוֶוען דֶער אדמו"ר הָאֶמְצָעִי) וֶוען עֶר הָאט גֶעבְּרוֹיכְט פְרֶעגֶען פוּן פָאטֶער אַגְרוֹיסֶען עִנְיָן, פְלֶעגְט עֶר בֶּעטֶען דִיא שְׁוֶועסְטֶער אַז זִיא זָאל פְרֶעגֶען, דֶער רַב פְלֶעגְט אִיר זָאגֶען אוּנ רַבִּי דוֹבֶער פְלֶעגְט זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען אִין חֶדֶר עֶר זָאל הֶערֶען וִויא אוּנ וָואס עֶר זָאגְט צוּא אִיהר, דֶער רַב הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז זִיא פְרֶעגְט דָאס וָואס דֶער בְּרוּדֶער פֶערְלַאנְגְט צוּא וִויסֶען.

דֶער נָאמֶען פוּן אִיהר מַאן אִיז גֶעוֶוען הר"ר אֵלִיָּהוּ בּ"ר מָרְדְּכַי. זִיא הָאט פוּן אִיהם גֶעהַאט צְוַויא זָאהְנֶע הר"ר אַהֲרֹן אוּנ הר"ר בָּרוּךְ.

זִיא אִיז נִפְטָר גֶעוָוארֶען אִין הַאדְזִין, זִיא רוּהְט נִיט וַוייט פוּן רַבְּ'ס קֶבֶר.

ב) דֶעם רַבְּ'ס צְוַוייטֶע טָאכְטֶער הַצְּנוּעָה מָרַת דְּבוֹרָה לֵאָה.

זִיא אִיז גֶעוֶוען דִיא מוּטֶער פוּן בַּעַ. צ"צ, אַז דָאס קִינְד אִיז גֶעוָוארֶען צְוַויא יָאהְר אִיז זִיא גֶעשְׁטָארְבֶּען, זִיא הָאט אִיהר פָאטֶער דֶעם רַב גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל אִיהר קִינְד עֶרְצִיהֶען אַזוֹיא וִויא זַיין אֵייגֶען קִינְד. דֶער רַב הָאט אִיהר פַארְשְׁפְּרָאכֶען אַזוֹיא צוּא טָאהְן.

דֶעם רַבְּ'ס אֵייגִיקְלִיךְ עֶרְצֶעהְלֶען דִיא סִבָּה פוּן אִיהר שְׁטַארְבֶּען אִיז גֶעוֶוען אַזוֹיא: פַאר ר"ה, דֶער יָאהְר וָואס זִיא אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען הָאט דֶער רַב צוּא זַאמֶענְגֶערוּפֶען זַיינֶע נָאהֶנְטֶע גְרוֹיסֶע חֲסִידִים אוּנ עֶר הָאט צוּא זַייא גֶעזָאגְט: אִיהר זָאלְט וִויסֶען דָאס אוֹיף מִיר אִיז פַארַאן אִין הִימֶעל אַגְרוֹיסֶער קִטְרוּג, פַאר וָואס אִיךְ זָאג חֲסִידוּת צוּא אָפֶען, נִיט זָאגֶען קָאן אִיךְ נִיט, וַוייל מַיין רַבִּי הה"מ אוּנ זַיין זָאהְן דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי אַבְרָהָם הָאבֶּען מִיר מְרַמֵּז גֶעוֶוען דַאס אִיךְ זָאל זָאגֶען חֲסִידוּת פִּיעל אוּנ אָפֶען. דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ מוֹרָא אַז אִיךְ זָאל חָלִילָה נִיט דַארְפֶען זִיךְ אָפְּשֵׁיידֶען פוּן אַייךְ אִין גַאנְצֶען.

דֶעם רַבְּ'ס חֶדֶר אִיז גֶעוֶוען נָאהֶנְט פוּן זַיין טָאכְטֶערְס חֶדֶר, זִיא הָאט גֶעהֶערְט אַלְץ וָואס דֶער פָאטֶער הָאט גֶערֶעדְט.

וִויא דִיא חֲסִידִים זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן רַבְּ'ס חֶדֶר, אִיז זַיין טָאכְטֶער צוּא אִיהם הֶערַאיינְגֶעגַאנְגֶען אוּנ הָאט גֶעזָאגְט: פָאטֶער! אֶפְשֶׁר אִיז מֶעגְלִיךְ אִיךְ זָאל זַיין אַנְשְׁטָאט דִיר נוּר דֶערְפַאר זָאל מַיין קִינְד זַיין בַּייא דִיר וִויא דַיין אֵייגֶען קִינְד.

דֶער רַב הָאט בַּאלְד גֶעשִׁיקְט זַייגֶעם אַמֶענְשֶׁען צוּא דֶעם הָרַב הַקָּדוֹשׁ ר' מְנַחֵם נָחוּם אִין טְשֶׁערְנָאבֶּעל בֶּעטֶען אִיהם עֶר זָאל מַאכֶען אַפִּדְיוֹן נֶפֶשׁ, עֶר הָאט אָנְגֶעזָאגְט דֶעם שָׁלִיחַ דָאס עֶר זָאל קוּמֶען דָארְטֶען עו"ה עֶהְדֶער עֶר גֶעהְמְט צוּא דִיא פִּדְיוֹנוֹת פוּן זַיינֶע חֲסִידִים.

דֶעם שָׁלִיחַ הָאט גֶעטְרָאפֶען אַזֶעלְכֶע סִבּוֹת דָאס עֶר הָאט נִיט גֶעקָאנְט קוּמֶען עו"ה אִין דֶער פְרִיה אִין טְשֶׁערְנָאבֶּעל.

דֶער קָדוֹשׁ מְנַחֵם נָחוּם הָאט יֶענֶעם עו"ה בַּייא קֵיינֶעם נִיט צוּא גֶענוּמֶען אַפִּדְיוֹן נִיט פוּן קֵיין חָסִיד אוּנ נִיט פוּן זַיינֶע שְׁטָאדְט לַייט.

– איך קאן קיין פדיון דער ווייל ניט גענעמען – האט הרה״ק מ״ן געזאגט.

דיא חסידים האבען דערפון געהאט גרויס פארדרוס, זייא האבען ניט געוואוסט וואס צו טאהן.

נאכדעם איז דער שליח געקומען, דער קדו״ש מ״נ האט געאפענט דיא טהיר אונ האט צו גענומען פון שליח דעם פדיון נפש אונ האט געזאגט: וואס קאן איך איהם העלפען? פאר וואס זאגט ער אזויא פיעל חסידות גאנץ אפען? –, נאכדעם איז ער אוועקגעגאנגען אין מקוה, זיין שטייגער פלעגט זיין: דאס עהדער ער איז אריינגעגאנגען אין מקוה האט ער דיא פדיונות איבערגעלייענט, נאכדעם פלעגט ער זיך טובל זיין. ער האט דעם רב׳ס פדיון נפש נאך אמאל איבערגעלייענט, אונ ער האט זיך טובל געוועזן, אלאנגע צייט איז ער געוועזן אין מקוה נאכדעם האט ער ארויסגעשטעקט דעם קאפף פון וואסער אונ ער האט געזאגט דורך תפלה פועלת מען העלפט, נאכדעם האט ער צו גענומען דיא פדיונות פון דיא חסידים זיינע אונ פון דיא מענשען וואס וואהנען אין שטאדט.

ראש השנה בייא דער נאכט האט ער זעהער פיל כחות אוועקגעלייגט אין דאוונען, ער איז נאכ׳ן דאוונען געווארען שוואך אז ער האט ניט געקאנט געהען אהיים, האבען צווייא מענשען געמוזט איהם פיהרען פון שטיבעל צו איהם אהיים געגענדיג האבען זייא געהערט וויא ער האט מיט זיך אליין גערעדט: זאל זיא זיין אחילוף פאר איהם אונ אזויא איז דאס געוועזן, באלד נאך ר״ה איז זיא געשטארבען אונ פיל גרויסע טהייערע חסידים זענען אויך געשטארבען אונ דער רב איז נצול געווארען פון טויט.

באלד וויא זיא איז געשטארבען האט דער רב צו גענומען זיין איניקעל רבי מנחם מענדיל צו זיך ער האט איהם ערצויגען נאך בעסער וויא זיינע אייגענע קינדער, דער רב האט אמאל באמערקט דאס זיינע חסידים וואונדערן זיך ווארום ער ליבט אזויא שטארק זיין איניקעל, האט ער צו זייא געזאגט: זיין מוטער האט זיך פאר מיך מוסר נפש געוועזן מיט דעם תנאי איך זאל ליבען איהר קינד.

אין יאהר תר״ג אז מען האט איהר זאהן דעם צ״צ גערופען אין פעטערבורג, האט ער געשיקט אפדיון נפש אויף זיין מוטערס קבר.

ג) דעם רב׳ס דריטע טאכטער האשה הצנועה מרת רחל, זיא איז אין דיא יונגע יאהרען געשטארבען אין לאזני אז דער רב האט נאך געלעבט, זיא רוהט בייא איהר שוועסטער מ׳ דבורה לאה, זיא האט איבערגעלאזען אקינד וואס איז אויך באלד געשטארבען.

פרק נ״ב. דעם רב׳ס איידעמ׳ס.

א) הרה״ח המפורסם ר׳ שלום שכנא (דער פאטער פון „צמח צדק״) זיין פאטער הרה״ח המפורסם ר׳ נתן זלה״ה איז אמאל געפאהרען אין ארץ ישראל צו זיין רבי

הרה"ק רמ"מ פון האראדאק וואס איז מיט עטלעכע יאהר פריהער אוועקגעפארען אין טבריא.

פאהרענדיג אויפ'ן שיף איז ער קראנק געווארען. האט ער געבעטען דעם שיפס-קאפיטאן אויב ער וועט שטארבען זאל ער איהם ניט אריינווארפען אין ים ווי ער טהוט מיט אנאנדער פאסאזשיר וואס שטארבט אויפען שיף, נאר ער זאל איהם אנבינדען אויף א גרויסע ברעט און אויף איהם אנקלעפען א צעטעלע דעם נאמען, און וואוהין ער פאהרט און דעם ברעט אוועקלאזען אויפ'ן ים. נאכדעם איז ער געשטארבען, דער שיפסקאפיטאן האט אזוי געטאהן, דעם ברעט האט מען געפונען, האט מען איהם (דעם טויטען) געבראכט אין טבריא וואו הרה"ק רמ"מ האט גערוהט.

זיין זאהן שלום שכנא איז געבליבען איין עלענדער יתום, האט איהם דער רב צוגענומען צוא זיך, ער האט איהם ערצויגען, נאכדעם האט ער איהם חתונה געמאכט מיט זיין טאכטער דבורה לאה, זיא האט געהאט פון איהם א קינד דעם בעל צמח צדק און איז יונגערהייט געשטארבען.

דער שלום שכנא האט נאך איהר טויט גענומען א פרויא פון די קארלינער רבנים'ס פאמיליע, ער האט מיט די צווייטע פרויא אויך געהאט זעהנע און טעכטער, ביים דעם רב איז ער נאכדעם אויך געווען גערעכענט ווי א אייגען קינד, ער האט זיך שטארק מתעסק געווען ביין דרוקען דעם רב'ס הייליגען ספר „תניא". ער איז נפטר געווארען אנגעריך אין יאהר תק"ס.

ב) דעם רב'ס צווייטער איידעם איז געווען, הרה"ג החסיד המפורסם ר' אברהם בהר"ר צבי שיינעס פון שקלאב דער ר' צבי מיט זיין זאהן ר' אברהם זיינען אין אנפאנג געווען גרויסע מתנגדים אויף דעם רב. נור ר' אברהם איז נאכדעם געווארען אגרויסער חסיד דורך אמעשה שהיה:

דער רבי אברהם איז געווען אגרויסער גאון אין לערנען דער צו אתריף, אמופלג און אגרויסער חכם. ער האט געלערנט מיט אחבר וואס איז אויך געווען אגרויסער למדן.

רבי אברהם האט באמערקט דאס זיין חבר איז זייער לעבעדיג פרעהליך מונטער.

—איך וויל וויסען— האט ר' אברהם אמאל געזאגט צוא זיין חבר— ווארום ביזטו דוא אלע מאל לעבעדיג און איך ניט, דאכט זיך מיר לערנען צוזאמען, זאג מיר די סבה דערפון.

—ווען דוא וואלסט הערען— האט זיין חבר געענטפערט— ווי ר' יוסף (יאסעלע) שקלאווער ריכט אפ תיקון חצות, אזוי ווי איך האב געהערט, וואלסט דוא אויך ווערין לעבעדיג און פרעהליך ווי איך.

— אויב אזוי— האט ר"א געענטפערט — וועל איך היינט ביי נאכט אוועלף אזייגער געהן מיט דיר הערען זיין תיקון חצות. ביי נאכט זענען ביידע

ביידע אוועק געגאנגען, זייא האבען זיך געשטעלט אונטערן פענסטער און געהערט.

ר' אברהם איז זעהער נתפעל געווארען (דער יאסעלע שקלאווער איז געוועזען דעם רב'ס אחסיד) ער האט געזאגט צוא זיין חבר: אזא תיקון חצות האב איך קיין מאל ניט געזעהן און קיין מאל ניט געהערט, יעצט פארשטייא איך אז איך האב ביז היינט געהאט אגרויסען טעות וועגען חסידים, דיא חסידות איז זעהר אהייליגע זאך, דארום איז בייא מיר דער בעסלום צוא פאהרען צום רב און ווערין זיין חסיד.

–דוא האסט גאר קיין מורא ניט? – האט זיין חבר געפרעגט– דיינע עלטערען און דיא אלע שקלאווער וועלען דאך דיר הארגענען שלאגען.

– דאס ווייס איך– האט ר' אברהם געענטפערט דארום וועל איך דאס מאכען לאנגזאם...

ר' אברהם האט געהערט פון גרויסע חסידים דאס דער רב האט געזאגט, ווער עס וויל לערנען חסידות מוז צוערשט לערנען דעם היילגען ספר ר"ת, דארום האבען דיא מתנגדים זיך ערוויטערט פון דעם ספר, ר' אברהם האט אין איהם גילערנט פארין שלאף ווען דיא גאנצע הויז געזינד האבען שוין געשלאפען נאכדעם האט ער איהם בעהאלטען אונטערין קישען, כדי זיין פאטער און דיא הויז געזינד זאלין איהם ניט זעהען, נאכדעם אז ער איז פון שלאף אויפגעשטאנען האט ער דעם ספר בעהאלטען, אמאל האט געטראפען אז ר"א האט פארגעסען צוא בעהאלטען דעם ספר און זיין פאטער האט דעם ספר געפונען אונטערין קישען, ער האט באלד פארשטאנען אז זיין זאהן לערנט דעם ספר האט ער גענומען אשטעקען און האט ר"א געשלאגען ביז דער שטעקען איז צוברָאכען געווארין, נור ר"א האט געטאהן דאס זייניגע און ער האט גילערנט ווייטער.

נאכדעם האט ער געהארט דאס דער רב איז געקומען אין קאפוסט, דיא שטאדט איז ניט ווייט פון שקלאוו, האט ער דיא נייעם באלד אידיעה געגעבען זייגע חברים, בייא זייא איז געבליבען דער בעשלום צוא פאהרען אין קאפוסט, נור אזייא וויא זייא האבען מורא געהאט פאר זייערע עלטערן, האבען זייא געטאהן שטילער היים, געדונגען אגרויסע פוהר, דער בעל עגלה האט אויף זייא געווארט הינטערן שטאדט, האלבע נאכט זענען זייא ארויסגעגאנגען פון זייערע הייזער אנגעטאהן נישט מעהר וויא דעם טלית קטן, מיט הויזען, זייא זענען דורכגעלאפען דורכען שטאדט, אין פוהר איז געוועזען פאר זייא אנגעגרייט קליידער זייא האבען זייערע קליידער אנגעצויגען און אוועקגעפאהרען אין קאפוסט צום רב.

וויא זייא האבען דערזעהען דעם רב און געהערט זייגע חסידות, זענען זייא שטארק נתפעל געווארען און זייא האבען זיך פון איהם ניט געוואלט אבשיידען זענען זייא איהם נאכגעפאהרען ביז לאזניע, דארטען זענען זייא געבליבען אלאנגע צייט הארען דעם רבם חסידות.

ר' אברהם'ס עלטערן און די גאנצע הויזגעזינד זענען אויפגעשטאנען אויף מארגען נאך זיין אנטלויפען, זיי האבען געפונען זיינע זאכען ליגען און ער איז ניטא, האבען זיי אין אנפאנג נאר ניט געוואוסט וואס דאס קאן בעדייטען, נאכדעם האבען זיי געקלערט אז ער האט זיך אין טייך ערטרונקען אדער די שדים האבען איהם צו געכאפט, אין אלאנגע צייט ארום האבען זיך זיינע עלטערן ערוואוסט דאס ער מיט זיינע חברים זענען אין לאזני, עס איז ניט מעגליך אויס צו שרייבען זייער גרויסען קלאג, זיי האבען געריסען קריעה, געזעצט זיך "שבעה" ווי נאך א טויטען, און זיי האבען זיך ניט געלאזט טרייסטען... נאכדעם האט זיך זיין פאטער מיישב געווען ער וועט פרובירען אפשר וועט ער איהם מציל זיין פון די כת... ער האט געשריבען א בריעף צום רב בזה הלשון: איך בעט אייך איהר זאלט זעהען ארויס צו שיקען מיין זאהן אהיים, ווען ניט וועט זיין א גרויסער סקאנדאל א. ז. וו.

דער רב האט געשיקט רופען ר' אברהם'ן ער האט איהם געוויזען דעם בריף און געזאגט דו מוזסט פאהרען אהיים.

— רבי! האט ר' אברהם געענטפערט — וויא אזוי זאל איך פאהרען אהיים? זיי וועלען דאך מיך שלאגען ביז טויט, מה-דאך פאר מיין לערנען דעם ספר ר"ה האט דער פאטער צו בראכען אויף מיין רוקען זיין שטעקען, וואס וועט ער יעצט מאכען? על כן אויב דער פאטער מיט די גאנצע הויזגעזינד וועלען דעם גאון ר' העניך שיק געבען אתקיעת כף אז זיי וועלען מיך ניט שלאגען און קיינעם ניט לאזען מיך שלאגען און דער גאון וואס איהם גלויב איך וועט מיר שרייבען אז זיי האבען איהם געגעבען אויף דעם א ת"כ וועל איך דענסטמאל פאהרען אהיים.

דער רב האט אויף זיין פלאן מסכים געווען.

ר' אברהם האט צו דעם פאטער געשריבען אזא בריף, דער צו האט ער געשריבען אז ער וועט מיט די גרויסע לומדים האבען וויכוחים, ער וועט די שקלאווער גרויסע חכמים ווייזען אז ער האט רעכט.

עס האט ניט לאנג געדויערט האט ר' אברהם בעקומען א בריעף פון הגאון ר' העניך אז זיי האבען איהם געגעבען א ת"כ אזוי ווי ער האט פערלאנגט.

רבי אברהם איז געפאהרען אהיים, זיינע עלטערן האבען איהם ניט געשלאגען נור א גרויס שנאה געוויזען. זיי האבען איהם קיין שלום געגעבען, קיין ווארט מיט איהם גערעדט. ער איז געזעסען אויף אנאויבערשטע שטיבעל גאנץ אליין, זיי האבען איהם קיין עסען געגעבען אז ער איז געווארען שטארק הונגעריג, איז ער אראפגעלאפען אין קיך, געכאפט ברויט מיט דעם טאפ געקעכץ און אנטלאפען צו זיך אין שטיבעל. זיין שוועסטער האט איהם אמאל ניט געוואלט לאזען חאפען, האט ער איהר געשלאגען ביז זיא האט איהם געמוזט געבען. אבער דאס איז געווען זיין גליק וואס אין דעם תקיעת כף איז נור געווען גערעדט אז זיי טארען איהם ניט שלאגען, אבער אז ער טאר ניט שלאגען איז ניט געווען גערעדט.

זיין צווייטע שוועסטער האט אין אלאנגע צייט נאכדעם ערקאנט אז ער איז

אין אפרומער יוד, ער טוט קיין שלעכטעס ניט, האט זיא אידם אנגעפאנגען זיא ברענגען שפייז, קיינער האט דערפון ניט געוואוסט, אין אידם אביסעלע בעסער געוואָרען.

נאכדעם איז ער געגאנגען האבען א זכות מיט דיא גרויסע מענשען פון שקלאוו. צום ערשטען איז ער געגאנגען צום גאון הצדיק תמים הר"ר העניך.

— צוא וואס בינסטו דוא געפאהרען צום רב? — האט דער גאון געפרעגט — וואס האט דיר דא געפעהלט און וואס האסט דוא דארטען געפונען פאר בייעם?

— דיא גמרא זאגט — האט ריא געענטפערט — דאס משה האט געשיינט וויא דיא זון און יהושע — וויא דיא לבנה *) אין דיא אויסערליכע עבודה איז געווים קיין אונטערשייד ניט געווען פון משה'ן ביז יהושע'ן, געווים האט יהושע געדינט נאכט אזויא וויא משה, נור דער אונטערשייד איז געווען אין דיא אינערליכע עבודה, דיא זעלבינע איז בייא אונז אויך אזויא. אין אנפאנג אז איך האב געזעהען אייך לערנענדיג און דאווענדיג האב איך געמיינט דאס גראסער פאר אייך איז גאר ניטא, נור יעצט אז איך האב געזעהען וויא דער רב דאווענד און וויא ער זאגט חסידות, איז דאס אקוראד וויא דיא ליכטיגקייט פון דיא זון געגען דיא לבנה. פארשטעהן דאס אקוראד איז ניט מעגליך, דאס מוז מען זעהען און הערען.

נאכן געשפרעך איז ר' אברהם אוועקגעגאנגען צום גרויסען גאון ר' משה ראסקעס, ער האט בייא אידם געפרעגט אהארבען מהרש"א, ר' משה האט אידם געענטפערט, ר' אברהם האט זיין תירוץ ניט אנגענומען, אהיפשע צייט האבען זיא ביידע דיספוטירט איבער דעם מהרש"א, נאכדעם האט ר"א געוואלט אוועקגעהען.

— וואס געהסטו דוא שוין אוועק? — האט דער גאון געפרעגט — דוא האסט דאך געשריבען אז דוא ווילסט האבען א זכות! —

— אמת — האט ר' אברהם געענטפערט — איך האב געשריבען אז איך וועל האבען א זכות אבער מיט וועמען? מיט יודען וואס קאנען, גוט לערנען, אבער ניט מיט אייך וואס איהר קאנט קיין מהרש"א.

נאכדעם איז ער נאך אוועקגעגאנגען, אהיים, דער גאון ר' משה האט זיך געשעמט צוא דער ציילען דיא מעשה, דערפאר האט ער גאר ניט גערעדט פון איהם, ער האט ניט פערלאנגט קיין זכות, אין שטאדט איז שטיל געוואָרען.

דער גאון ר' העניך האט געזאגט ר' אברהם'ס פאטער זיין זאהן (ר"א) איז חלילה ניט אראפגעקראכען פון יודישען וועג. איז ר' אברהם געזעסען רוהיג בייא זיין פאטער, ער האט גילערינט נגלה און חסידות, אין אצייט ארום איז ער אצווייטען מאל געפאהרען צום רב, ער האט שוין ניט בעדארפט זיך היטען. ער איז געפאהרען אפען, אלע האבען געוואוסט, מיט הרב ר' פנחס בן הגאון ר' העניך, און ווען בכי העניך וואלט ניט געווען אלט און שוואך וואלט ער אליין אויך געפאהרען צום רב.



*) פני משה כפני חמה פני יהושע כפני לבנה (ב"ב צ"ה).

נאכדעם איז ר׳ אברהם געווארען אנאלמן האט דער רב געוואלט אז ער זאל חתונה האבען מיט זיין טאכטער רחל.

—איך שעמען מיך גליקליך— האט ר׳ אברהם געזאגט צום רב— צו נעהמען אייער טאכטער נור צוערשט מוז איך פרעגען מיין פאטער. הגם איך ווייס געוויס אז ער וועט מסכים זיין, פון דעסטוועגען וויל איך מקיים זיין דיא מצוה פון כיבוד אב אונ איהם פרעגען.

דער רב האט אויף דעם מסכים געווען.

ר׳ אברהם האט צום פאטער געשריבען אבריף, האט איהם דער פאטער געענטפערט אז ער איז מסכים אונ ער האט איהם געוואונשען פיעל גליק.

ר׳ אברהם האט חתונה געהאט מיט דעם רב׳ס טאכטער, פינף יאהר איז ער געווען דעם רב׳ס איידעם. דיא גאנצע צייט האט דער רב מיט איהם געלערינט נגלה אונ חסידות.

נאכדעם איז רחל זיין ווייב געשטארבען, האט ער גענומען אנאנדערע, און נאכדעם פלעגט ער אויך פאהרען צום רב, ביז דער רב איז נסתלק געווארען.

ג) דעם רב׳ס דריטער איידעם איז געווען הר״ר אלי׳ ב״ר מרדכי זלה״ה, ער איז געווען פארשריבען אין פנקס פון ח״ק אין לאזני.

## פרק נג. דעם רב׳ס רביים.

א) דער ערשטער אונ דער גרעסטער איז געווען רבינו הגדול הר״ר דוב בער זוקה״ה אין מעזעריטש אונ אין ראוונא.

ב) דער קדוש הר״ר אברהם וואס אין פוילין ווערט ער גערופען „דער מלאך״.

ג) הרה״ק ר׳ פינחס מקאריץ נ״ע.

ד) הרה״ק ר׳ מיכל פון זלאטשוב.

ה) מורינו הרה״ק ר׳ מנחם מענדיל נ״ע פון האראדאק.

ו) דעם הרה״ק ר׳ יששכר בער פון ליובאוויטש האט דער רב אויך גערופען „רבי״ וויל אין זיינע יונגע יאהרען האט ער פון איהם אקורצע צייט געלערענט. בכלל איז דער רב געווען אחכם וואס האט געלערענט גוטע מדות פון יעדען מענטשען, אונ בפרט פון דיא תלמידים וואס האבען געלערענט פון הה״מ נ״ע.

ז) אויך פון הר״ר יחיאל דעם בעש״ט׳ס איידעם האט דער רב איינינע זאכען געלערענט.

נור דיא הויפט רביים זיינע זענען געווען דער הה״מ אונ זיין זוהן דער היילינער ר׳ אברהם מלאך.

## פרק נד. דעם רב׳ס נאהנטע חברים.

א) הרה״ק ר׳ משולם זוסיל פון אניפאליע ער האט ליב געהאט דעם רב וויא א איינענעם ברודער.

ב) ר׳ משולם זוסילם אברודער, דער מחבר פון ספר נועם אלימלך. דער

רב

רב איז אמאל געווען ביי אמתנגדישען רב, האט ער ביי דעם רב געפרעגט זאגט מיר וואס איהר ווייסט פון מחבר נועם אלימלך, ווייל דער ספר ליגט אונטערען באנק, וואלט איך געוואלט וויסען זיין נאטור, זיינע מדות מיט זיינע דרכים . . .

— דאס וועל איך אייך זאגען קורץ . דער ספר ליגט ביי אייך אונטערען באנק, ווען איהר וואלט דעם מחבר אליין אוועק געליינט אונטערען באנק וואלט ער אויך קיין ווארט גערעדט, אזא עניו איז ער.

ג) הרה"ק ר' יהודה ליב כהן נ"ע פון אניפאליע דער רב האט גענומען פון איהם א הסכמה אויף זיין ספר „תניא" דערפאר אז ער האט נאכדעם געדרוקט זיין ספר „אור הגנוז" האט דער אדמו"ר „צמח צדק" גיגעבען אויף זיין ספר א הסכמה (דאס איז די איינציגע הסכמה וואס דער צ"צ האט אויף זיין לעבען גיגעבען) דער הרה"ק יל"כ איז געווען א חתן ביי דעם הה"מ. ער האט געהאט א ליבליכען קול ער רופט אין אניפאלי, ביי הה"מ.

ד) הרה"ק ר' לוי יצחק נ"ע פון בארדיטשוב, ער איז געבארען אין יאהר ת"ק, אז רבי לוי יצחק איז געבארען געווארען האט דער רבי ישראל בעש"ט געגעבען זיינע תלמידים לעקעך, ער האט געזאגט: עס איז אראפגעקומען א נשמה וואס וועט היידען גוטעס אויף יודען.

אז רבי לוי יצחק האט דורכגעלערנט דעם „תניא" האט ער געזאגט: דער רב ש"ז האט געוויזען א קונסט: ער האט אזא גרויסען גאט אריינגעשטעלט אין אזא קליינעם ספר'ל. ער איז געשטארבען אין יאהר תקע אין בערדיטשוב (כ"ה תשרי).

ה) הרה"ק ר' מנחם נחום נ"ע פון טשערנאבעל.

ו) הרה"ק ר' אהרן פון קארלין, ער איז געווען א תלמיד מובהק ביי דעם הה"מ, אמאל פרייטאג צוא נאכט נאכען עסען. ווען די חברים געזעסען ביי דעם הה"מ און האבען איבער געחזרת חסידות, און רבי אהרן איז געזעסען אין א בייזונדער צימער און האט געזאגט שיר השירים. פלוצלונג איז געקומען דער משרת פון הה"מ און האט געזאגט: וואו איז ר' אהרן? דער רבינו האט איהם געבעטען אז ער זאל אויפהערען צוא זאגען שה"ש ווייל ער מאכט דערמיט אויף יענער וועלט א גרויסען רעש, דער רבינו קאן ניט שלאפען . . .

ז) הרה"ק ר' אשר פון סטאלין, בעת מען האט נעמסרת דעם רב האט מען ר' אשר'ן אויך געמסרת נור ער איז ניט ארעסטירט געווארען.

ח) הרה"ק ר' שלמה פון קארלין, ער האט געקאנט יעדען מענשען זאגען וואס ער טראכט.

בעת די פוילישע מרידה איז ער געהרגת געווארען.

ט) הרה"ק ר' ישראל פאלצקער, און נאך פיל אנדערע, זייא זאלען זיין גוטע מליצים פאר אונז, זייער זכות זאל ביישטעהען אונז און כל ישראל אז מיר זאלען זוכה זיין זעהען זייא לעבעדיגער היינט בעת משיח צדקנו וועט קומען במהרה בימינו אמן.

## פרק נה דעם רבּ'ס הסתלקות.

אין יאהר 1812 תקע"ב איז גיוועזען די רוסישע מלחמה מיט די פראנצויזען, נאפאליאן דער ערשטער איז געקומען אין רוסלאנד מלחמה האלטען מיט דעם קיסר אלכסנדר נ"ע.

דער רב נ"ע האט זעהר פיל מתפלל געווען צוא גאט אז אונזער קיסר אלכסנדר נ"ע זאל מנצח זיין.

אונ גאט האט זיין תפלה צוגעהערט.

נור איידער נאפאליאן האט געהאט דיא גרויסע מפלה אין רוסלאנד, איז ער געקומען ביז „בארישאוו" אונ דער רב נ"ע איז דאן געזעסען אין לאדי (ניט ווייט פון בארישאוו) דער רב איז אנטלאפען מיט זיין הויז געזינד פון לאדי אונ ער איז נאך געפארען דיא רוסישע ארמייע, אונ זייא האבען איהם געהיט ווייל דיא שרים האבען געזעהן וויא דער רב נ"ע איז איבער געגעבען מיט מס"נ צוא דיא רוסישע רעגירונג, ער איז אזויא נאך געפארען מיט דיא ארמייע ביז נאפאליאן האט געהאט דיא גרויסע מפלה אין מאסקווע, אז ער האט זיך דער וואוסט פון דיא שמחה איז ער שוין מעהר ניט מיט געפארען אונ האט זיך אב געשטעלט אין דארף פייענא בייא איין קריסט אין אקרעטשמע, דער ארענדאר האט געזעהן פון הרב נ"ע גרויסע וואונדערליכע זאכען האט ער איהם געהאלטען מיט גרויס כבוד אונד האט איהם אב געגעבען איין בעזונדערען חדר.

דער רב נ"ע האט געוואלט בעזעצען זיך אין קרעמענצוג איבער ווינטער, האט ער דאן געשיקט זיין זאהן האדמו"ר ר' דובער הנקרא הרב האמצעי, דינגען אדירה, דארט.

נור בעוה"ר איז דער רב אונטער דער צייט איידער דער מיטעלער רבי איז געקומען צו פארען פון קרעמענצוג, קראנק געווארען, דען פון דיא טלטול הדרך האט ער זיך זעהר פערקיהלט אונ דאצו איז ער קראנק געווארען אויף דיא גאל ר"ל, אונ איין אלטער שוואכער מענש איז ער געוועזן, האט דאס אים נאך מעהר צוגעדריקט.

מוצש"קפ' שמות כ"ד טבת שנת תקע"ג איז ער נפטר געווארען, זיין היילינע נשמה איז ארויף אין הימעל, אונ זיין היילינען גוף האט מען געמוזט פיהרען 80 וויארסט ביז אידישען ב"ע אין האדיץ (פאלטאווער גוב') אונד דארט האט מען איהם מקבר געוועזן, (ווייל פאר זיין הסתלקות האט ער איינמאל דער מאנט האדיץ האט מען איהם דאפיר געפירט אז אין האדיץ).

אויף זיין קבר האט מען אויסגעמויערט א גרויסען אהל, זעהר פיעל מענשען קומען דארט פון דער גאנצער וועלט מתפלל זיין אויף זיין קבר.

אונ דעם חדר וואו ער איז נפטר געווארין האט דער ארענדאר פערשלאסען (ווייל ער האט געזעהן פון איהם אז ער איז געוועזן א געטליכער מאן), אונ אז עס קומען צו איהם אין קרעטשמע אחכ"י, לאזט ער אריין אין יענעם חדר נור מתפלל זיין, דער ארענדאר האט פאר זיין טויט זיינע קינדער פאר זאגט אז זיי זאלען אויך אזוי טאן.

דעם רבּ'ס הסתלקות האט זעהר בעקימערט דיא אנ"ש ובכל עיר ועיר וואו עס איז נאר דא פון אנ"ש האט מען געמאכט טרויעריגע הספדים.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.